Hebr. Ej 927

העפט I.

štrahlen

# שטראַהלען

## זאמעלבוך פיר ליטעראַטור, קונסט און קריטיק.

### אינהאלט:

צו די לעזער — די רעדאַקציע; פיין ניעמאַן (שיר) — ק. זינגמאַן; מיין אומעט (שיר) — נ. אייזען; תהילים (שטריכען) — א. נייַמאַן; די מוטער — ד׳אַמיטשיס, פון דייטש — ש. הורוויץ; הוהרובין — סווענטאָכאָווסקי, פון פויליש — אָלגין; די לעצטע געשטאָרבענע אין דער מדבר — ח. ביאַליק, פון העברעאיש — ש. הורוויץ; דער וואַלד רוישט — וול. קאָראָלענקאָ, פון ריסיש — פ. האַלפערין; הערבסטשענהייט (שיר) — א. קריזאָווסקי; קום צוגעהן (שיר) — ל. נייַדוס; קונסט (עסע׳) — ר. עמערסאָן, פון ענגליש — ה. קאַלמאַנאָוויטש; אַ ענגליש — ה. קאַלמאַנאָוויטש; אַ קוואַל אין דער הימעל (שיר) א. קריזאָווסקי; אין די פעלדער ערצעהלונג — גי־דע־מאָפּאַסאַן, פון פראַנצויז — י. א. גאָלדשמידט; די לבנה (שיר) — ש. גאָרדאָן; כאַראַקטעריסטיקען פון: ד׳אַמיטשיס, סווענטאָכאָווסקי, קאָראָלענקאָ, עמערסאָן און מאָפּאַסאַן.

פערלאַג „לעבען און וויסענשאַפט"

פרייז 25 קאָפּ.
פּאָרטאָ 8 קאָפּ.

ווילנא, 1909.

ШТРАЛЭНЪ. т. е. ЛУЧИ.

Сборникъ стихотворенiи.

Тип. Б. А. Клецкина. Вильно, Завальная, 33.

# צו די לעזער.

מיט דעם פֿאָרליגענדען העפֿט האָבען מיר ערפֿילט אונזער צוזאָג צו די לעזער פֿון אונזער זשורנאַל „לעבען און וויסענשאַפֿט“. מיר ווילען דאָ ווידערהאָלען און גענויער ערקלערען דאָס, וואָס מיר האָבען שוין געזאָגט דעם לעזער וועגען דעם פּראָגראַם פֿון די ליטעראַרישע זאַמעל־ביכער אין דריטען בוך „לעבען און וויסענשאַפֿט“.

די זאַמעלביכער שטראַהלען האָבען זיך געשטעלט פֿאָלגענדע אויפֿגאַבען:

1) צו איבערטראָגען אין יודיש די בעסטע מוסטערווערק פֿון דער אַלוועלטליכער ליטעראַטור.

2) בעקאַנט צו מאַכען דעם יודישען לעזער מיט די בעריהמטע ווערק פֿון די אייראָפּעאישע דענקער און קינסטלער וועגען יודען און יודישעס לעבען.

3) איבערזעצען אויף יודיש די ווערק פֿון יודישע גאונים פֿון קונסט און געדאַנק, וואָס זיי האָבען געשריבען אין אַנדערע שפּראַכען.

4) געבען וויסענשאַפֿטליכע און ספּעציעל קריטישע אַרטיקלען איבער ליטעראַטור און קונסט פֿון די בעסטע אָריגינעלע יודישע שריפֿטשטעלער, אַזוי אויך איבערזעצט פֿון בעריהמטע שרייבער אין אַנדערע שפּראַכען.

5) אין יעדען העפֿט שטראַהלען וועלען קומען קורצע כאַראַקטעריסטיקען און לעגענדע, ערנסט בעהאַנדעלטע, ביאָגראַפֿישע סקיצען פֿון די קלאַסישע שריפֿטשטעלער, וואָס זייערע ווערק זענען געדרוקט אין די זאַמעלביכער.

6) אויסער די אויבען דערמאָהנטע אָבטהיילונגען וועט אין די „שטראַהלען“ קימען נאָך אַ ספּעציעלע אָבטהיילונג אונטער דעם נאָמען פֿאָלקסשאַפֿונג. אין דיזער אָבטהיילונג וועלען קומען פּראָדוקטען פֿון יודישער פֿאָלקסדיכטונג, ווי: פֿאָלקסלידער, פֿאָלקס־מעשיות און לעגענדען, שפּריכען, ווערטלעך, וויצען און אַנעקדאָטען, וועלכע געהען אום אין דער יודישער מאַסע. מיר בעטען די לעזער צו זאַמלען פֿאַר אונז אַזעלכע ווערק פֿון דער יודישער פֿאָלקס־דיכטונג און צושיקען אין אונזער רעדאַקציע. דער נאָמען פֿון יעדען זאַמלער און צושיקער וועט זיין געדרוקט אין דערזעלבער אָבטהיילונג.

די איבערזעצונגען פֿון העברעאיש, רוסיש, פּויליש, דייטש, ענגליש, פֿראַנצויזיש, לאַטיין און גריכיש וועלען געמאַכט ווערען נאָר פֿון'ם אָריגינאַל, דורך בעקאַנטע יודישע שריפֿטשטעלער, וואָס בעזיצען, צוזאַמען מיט אַ שענעם ליטעראַרישען סטיל אין יודיש, אַ גרינדליכע קענטניס אין דער שפּראַך פֿון וואַנען זיי איבערזעצען. פֿון די איבריגע שפּראַכען וועלען די איבערזעצונגען געמאַכט ווערען, ווי ווייט מעגליך פֿון אָריגינאַל.

אַ חוץ דעם וועט אין די זאַמעלביכער, אַזוי ווי אין זשורנאַל, געלעגט ווערען פֿיעל אויפֿמערקזאַמקייט אויף די ענטוויקלונג און ערציהונג ביי אונז פֿון נייע, יונגע ליטעראַרישע קרעפֿטען, וועמעס ווערק מיר וועלען מיט פֿערגניגען דרוקען, ווען מיר וועלען נאָר בעמערקען אין זיי אַ שטעמפּעל פֿון אמת'ן טאַלאַנט. צי דערזעלבער צייט וועלען אָבער אויך קומען אין די שטראַהלען אונזערע עלטערע שריפֿטשטעלער, וועלכע זענען שוין אַנערקענט און אין פּיבליקום געליעבט.

אויף אַזאַ נ'אופֿן וועלען די זאַמעלביכער שטראַהלען, צוזאַמען מיט דעם זשורנאַל „לעבען און וויסענשאַפֿט“ העלפֿען אויסצואַרבייטען ביי דער יודישער יוגענד אַנ'אַלזייטיגע פּראָגרעסיווע און הומאַנע וועלטאַנשויאונג. וועהרענד דער זשורנאַל שטעלט זיך פֿאַר אַ ציעל ווירקען מעהר אויף דעם גייסט און דעם בעוואוסטזיין פֿון זיינע לעזער, וועלען די זאַמעלביכער שטראַהלען ווירקען מעהר אויף דער עסטעטישער ערציהונג אים אויסצובילדען אין דעם לעזער אַ פֿיינעם ליטעראַרישען געשמאַק און שטרעבונג צו אַלץ, וואָס איז עדעל און ערהאַבען.

דאָס 1־טע פֿאָרליגענדע העפֿט „שטראַהלען“ איז בלויז אַ פּראָבע. אַלס פּראָבע קאָן עס ניט זיין פֿאָלקאָמען. מיר וועלען אָבער זיך מיהען וואָס ווייטער אַלץ רייכער צו מאַכען דעם אינהאַלט פֿון די זאַמעלביכער, אַלץ נעהענטער ברענגען איהם צו דער פֿערווירקליכונג פֿון דעם

(זעה הילע זייטע 3.)

פערלאַג
לעבען און וויסענשאַפט.

# שטראהלען

זאמעלבוך פיר ליטעראטור,
קונסט און קריטיק.

העפט I.

1909.

## ק. זיינגמאן. ביים ניעמאן.

אָ, זעה די נאַכט, די זומער־נאַכט
אָ, קוק אין איהר אַריין:
זעה, דאָרט, ווי ליעב דער שטערן ווינקט,
ווי צערטליך איז זיין שיין.

אָ, געה אַוועק צום ברעג פון טייך,
און דאָרט קוק אָן די נאַכט!
עס שטעהט אַ וואַלד מיט סודות פול...
ער קוקט אַזוי פערטראַכט.

אָ, קוק אַריין, אין וואַסער־שיין
דעם סוד דערגעהסטו באַלד:
דו זעהסט אַקוש, אַ ליעבעס־קוש —
פון ניעמאַן מיט'ן וואַלד...

## נ. אייזען. מיין אומעט.

צוזאַמען מיט מיר איז מיין אומעט געבוירען
און איז אומעטום מיין בעגלייטער;
ער טריפט פון זיין גאַל אין'ם כוס פון מיין לעבען,
אויף ס'ליכט מיינס זיין שאָטען פערשפרייט ער.

און געה איך צום טאָל אַמאָל, בלומען צו קלייבען —
איך זעה איהם פון טאָל זיך ערהויבען;
און קום איך צום באַרג, אויף די שפיצען צו שטייגען —
ער שטרעקט שוין די האַנד מיר פון אויבען...

ביי שוימענדע כוסות, ביי רוישענדע טאָסטען
לאָזט ער אין מיין שטימע זיך הערען;
און אין קאַראַהאָד מיט מיר געהט ער צוזאַמען
און טוט מיר די שמחה פערשטערען.

ער נעהמט מיך אַרום מיט די ביינינע אָרעמס
און דריקט מיך און דריקט ביז צום שטיקען; —
און טרעט ער װען אָב אָן אַ זײַט אויף אַ װײַלע,
דאַן פֿיהל איך אויף מיר זײַנע בליקען...

און דאָך ביזטו ליעב מיר, מײַן ברודער, מײַן בלאַסער,
און ס'איז דײַן געזעלשאַפֿט מיר טײַער —
איך האָב אַ חוץ דיר דאָך קײַן חבר אין לעבען,
דו ביזט דאָך מײַן אײנציג געטרײַער...

# א. נײמאַן. תהלים.

(שטריכען).

ער האָט אַ פֿידעל געקויפֿט, זיך עטליכע אומעטיגע, קורצע שטיקלעך אויסגעלערענט און אויף דער װעלט זיך לאָזען געװאָלט.

שוין מעהר װי אַ יאָהר, אַז ער איז בלינד געװאָרען און זיצט אין שטוב. װען ער איז װעהענדיג געװען, פֿלעגט ער אויף די דערפֿער געהן, און ביי די גוים געבעטען, זיי זאָלען איהם עפּיס פֿערריכטען געבען. זומער אין די היצען, װינטער אין די קעלטען, פֿלעגט ער מיט'ן פּעקיל אויפ'ן אָרעם אַרומגעהן און מיט'ן שטעקען אין דער האַנד. אַ גאַנצע װאָך איז ער אַזױ געגאַנגען, געלעבט מיט אַ שטיקעל ברויט און עטליכע קאַרטאָפֿעל, און אויף שבת פֿלעגט ער אַ היים קומען, װען די זון האָט זיך געזעצט. אַװעקגעבען שרה'ן, דער װײַב, די פּאָר גילדען און זיך גענומען אַרומװאַשען פֿון דעם שטויב און בלאָטע, װאָס איז אויף איהם געװען.

באַלד נאָך הבדלה, — די שטוב אין בריטע שװערע שאָטענס אײַנגעהילט. אַ זומער־אָבענד. עס ציטערט נאָך דער לעצטער טאָן פֿון די אומעטיגע זמירות. עס ציהט אויפ'ן גאַס. די לבנה שמייכעלט, שטערען װינקען, װינקען און בעטען און חופּען אַרויס, אַרויס. אַ װײך־װינטעלע גלעט, קושט אין פּנים אַזוי ליעבליך. אַ פֿרישע פֿײַכטקײַט טראָגט

זיך פון אונטער שטעטעל, פון דאָרט, וואו דאָס טײַכעלע זילבערט און שפּיגעלט זיך אין דער לבנה־שײַן.

די קינדער זענען אויפ'ן גאַס און אַ פרעהליך געלעכטער קלינגט אין דער לופט. מיט'ן פּעקעל אויפ'ן אָרעם און דעם שטעקען אין דער האַנד שטעהט ער און קוקט אויף די קינדער. — „אַ גוטע נאַכט“, — זאָגט ער זייער שטיל. שטיל. זיי קוקען איהם אָן; אין די אויגעלעך שימערן טרערען. און ער פערשווינדט אין די שענע, טיפע, ווײַטע נאַכט. דאָרט אין פעלד, אויפ'ן גראָז שטעלט ער זיך עטליכע מאָל אָב, וואַרפט אַ בליק צוריק און דאָס האַרץ בענקט נאָך די קינדער. ווינטער.

אויפ'ן קאָמינאָק ברענט אַ פײַער. די קינדער שטעהען, וואַרעמען זיך, הערען זיך אײַן, ווי עס וויינט אין דרויסען דער ווינט, און די פנימ'לעך רויטלען זיך פון פלאַם. אַ טיפער אומעט דריקט די לופט; צווישען די צעריסענע וואָלקען ווײַזט זיך אויף אַ רגע אַ דערשראָקענע, בלייכע לבנה. ער שטעהט צווישען די קינדער, קוקט אויפ'ן פלאַם און זיפצט... „אַ גוטע נאַכט“, — זאָגט ער שטיל, כמעט וויינענדיג. — „אַ גוטע נאַכט“, — וויינט מיט דער ווינט. און דאָרט אויפ'ן פעלד זוכט ער מיט'ן שטעקען אַ וועג און די אויגען — אַ פײַערל. די וואָך געהט אַוועק... דער רוקען בויגט זיך איהם אַלץ עפּיס נידריגער און די קינדער וואַרטען אויף איהם...

ער פלעגט קומען פרעהליכער, ווי ער איז אַוועקגעגאַנגען. נאָר איינמאָל פרײַטאָג, ווען ער איז פון וועג געקומען, האָט ער זיך בעקלאָגט, אַז די אויגען טוען איהם וועה, ער קען אויף די ליכטיגע זון ניט קוקען. ביז דעמאָלט האָט ער זיך קיינמאָל ניט בעקלאָגט.

ער איז אין דער היים געבליבען. איז ער דאָס אָבער נישט געוועהנט געווען. עס האָט איהם אין וועג געצויגען. דעם שטעקען אין האַנד פלעגט ער טיילמאָל כאַפּען און איבערן שטוב אַרומלויפען... דאָס בלאַסע פנים איז בלאַסער געוואָרען, די אויגען פערצויגען און פײַכטער, און דער באָרד איז כמעט אינגאַנצען גרוי געוואָרען.

אַז צוויי וואָכען איז אַריבער, ווי ער איז אין שטוב געזעסען, איז ער אינגאַנצען קראַנק געוואָרען. אין שטוב

איז די נויט גרוים געווען. ער האָט, ווי אין חלום, אַוויינען געהערט — און דאָס וויינען האָט זיך געמישט: ער האָט ניט געוואוסט, ווער עס ווײנט: שרה אָדער די קינדער.

ווען איהם איז בעסער געוואָרן און ער האָט די אויגען געעפענט, האָט ער געפרעגט, צי עס איז נאַכט, און געבעטען מען זאָל אַ ליכט אָנצינדען; ס'איז אַזוי פינסטער. — — —

ער האָט ניט געוויינט, נור דאָס פּנים איז גרין־בלאַס געוואָרען, די ווייסלען אין די אויגען ברייטער, און אַזיפץ האָט זיך איהם אַרויס געריסען. — ווייטער גאָר נישט. שטיל איז ער אין אַווינקעל געזעסען, דעם קאָפּ אויף די הענד אָנגעשפּאַרט, מיט קיינעם נישט גערעדט, און ווי פון עפּיס געטראַכט.

איז אַקינד צו איהם צוגעקומען, האָט ער עס געגלעט, אַרומגענומען אַזוי פּאַמעלעך, ווי ער וואָלט מורא געהאַט בלינדערהייט עס עפּיס טון... און דערביי האָט ער די ווייסלען אַזוי פונאַנדערגעריסען, אַז דאָס קינד פלעגט זיך דערשרעקען און מיט אַגעוויין אַנטלויפען צו דער מאַמען...

עסען פלעגט ער ווייניג, און ווען מען האָט איהם דערלאַנגט, האָט ער זיפצען אָנגעהויבען. — — — —

ס'זענען אָנגעקומען די לאַנגע ווינטער־נעכט.

אין שטוב איז פינסטערליך, קאַלטליך. די קינדער זיצען נעבען דער מאַמען, טוליען זיך צו איהר און הערען זיך איין. ער קען אַזוי אָבזיצען אַגאַנצע נאַכט, און אַליץ ערגיץ אין דערווייט מיט די ווייסלען קוקען. די קינדער שרעקען זיך און וויינען טיילמאָל. נור ווען דוד'ל איז איינמאָל ביי־נאַכט פון חדר געקומען, האָט ער איהם צוגערופען און געהייסען תהלים מיט איהם זאָגען. אין די טונקעלע, ברייטע שאָטענס האָבען זיך וויינענדיגע, שטילע קאַפּיטלעך געוועבט, און דער ווינט האָט זיי מיט טרויער צום הימעל געטראָגען. עס האָט איהם געצויגען, גערופען, און איהם האָט זיך געדאַכט אַז...

...ער געהט ווידער אין פעלד, זאַנגען וויגען זיך, די נאַכט פאַלט צו. נאָהענט פון דאָרף יאָגט דער פּאַסטוך די סטאַדע שלאָפען און שפּילט אויפ'ן פייפעלע שטיל, האַרציג. אויפ'ן הימעל־ראַנד דערהויבט זיך די לבנה, בלאַס; עס וועהט אַ ווינטעלע; און אַנטקעגען איהם ווינקען די פייערלעך, וואָס

מען האָט אין די קליינע הײַזלעך אָנגעצונדען. עס איז אַזוי גוט...

און דאַמאָלס, אינמיטען זאָגען, פֿלעגט ער פֿון אָרט אויפֿשטעהן, דאָס פּנים האָט געפֿלאַקערט, די ווײַסלען ווײַט און ברייט פֿערריסען, די הענד פֿערשפּרייט, און ווי נישט מיט עפּיס זײַן קול, פֿלעגט ער בעטען:

— דוד׳ל, דוד׳ל, זאָג, דוד׳ל... דערנאָך אַ נידערפֿאַלען אויף זײַן אָרט, דאָס פּנים בלאַס ווי פֿריהער, און שטיל האָט ער ווײַטער געזאָגט... דוד׳ל האָט אַזוי אויפֿ׳ן טאַטען רחמנות געהאַט: — ער דאַרף, איך זאָל מיט איהם זאָגען... אַ גרויסער, אַ טאַטע...

דערווײַל די נויט וואַקסט, די קינדער וויינען: „ברויט“. שׂרה קלערט: — ער מוז אויף די וועלט געהן... נישטאָ קײַן אַנדער עצה. און ער — גאָר נישט. זיצט אין ווינקעל שטום און קוקט אַזוי — — — —

ווינטער, בײַ=נאַכט.

דער פֿראָסט ברענט. אַ קאַלטע לבנה וואַנדעלט און שטערען פֿינקלען. די פֿענסטער זענען מיט פֿראָסט פֿערקאָוועט און די ווענד מיט שניי בעדעקט. אַלע שלאָפֿען און זיפֿצען פֿון חלום. נור ער זיצט אויפֿ׳ן געלעגער און קוקט, קוקט...

ער שפּרינגט אַראָב, טאַפּט אָן דוד׳לן, וועקט איהם אויף און טראָגט איהם אויף די גאַס אַרויס. מיט זײַן אַלטען שאַל האָט ער איהם דאָס פּנים אַרומגעוויקעלט און נאָך אַ קאַפּאָטקעלע איהם אָנגעטאָן. דוד׳ל וויינט נית — ער איז שוין צו דעם געוועהנט... די אויגעלעך קלעפּען זיך איהם נאָך, ער הערט, ווי דער שנעע סקריפּעט אונטער דעם טאַטענ׳ס פֿוס און פֿיהלט, ווי די פֿינגערלעך פֿערגעהען איהם. דער טאַטע טראָגט איהם אין בית=המדרש. ער טרעפֿט... דאָרט זעצט ער דוד׳לען אויף אַ באַנק נעבען אויוען, ער שטעהט און ביידע זאָגען תהלים, זאָגען אַזוי זיס מיט אַ ניגון, ביז דער פֿריהמאָרגען שײַנט דורך די ברודיגע פֿענסטער, און מענשען הויבען אָן זיך צוזאַמענקומען. — — —

שׂרה וויינט: — וואָס ווילסטו נעבעך פֿון קינד האָבען?...

און ער שווײַגט, איז בלאַס=גרין און דער רוקען בויגט זיך איהם שטאַרקער אײַן.

זומער, — נאַכט.

די טיר איז אָפֿען. אַ נאַכט־ווינטעלע גנב'ט זיך אַריין און וועקט איהם: „קום אַרויס“... דער הימעל איז העל־בלוי, שטערען צאַנקען און אַ בלאַסע, צאַרטע לבנה קוקט אין פֿענסטער אַריין. ער געהט פֿון זיין געלעגער אַראָב. וועקט דוד'לען אויף און געהט מיט איהם אויפֿ'ן גאַס אַרויס. דאָרט איז טונקעל, אַ געראויש פֿונ'ם נאָהנטען טייכעלע און ריחות פֿון די יונגע בוימלעך, וואָס וואַקסען אונטער שטאָט, טראָגען זיך. אַ שטיל לערנען גיסט זיך פֿון אַ אָפֿען פֿענסטער. דאָס לערנט ר' יחזקאל דיין. און ווייטער איז שטיל, שטיל... אַ הייליגע, פֿאַרכטיגע שטילקייט.

זיי זאָגען תהלים און פֿערגעסען זיך. דאָס שטאַרקט עס זיך, דאָ ווערט עס שוואַכער. דעם דיינ'ס לערנען ווערט פֿערטרונקען אין זייער זאָגען. אַ נאַכט־פֿויגעלע כאַפּט אונטער, צעגיעסט זיך אין בענקט נאָך דער זון. און אַז די זון בעוויייזט זיך, ברענט די אַלטע, הויכע שול אין אַ פֿורפור־פֿלאַם. ער זעהט ניט, נור פֿיהלט עס. — זאָג, דוד'ל, זאָג... בעט ער.

ביי־טאָג איז ער בלאַס־גרין. די קינדער וויינען: „ברויט“, און דוד'ל געהט שוין ניט אין חדר. ער וועט מיט'ן טאַטען איבער דער וועלט געהן און איהם ביי דער האַנד פֿיהרען. דער טאַטע לערענט זיך אויפֿ'ן פֿידעל; קינדער שטעהען ביי'ן פֿענסטער און הערען אויס. ער שפּילט אַזוי אומעטיג, וויינענדיג, און עס קאַפּען זיי די טרערען איבער די בלאַסע פּנים'לעך...

זיי וואָלטען שוין לאַנג אויף דער וועלט געגאַנגען, נור דוד'ל ווערט קראַנק. די חדר־קינדער זאָגען תהלים, און ער זאָגט מיט. און אינמיטען וויינט ער: — דוד'ל, זאָג, דוד'ל...

שרה האָט שוין אין שול איינגעריסען. די שוועסטערלעך וויינען אַזוי, — און ער זעהט גאָר ניט... — —

אַ גרויער פֿריה־מאָרגען.

מען פֿיהרט איהם נאָך דער מיטה. ער וויינט ניט. — —

נור, אַז מען האָט איהם אויפֿ'ן בית־הקברות קדיש געהייסען זאָגען, האָט ער תהלים געזאָגט. — — — —

שבעה איז אַריבער. נאַכט.

עס האָט זיך אַ שטורם געטראָגען, נור דער הימעל האָט זיך אויסגעלייטערט. די לופֿט איז פֿון ווינטעל ריין גע־

ווארען און פייכטליך. די לבנה — בלאס, פער׳חלומ׳ט און פער־בענקט. די שטערענדליך בלוי, ציטערענדיג. די גראזען אויף די געסלעך זילבערן זיך און וויגען טוי איין. די געסלעך אין שאטען — זילבער־בלויע — איינגעהילט. — הייליגע סודות... די פענסטער זענען אפען, א ווינטעלע שפילט זיך און ברענגט ריחות פון די גראזען, וואס וואקסען אויפ׳ן יונגען קבר... שטיל זיצט ער אויפ׳ן געלעגער. די לבנה קוקט אויף איהם מיט רחמנות, די שטערענדליך ציטערן. דאס לערנען פון דיין האט א ציטער געטאן. — — —

ער שפרינגט אראב, נעהמט דאס פידעל, זאגט הויך דעם תהלים און שפילט צו — דוד׳לס קולכ׳ל... די קינדער און שרה כאפען זיך אויף, צעוויינען זיך און קוקען מיט מורא אויף איהם... ער זאגט, שפילט און די שלאפענדע לופט ציטערט. נור אינמיטען פאלט דער פידעל איהם פון דער האנד ארויס און ער וויינט, בעט: — דוד׳ל, דוד׳ל זאג, דוד׳ל...

— — — — — —

## א. קרייזאווסקי. א קוואל איז דער הימעל.

א קוואל איז דער הימעל,
א קוואל איז מיין הארץ.
און ביידע זיי טראגען
דער וועלט׳ס טיפען שמארץ...
און ביידע זיי בענקען,
נאך שענקייט, נאך שטערען;
און ביידע זיי קלאגען, —
זיי גיסען מיט טרערען...
און הערסט דו א זיפץ וועו,
א דונער, א קנאל? —
— דאס געהעי אריבער
די ברעגעס פון קוואל!...

# ד'אמיטשיס. די מוטער.

דאָס איז געווען אין יענע טעג, ווען דער ווינטער געהט אַוועק און מאַכט פּלאַץ פֿאַר דעם פֿריהלינג. אַנ'אָבענד איז דאָס געווען אַ קלאָרער, שטילער און רוהיגער אָבענד פֿון יענע ערשטע פֿריהלינגס=טעג, ווען מען עפֿענט פֿאַרנאַנדער צום ערשטען מאָל טיר און פֿענסטער, מען לופֿטערט די זומער=קליידער און מען טראָגט אַרויס די וואַזאָנעס אויף דעם אָפֿענעם גאַניק. שען איז אַזאַ אָבענד אויפ'ן לאַנד; אָבער אויך אין שטאָדט פֿיהלט מען זיך מונטערער, יונגער און לעבעדיגער. געהענדיג דורך די גאַסען שפּירט מען צייטענווייז אין געזיכט אַ לינדען, שמעקעדיגען ווינטעל, עפּיס אַזוי אַנגענעהם, אַזוי הוות'דיג. פֿיהלט זיך דאָס אַריח פֿון די בלומען און גראָזען, וואָס וועלען באַלד שפּראָצען און בליהען? ווער ווייס? דער ריח איז אַנ'אונבעקאַנטער, אַנ'אונבעשטימטער, אָבער ער איז פֿול מיט פֿרישקייט, מיט יוגענד און לעבען. מיר אָטעמען, מיר זופּען דורשטיג יענע לופֿט מיט'ן מויל און מיט'ן נאָז און פֿיהלען עפּיס אַ דערקוויקען אין אַלע אונזערע גלידער.

אין אַזאַ שענעם אָבענד איז אָנגעקומען אונזער פֿאָלק אין איינע פֿון די גרעסטע שטעט פֿון איטאַליען. די סאָלדאַטען האָבען זיך פֿאַרנאַנדערגעלאָזט איבער די גאַסען, וואַרטענדיג ביז עס וועט זיך אָבלעדיגען פֿאַר זיי אַ קאַזאַרמע. און מען וועט אָנהויבען טרייבען צום אָברוהען.

אַלע זענען נאָך געווען אין פֿולער אַמוניציע, מיט די ראַנצעס, ברויט=זעקלעך און פֿלעשער אויף זיך. מיעד פֿון וועג, די קליידער און האָאָר פֿול מיט שטויב זענען געשטאַנען די סאָלדאַטען קופּקעס=ווייז אין אַלע ווינקעלעך, דעם רוקען אָנגעשפּאַרט אָן וואַנד, די הענד צונויפֿגעלעגט אויף דער ברוסט, און די פֿיס פֿערוואָרפֿען איינע אויף די אַנדערע, אָדער אַז ניט, זענען זיי געשטאַנען ניט ריהרענדיג זיך און אַריינגעקוקט מיט אָפֿענע מייַלער אין די שענע פֿענסטער פֿון די גרויסע קראָמען, וואו עס זענען געווען אויסגעלעגט מעדאַליען און אָרדענס און אַלערליי פֿאָרמען און פֿאַרבען. פֿיעלע זענען אַריין אין ווינשענקען אָבצופֿרישען זיך מיט

אַ גלעזיל משקה, אַנדערע, וואָס זענען געוועזען ניט אַזוי מיד, האָבען זיך אַרומגעדרעהט איבער די גאַסען. אַלע האָבען געהאַט ערנסטע פּנים'ער: אָדער זיי האָבען געשוויגען, אָדער גערעדט שטיל און ניט ווילענדיג, אַ טייל — פֿון מידקייט און שלעפֿעריגקייט, און אַנדערע ווייל זיי האָבען זיך געפֿיהלט פֿרעמד אין דער גרויסער אינבעקאַנטער טומעלדיגער שטאָט.

אין מיטען אַ קופּקע סאָלדאַטען, וואָס זענען געזעסען מיט אַזעלכע ערנסטע מינעם אויף די טרעפּליך פֿון אַ קלויסטער, נעבען דער קאַזאַרמע, האָט זיך שטאַרק געלאָזט הערען די לוסטיגקייט און פֿריילכקייט פֿון איין סאָלדאַטעל, וואָס איז אומגעלאָפֿען אויף די טרעפּליך דאָ אַרויף, דאָ אַראָב און גערעדט און געשפּאַסט אָהן אַנ'אויפֿהער.

דאָס איז געוועזען אַ יונגער מאַן, קליין געוואַקסען, אָבער שלאַנק און ספּריטנע. זיין געזיכט איז געוועזען ניט בעוואַקסען; עס האָט געהאַט, אַנ'אַנגענעהמען אויסדרוק און צוויי גרויסע, בלויע אויגען. ער איז געשפּרונגען און האָט געטאַנצט ווי אַ קינד. דאָ איז ער צוגעלאָפֿען צו דעם, דאָ צו יענעם, און אָנגעשושקעט אַלעמען פֿולע אויערען; איינעם האָט ער אַ ציהגעטאָן פֿאַר'ן אַרבעל, ביי דעם אַנדערען אַראָבגעריסען פֿון דער קעפּקע די קאָקאַרדע און געלעגט זי איהם אויף די קניע; אַ דריטען האָט ער צוגעמאַכט די אויגען מיט דער האַנד און געהייסען איהם טרעפֿען: ווער דאָס איז? עס האָט זיך געדאַכט, אַז ער איז אינגאַנצען פֿון קוועקזילבער. אַז איך בין פֿאַרביי געגאַנגען דעם קלויסטער, האָט ער זיך מיר געוואָרפֿען אין די אויגען. איך האָב זיך אָבגעשטעלט אויף דער אַנדערער זייט גאַס, צו בעטראַכטען איהם איינינגע מינוט. „וואָס איז מיט איהם אַזוי די שמחה?“ קלער איך ביי זיך. זיין געזיכט האָט צו זיך געצויגען, ווייל עס האָט אָבגעשפּיגעלט אין זיך אַזוי פֿיעל אָפֿענהערציגקייט און חן. איך בין אַוועק ווייטער, אָבער ער איז מיר אימער געשטאַנען פֿאַר די אויגען.

אויף מאָרגען בין איך געוואָר געוואָרען, אַז דער סאָלדאַט דינט שוין פֿיער יאָהר. די גאַנצע צייט, זינט ער איז אַוועק פֿון דער היים ביז יענעם טאָג, האָט ער נאָך קיין איין מאָל ניט געקראָגען קיין אורלויב, צו בעזוכען זיין דאָרף, זיין פֿאַמיליע. ווי מען האָט מיר איהם געשילדערט — האָט ער

גֶעהאַט אַ װײַכֶע אַ גוּטֶע האַרץ, גֶעװעֶן שטאַרק צוּגֶעבּוּנדֶען צוּ דִי עֶלטֶערְן, צוּ דֶעם אָרט, װאוּ עֶר אִיז גֶעבּאָרֶען אוּן װאוּ עֶר האָט פֶערבּראַכט זײַן קִינדהײַט; פוּן נאַטוּר אִיז עֶר גֶעװעֶן אַן אִידעֶלעֶר, אַן אִיבּערגֶעגֶעבּענֶער, האָט פײַנט גֶעהאַט הוּלִיעֶן װִי אַנדֶערֶע סאָלדאַטֶען אוּן האָט זִיךְ אִימֶער אוֹיפגֶעפִיהרט אָרְדֶענטלִיךְ אוּן אָנשטֶענדִיג. אַ סאָלדאַט מִיט אַזאַ כאַראַקטֶער האָבֶּען דִי פִיער יאָהר, װאָס עֶר האָט אָפּגֶעלֶעבּט אִין קאַזאַרמֶע, װײַט פוּן דֶערהײם אוּן דֶער פאַמִילִיֶע, גֶעמוּזט אוֹיסקוּקֶען צװײ מאָל אַזוֹי לאַנג, אוּן אַזוֹי אִיז טאַקֶע גֶעװעֶן אִין אֶמת'ן. עֶר האָט שטֶענדִיג אוֹיסגֶעזעֶהעֶן עֶפּיס מעֶלאַנכאָלִיש, אִין דֶער קאַזאַרמֶע האָט מעֶן פוּן אִיהם קײן װאָרט נִיט גֶעהעֶרט. אִין קאָמפּאַנִיֶע מִיט אַנדֶערֶע האָט מעֶן אִיהם כמעט קײן מאָל נִיט גֶעזעֶהעֶן. אִין דִי פרײַע שטוּנדֶען, װעֶן זײַנֶע קאָמעֶראַדֶען פלעֶגֶען שפּאַצִירֶען אוֹיף דִי בּוּלװאַרֶען אוּן זוּכֶען שעֶנֶע מײדלעֶךְ מִיט װעֶמעֶן צוּ פֶערבּרעֶנגֶען, פלעֶגט עֶר אַרוּמגֶעהן הִין אוּן צוּרִיק, אִין אַלֶע זײַטֶען אוֹיפ'ן מוּסטִירפּלאַץ מִיט אַן אַראָבּגֶעלאָזעֶנֶעם קאָפּ, אָדֶער אִיז גֶעזעֶסֶען עֶרגֶעץ אוֹיף אַ שטײן אִין אַ װִינקֶעל פוּן אַן אָבּגֶעזוּנדֶערטֶער סטִיעֶזשקֶע אוּן גֶעמאָלט עֶפּיס מִיט'ן פוּס פֶערטראַכטֶער-הײט אִין זאַמד. גֶעטראַכט האָט עֶר דאַמאָלס שטֶענדִיג װעֶגֶען זײַנֶע עֶלטֶערֶען, פרײַנד אוּן דִי פעֶלדֶער אוּן לאָנקֶעס, װאָס עֶר האָט שוֹין פִיער יאָהר נִיט גֶעזעֶהעֶן, אָבּעֶר מעֶהר פוּן אַלץ האָט עֶר גֶעטראַכט װעֶגֶען זײַן מוּטעֶר. זײַן מוּטעֶר אִיז גֶעװעֶן אַן אָרִימֶע דאָרפס-פרוֹי, אַלט אוּן שװאַךְ, אָבּעֶר שטֶענדִיג פרײליךְ, אוּן מוּנטעֶר, זעֶהר אַ גוּטֶע אוּן גֶעטרײַעֶ. פוּן אַלֶע אִיהרֶע זִיהן האָט זִי דֶעם סאָלדאַט גֶעלִיעבּט צערטלִיכֶער אוּן הײסעֶר. זִי פלעֶגט אִיהם אָפט שרײַבּעֶן אָדֶער בּעֶטעֶן עֶמִיצֶען אָנשרײַבּעֶן; זײַנֶע בּרִיעף װִידֶער פלעֶגט זִי דרִיקֶען אָפט צוּ דִי לִיפּעֶן אוּן טראָגֶען זײ אִין בּוּזעֶם װִי אַ הײלִיגֶע קמיע. דאָס האָט פִיעל אִיהר גֶעלִינדֶערט דעֶם שמעֶרץ פוּן דֶער שײדוּנג מִיט אִיהר טרײַעֶן גֶעלִיעבּטעֶן זוּהן. דאָס זעֶלבֶּע אִיז גֶעװעֶן מִיט אִיהרֶע בּרִיעף צוּם זוּהן. אָבּעֶר פּאַפִּיער בּלײַבּט פאָרט פּאַפִּיער, אוּן אַ מוּטעֶר װִילט זִיךְ זעֶהעֶן אַ קִינד; עֶס װִילט זִיךְ אִיהר האָבּעֶן עֶס פאַר דִי אוֹיגֶען, קעֶנֶען אַרוּמנעֶמֶען אוּן קוּסעֶן. אוּן דאָס זעֶלבֶּע אִיז מִיט אַ לִיעבּעֶנדעֶן זוּהן. אוּן דֶערִיבּעֶר זעֶנֶען בּײַ דֶער אַלטעֶר אוּן בּײַ אִיהר זוּהן דעֶם סאָל-

דאַט יענע פֿיר יאָהר אַוועק דאָ אין האָפֿען, דאָ אין פֿערלירען די האָפֿנונג, אין קלעמעניס, זאָרג און האַרצקלאַפּעניס. אָנקומענדיג אין דינסט איז ער אַוועק מיט זיין פאָלק פֿון זיין דאָרף, ערגעץ אין נאָרד-איטאַליען, אויף די אינזעל סיציליען, ווייט איבער'ן וואַסער אין דרום-זייט, (אַ קלייניגקייט אַזש אין „סיציליען", „איבערן גרויסען וואַסער" — מען קען זיך פֿאָרשטעלען, וואָס דאָס האָט בעטייט פֿאַר דער אָרימער אַלטער). דאָ האָט ער געמוזט בלייבען גאַנצע צוויי יאָהר. דערנאָך איז ער אַוועק מיט'ן פאָלק ערגעץ אַנדערש וואו, אויך ווייט פֿון דער היים, דאָרטען ווייטער אַ יאָהר פֿערבראַכט, נאָכדעם האָט מען געהייסען געהן אין אַן אַנדער שטאָט אין מיטעל-איטאַליען נאָך אויף אַ יאָהר. אין אַ שענעם פֿרימאָרגען האָט זיך געלאָזט הערען די בשורה, אין פאָלק, אַז מען וועט ווייטער מאַרשירען. וואוהין איצטער? האָט געפֿרעגט אונזער סאָלדאַט זיין סערזשאַנט, וואַרטענדיג אָהן אַן'אָטעם אויף זיין ענטפֿער. „נאָך נאָרד-איטאַליען" האָט יענער געענטפֿערט. נאָך נאָרד-איטאַליען? דאָס איז דאָך אַהיים צו! דעם סאָלדאַטס האַרץ איז שיער ניט צעשפרונגען פֿון קלאַפּעניס. „וואוהין איז דאָס?" האָט ער ווידער געפֿרעגט, דער סערזשאַנט האָט איהם אָנגערופֿען די שטאָט, דאָס איז געווען די נאָהענסטע שטאָט צו זיין דאָרף. „אַך!" האָט ער אַ געשריי געטאָן און שיער ניט געוואָלט אַרומנעהמען זיין סערזשאַנט, און איז טאַקע נאָך אַ האָר ניט אַרעסטירט געוואָרען פֿאַר אַזאַ מעשה.

נאָך דעם זעלבען אָבענד, קוים האָט ער געקראָגען אַ שטונדע פֿריי, האָט ער באַלד געגעבען צו וויסען אַהיים.

אָט דאָס איז אַלזאָ געווען די אורזאַכע פֿון זיין גרויס שמחה אין יענעם אָבענד. פֿון דער שטאָט, וואו זיין פאָלק איז איצטער אָנגעקומען איז געווען נאָר עטליכע שטונדען רייזע צו זיין דאָרף.

צוויי טעג זענען אַוועק. דער סאָלדאַט האָט אַלץ געקלערט איבער דעם פלאַן צו בעטען ערלויבניס אויף עטליכע טעג און לויפֿען אַהיים. און ווי ער קלערט אַזוי, ערשט מען דערלאַנגט איהם אין קאַזאַרמע אַ בריעף. ער איז אַוועקגעלאָפֿען אין אַ ווינקעל און באַלד אויפֿגעריסען דעם קאָנווערט. מיט ציטערנדע הענד האָט ער פֿאַרנאַנדערגענומען דעם בריעף

און ווי ער האט אויפגעהויבען די אויגען צום שוואכען פייערל פון לאמפ צו לעזען איהם, האבען אין זיי געגומען בלישטשען צוויי טרערען. ער האט דעם בריעף ניט געלעזען, ער האט געשלונגען מיט די אויגען, געשאקעלט מיט'ן קאפ, און נאכגעמורמעלט ווי א צעמישטער איטליכעס ווארט מיט די ליפען. ווי ער האט דעם בריעף געענדיגט, האט ער איהם צונויפגעפרעסט פעסט אין קולאק, אראבגעלאזען די האנד און אויפגעהויבען זיינע גרויסע אויגען צום הימעל. און יענע ביידע גרויסע טראפען, וועלכע האבען געציטערט צווישען די ברעמען — זענען געפאלען, אראבגעגליטשט זיך איבער די באקען און פאלענדיג הייס אויף די הענד זענען זיי צערונען געווארען. דער בריעף איז געוועזן פון זיין מוטער. זי האט געשריבען: מארגען וועל איך אוועק צו פוס אין שטאט אריין; פיער יאהר אז איך האב דיך ניט געזעהען, מיין זוהן, איך קען שוין מעהר ניט אויסהאלטען, אוי ווי דערווארט מען די שעה צו זעהען דיין ליעבען פנים און ארויפפאלען דיר אויפ'ן האלז!"

ביינאכט האט ער ניט געקענט צומאכען מיט אנ'אויג. פון אויפרעגונג האט ער ניט געקענט שלאפען; ער האט זיך געקייקעלט אהן אנ'אויפהער אויפ'ן געלעגער; דא אויף איין זייט, דא אויף דער אנדער זייט; דא געלעגט זיך אויפ'ן רוקען, דא אויפ'ן בויך. עס איז אבער געוועזן אליץ אומזיסט. זיין קאלדרע האט איהם געדריקט ווי א פודיגע משא; ער האט געפיהלט א ברענענדיגע היץ, א קלעמעניס אין דער ברוסט, עפיס א מאדנע אונרוהיגקייט. אז ער האט גאר ניט געוואוסט וואו אהין צו טון זיך. אלע ווײלע האט ער זיך געזעצט אויפ'ן בעט, ארומגעקוקט זיך ארום אויף זיינע קאמעראדען; זיי זענען אלע געלעגען אין א טיפען, רוהיגען שלאף, ווי מען קען נאר שלאפען אין פריהלינג. אנטקעגען איהם האט זיך געזעהען דורך א פענסטערל א שטיקעל אויסגעשטערנטער הימעל. ער האט דורשטיג געקוקט אהין און געקלערט: „אך, ווען איך וואלט קענען זיין דרויסען, אויפ'ן פעלד און אטעמען יענע פרייע לופט!" ווייט אין א ווינקעל איז געשטאנען א לעמפיל מיט א שוואכען ציטערדיגען פייערל. דער פייערל האט זיך דא אויפגעהויבען, דא אראבגעלאזען און דערמיט נאך שטארקער אויפגערעגט דעם

שלאָפלאָזען סאָלדאַט. די צײַט האָט זיך איהם געצויגען נאָך לענגער. ער האָט זיך ווידער אויסגעצויגען אין בעט און געקלערט וועגען מאָרגעדיגען טאָג. ער האָט צוגעמאַכט די אויגען, געלעגען גיט ריהרענדיג זיך און געפּרובט, טאָמער וועט ער קענען געפינען אין יענעם זיסען געדאַנק רוה און שלאָף. ס'איז אָבער געוועזען אומזיסט. טאַקע דער זעלביגער געדאַנק האָט איהם ניט געלאָזען רוהען. ער אַליין איז טאַקע געלעגען אויף איין אָרט, זײַנע אויגען צוגעמאַכט, אָבער זײַן האַרץ האָט געקלאַפּט אַזוי ווי עס וואָלט זאָגען: „ניין, דו וועסט ניט שלאָפען"; אַזוי האָט ער פערבראַכט נאָך פיעלע לאַנגע שטונדען. ענדליך איז ער געוואָרען מיד און פערמאַטערט, זײַן האַרץ האָט זיך בערוהיגט, די צוהיצטע פאַנטאַזיע האָט זיך ביסלעכווײַז אײַנגעלעגט, ער איז אײַנגעשלאָפען און איהם האָט זיך געחלום'ט וועגען מאָרגעדיגען טאָג, וועגען זײַן מוטער. איהם דאַכט זיך, אַז אָט שטעהט זי אַנטקעגען איהם בײַ זײַן סאַמע קיסען און שמייכעלט; דאַכט זיך, אַז ער פיהלט ווי זי גלעט מיט איהר האַנד זײַן שטערן, ער כאַפּט די האַנד און קוועטשט זי צו זײַנע ליפּען. און פּלוצלונג דאַכט זיך איהם אויס, אַז ער איז געוואָרען ווידער אַ קינד, ער איז אין דער היים. און ביסלעכווײַז שווימען איהם אַרויף אויפ'ן זכרון הונדערט'ערליי בילדער פון די קינדערשע יאָהרען. און אין יעדעם בילד איז דאָ זײַן מוטער. אָט טרייסט זי איהם, ווען ער וויינט, אָט נעהמט זי זיך אָן פאַר איהם, ווען דער פאָטער וויל איהם עפּיס טון, אָט פערבינדט זי איהם דעם אײַנגעשניטענעם פינגער, אָדער פּאַדעט אַרום איהם בשעת ער איז קראַנק, שטענדיג פול מיט דער צערטליכסטער ליעבע. דערנאָך האָט ער זיך געפיהלט ווידער ווי אַ גרויסער, האָט זיך דערמאָנט דעם טאָג פון זײַן שיידען זיך פון דערהיים, דער מוטערס טרעהרען, איהר פאַלען איהם אויפ'ן האַלז, און דאָס האַרץ האָט איהם ווידער גענומען אַזוי וועה טון — ווי אין יענעם טאָג. ער האָט זיך געפיהלט אַרומגענומען פון זײַן מוטערס אָרעמס, ער האָט זיך געוואָלט אַרויסרײַסען, אָבער ניט געקענט; זי האָט ניט געלאָזען. ער האָט אַ טיעפען זיפ'ץ געטאָן און — האָט זיך אויפגעכאַפּט. ער האָט זיך אַרומגעקוקט, פערטראַכט, און

געקומען צו זיך, און דאָס איז געווען אַן'אויגענבליק, וועלכער לאָזט זיך פאָרשטעלען, אָבער ניט בעשרייבען.

אין קאַזאַרמע האָט זיך געלאָזט הערען אַ טרומייטערײַ. אַלע סאָלדאַטען זענען אויפגעשפרונגען פון די בעטען. אונזער העלד האָט זיך אויף גיך אָנגעטאָן, און די גאַנצע צײַט פון דעם מאָרגען־מוסטיר איז ער געווען פריילייך און לעבעדיג. אָבער אינעווייניג איז ער געווען זעהר אויפגערעגט און זײַן האַרץ האָט אונרוהיג געקלאַפּט. ער האָט געטופּעט מיט די פיס, געביסען זיך די ליפּען, אַלע ווײַלע געפיהרט מיט דער האַנד איבער זײַן גליהענדען שטערן. אָפט האָט ער געפרעגט בײַ די קאַמעראַדען: וואו האַלט דער זייגער? יעדען אויגענבליק האָט ער אַ קוק געטאָן אויף זיך, צו איז זײַן אָנצוג און אַלעס אויף איהם אין אָרדנונג. ענדליך איז שוין געקומען נאָהענט די מיטאָג־צײַט, וואָס ער האָט מיט אַזאַ אונגעדולד ערוואַרט. די מוטער האָט איהם געשריבען, אַז זי וועט אַרויסגעהן פון דאָרף אונגעפעהר 9 אַ זייגער אין דער פריה. ער האָט אויסגעמאָסטען אין זײַן געדאַנק, ווי לאַנג דער וועג איז, און ווי פיעל זײַן מוטער מיט איהרע לאַנגזאַמע טריט קען מאַכען אין אַ שעה. נאָך זײַן חשבון דאַרף זי שוין זײַן גאָר נאָהענט. צו דער צײַט פון איהר קומען האָבען אַלע סאָלדאַטען געדאַרפט אַרויסגעהן אויף אַ מוסטיר. איהם האָט מען אָבער היינטיגען מאָל פרײַגעלאָזען, צוליב דער מוטער. אַלע זענען אַוועק און ער איז געבליבען אין קאַזאַרמע אַליין. ער איז אַרויסגעלאָפען אויף די טרעפּ צו זיך, וואו עס איז געווען זײַן געלעגער, אָנגעשפאַרט זיך אָן בעט און געבליבען אַ ווײַלע רוהיג. ער האָט געאָטעמט שווער און קוים זיך געהאַלטען אויף די פיס. באַלד האָט ער זיך געזעצט אויפ'ן בעט, אײַנגעשפאַרט די איילענבויגענס אָן די קניע, אַרײַנגעלעגט דאָס געזיכט אין די הענד און קוקענדיג מיט אויסגעשטעלטע אויגען צו דער פאָדלאָגע, האָט ער געקלערט: „זי וועט קומען אַהער, אָט אַהער, אין דער קאַזאַרמע!“ און לאַכענדיג מיט אַן אָבגעבראָכענעם און פערשטיקטען געלעכטער, האָט ער זיך אָנגעכאַפּט פאַר די האָר מיט ביידע הענט.

ער האָט אויפגעעפענט פיער פינגער: „ווי לאַנגזאַם זענען זיי אַוועק די פיער יאָהר!“ און ער האָט איבערגעקליבען

אין זיין געדאַנקען אַלץ וואָס ער האָט איבערגעלעבט אין די פיער יאָהר; זיין בענקען, זיין האָפען, זיין קומער און שמערץ. „אָרימע מוטער!“ האָבען געמורמעלט זיינע ליפען, מיט צערטליכער און טרייער ליעבע אין אַ ציטערדיגען טאָן, „אַזוי ווייט דאַרפסטו געהן מיך צו בעזוכען, און דו קומסט אַליין, צופוס, און מאַכסט אַזאַ לאַנגען וועג אין אַזאַ היץ; ווערסט קומען אַהער אין אַ ווייטע שטאָט, צווישען אַזוי פיעל מענשען, און ווייסט ניט וואו איך בין; ווערסט דאַרפען אומגעהן אַהער און אַהין און פרעגען וואו איז מיין קאַזאַרמע און מוזען שטעהן אַזוי לאַנג אויף די פיס, אַ קראַנקע, אַן אַלטע, אַ פערמאַטערטע, און אפשר ווערסטו פערבלאָנדזשען ערגעץ אין די גאַסען, זוכען און לויפען ניט וויסענדיג וואוהין און ווערסט וויינען, וואָס דו קענסט מיך ניט געפינען. „אָרימע מוטער!“ אַזוי האָט ער אַלץ געמורמעלט פאַר זיך, קוקענדיג מיט אַ שאַרפען בליק אויפ'ן וואַנד, בייסענדיג זיך די ליפען, ער זאָל ניט אַרויספלאַצען אין אַ געוויין, און פון צייט צו צייט האָט ער אַלץ ווידערהאָלט די ווערטער: „אָרימע מוטער!“

דאַן האָט ער ווידער אַ פיהר געטאָן מיט ביידע הענד איבער'ן געזיכט, אַ טרייסעל געטאָן דעם קאָפּ, אַ ציה געטאָן דעם אָטעם מיט אַ שווערען זיפץ, אַ ווילדען שפרונג געטאָן אויף די פיס און געלאָזען זיך לויפען דורכ'ן צימער ווי איינער וואָס אַיילט זיך אין וועג. אין אַ ווייל אַרום האָט ער זיך מיט אַ מאָל אָבגעשטעלט. „איצטער?!“ ער איז צוגעלאָפען צום פענסטער, וואָס קומט אַרויס צום גאַס, האָט זיך איבערגעבויגען איבער'ן פענסטער־שוועל צום דרויסען, אַ קוק געטאָן רעכטס, לינקס: איין מאָל, צוויי מאָל, דריי מאָל: קיינער ניטאָ.

דאָס בלוט האָט איהם אַ זעץ געטאָן אין קאָפּ. „מען דאַרף קלערען וועגען אַן'אַנדער זאַך!“ האָט ער געזאָגט צו זיך אַליין, און ער האָט זיך פאָרגענומען גאָר אַרויסשלאָגען פון זינען זיין מוטערס בילד, כדי וואָס גיכער איבערצושטופען די צייט פון וואַרטען. אַרויסשלאָגען פון קאָפּ איהר בילד? — דאָס איז געוועזען דעם אָרימען סאָלדאַט גאָר אוממעגליך. ער האָט אַ מאַך געטאָן מיט'ן האַנד.

„זעה, מאַמע“, האָט ער דאַן אויסגעשריען, „איך האָב

דיך ליעב, ווייסט דו? אַזוי ליעב״ — ער האָט זיך אומגעקוקט אַרום: קיינער איז ניטאָ. דאַן האָט ער ווײַטער גערעדט: „אַזוי ליעב ווי קיינער אויף דער וועלט קען דיך ליעב האָבען!״ דאַן איז ער פּלוצלינג אויפגעשפּרונגען און נאָך אַמאָל זיך געפרעגט: „אפשר איצטער?״ איז צוגעלאָפען נאָך אַמאָל צום פענסטער, אָבער באַלד האָט ער זיך אָבגעהאַלטען, זיך אומגעקעהרט און געמורמעלט: „ניין, מען דאַרף ניט קוקען״. ער איז ווײַטער אויפגעשפּרונגען און געוואָלט זאָגען נאָך אַמאָל: „ניין!״ ער האָט אָבער אַ שמייכעל געטאָן, ווי איינער זאָגט: „יע, אָבער איך קען דאָס פאָרט ניט אויסהאַלטען״. און ווירקליך, אין אַ מינוט אַרום, איז ער צוגעלאָפען ווידער צום פענסטער און אַרויסגעקוקט: „קיינער ניטאָ״.

דאַן האָט ער זיך צוריק אַוואָרף געטאָן אויפ׳ן בעט, און אָנגעטאָן זיך אַלע כחות, געזוכט מיט אַלע וועגען אָבצונאַרען זיך, כדי איבערצוקומען די צייט. ער האָט גענומען פאָרשטעלען זיך די מוטער ווי זי איז אַרויס פון דער היים מיט אַ פּאַק העמדער און נאָך זאַכען פאַר איהם. ער האָט זי בעגלייט אויפ׳ן וועג, נאָכגעגאַנגען איהר יעדען טריט, אויסגעקלערט פערשיידענע פּאַסירונגען, וואָס האָבען מיט איהם געטראָפען אויפ׳ן וועג, און אַזוי האָט ער זיך פערקלערט און פאַנטאַזירט אַ געוויסע צייט.

דאַן איז ער ווידער געקומען צו זיך; דער געדאַנק אַז נאָך אַ פּאָר מינוט וועט ער זי אַרומנעהמען, זײַן מוטער, איז איהם ווידער קלאָר אַרײַנגעקומען אין זינען, און ער האָט געפיהלט אַזאַ פריידע, אַזאַ תענוג, ווי דאָס וואָלט געווען צום ערשטען מאָל. זײַנע אויגען זענען לעבעדיג געוואָרען, די ליפּען האָבען געציטערט, זײַן גאַנצע געזיכט האָט געלויכטען פאַר פריידע. דערנאָך איז ער איבערגעגאַנגען אין אַ שלוכצענדען, היסטערישען געלעכטער; זײַן ברוסט און זײַנע שולטערן האָבען זיך דאָ געהויבען, דאָ אַראָבגעלאָזען, ווי דער אָטעם בײַ איינעם וואָס איז שטאַרק געלאָפען. ענדליך איז ער געפאַלען אויפ׳ן בעט, דאָס געזיכט בעגראָבען אין די הענד, און האָט פערשטיקט אין די קאָלדרע דעם געמישטען אָנפאַל פון ווײנען און לאַכען, שאָקלענדיג מיט׳ן קאָפּ, ווי ער וואָלט זאָגען: „אָרימע מוטער!״

— וואָס ביסט דו, משוגע? — האָט אויסגעשריען אַ קאָפּ־

ראַל, וועלכער איז דורכגעגאַנגען דעם צימער און אָבגעשטעלט זיך אויפ'ן שוועל.

דער סאָלדאַט איז אויפגעשפּרונגען, אַ דרעה געטאָן זיך און אָנגעקוקט יענעם מיט טרערען אין די אויגען און אַ שמייכעל אויף די האַלבגעעפענטע ליפּען. ער האָט גאָר נישט פערשטאַנען. דער קאַפּראַל איז פערשוואונדען געוואָרען מורמלענדיג פאַר זיך: „ער איז ווירקליך משוגע!“

געלאַסען איז אָבער דער סאָלדאַט געבליבען נאָר איין אויגענבליק. דאַן האָט ער, ווי עס וואָלט איהם אַריינגעקומען אַ פּלעצליכער געדאַנק, אַ כאַפּ געטאָן פון אונטער'ן בעט דעם קופערטעל, וואו ער האָט געהאַלטען זיינע זאַכען, האָט האַסטיג גענומען דאָרטען גראָבען זיך, און געשווינד אַרויסגענומען בערשטלעך, קעמלעך, קעסטעלעך און פאַנאַנדערגעלעגט אויפ'ן בעט. דאַן האָט ער געכאַפּט אַ בערשטעל, פערקאַשערט די קאָלדרע, אַוועקגעשטעלט איין פוס אויף דער פלאַנקע פון בעט און אָנגעהויבען מיט אַלע קרעפטען פּוצען די שטיוועל. ער האָט געפּוצט פלייסיג, צייטענווייז אָבגעשטעלט זיך און אַ קוק געטאָן צו זיי גלאַנצען גוט.

„איך וויל זיך אויספּוצען פיין“ — האָט ער פאַר זיך גערעדט מיט אַן'ערנסטער מינע. „די שטיוועל זאָלען בלאַנקען, אַליץ זאָל זיין נעט און ריין; איך וויל זיין אַ שענער סאָלדאַט, — איך וועל איהר געפעלען“. אַז ער איז פאַרטיג געוואָרען מיט די שטיוועל, האָט ער זיך גענומען צו דער קליידער־בערשטעל, דערנאָך צום קעמיל, דערנאָך האָט ער אַרויסגענומען אַ קליינעכדיגע שפּיגעלע, איינגעקוקט זיך און געשמייכעלט: ער איז זיך אַליין געפעלען געווען.

אין מיטען האָט ער דערהערט גיכע טריט אויף די טרעפּ; ער האָט זיך צוגעהערט; די טריט זענען געקומען נעהענטער: דאָס איז דער קאַפּראַל; ער קומט אַריין, קוקט זיך אַרום און זעהט דעם יונגען מאַן. רופט ער איהם אָן ביים נאָמען, „עפּיס אַ פרוי ביי'ן טויער פרעגט זיך נאָך אויף דיך!“

„מיין מוטער!“ האָט אַ געשריי געטאָן דער סאָלדאַט און האָט זיך אַלאָז געטאָן אַראָב. ער איז דורכגעפלויגען די האַלען פון דער קאַזאַרמע, אַראָבגעשפּרונגען פון די טרעפּ און מיט נאָך אַ שפּרונג איז ער געווען נעבען טויער. דאָרט האָט ער דערזעהען אַ ווייבליכע געשטאַלט און איז אַרויס־

געפאַלען אויף איהר. זי האָט געעפענט איהרע אָרעמס. ער האָט זיך אַוואָרף געטאָן אויף איהר ברוסט און ביידע האָבען אַרויסגעלאָזען אַ געשריי. דער זוהן האָט אַרומגענומען דער מוטערס קאָפּ מיט ביידע הענד, האָט איהם אַ בויג געטאָן צוריק און איינגעקוקט זיך אין איהרע אויגען. דאַן האָט ער צוגעטוליעט דעם טייערען קאָפּ צו זיין שולטער, איינגעשלאָסען איהם אין זיינע אָרעמס און צוגעפרעסט זיינע ליפּען צו איהרע האָר. די אַלטע האָט זיך געסטאַרעט צו פערשטיקען איהר שלוכצען אָן דעם זוהנ׳ס שולטער, געדריקט איהם פעסט צו זיך און געלאָזען הענגען איהרע מאָגערע הענד איבער זיין מאַנטעל. די סאָלדאַטען, וואָס זענען געשטאַנען אויף דער וואַך, האָבען זיך צוזאַמענגעשאַרט אין אַ קופּקע, אָן אַ זייט און האָבען געקוקט אומבעוועגליך און שטום אויף דער ריהרענדער סצענע, וואָס איז פאָרגעקומען פאַר זייערע אויגען. איך, אַלס דעזשורנער אין יענעם טאָג, בין אויך געווען נאָהענט דערביי.

איהרע האָר האָבען זיך צושאָטען און זענען אַרונטערגעפאַלען אויפ׳ן פּנים אין דעם ערשטען שטורם פון אַרומנעהמען זיך. ער האָט זיי צונויפגעקליבען מיט ביידע הענד און זיי צערטליך געלעגט אויף זייער אָרט צוריק. די אַלטע האָט זיך ניט געקענט איינגעמען, האָט אויך געשלוכצט, אָהן טרערען און ניט רעדענדיג אַ וואָרט. ענדליך האָט זי אויפגעהויבען די אויגען אויף איהר זוהן, אַ שמייכעל געטאָן, אָפּגעצויגען דעם אָטעם מיט אַ טיעפען זיפּץ און געמורמעלט: „מיין זוהן!" זי האָט איהם אַרומגענומען נאָך אַ מאָל. „ביזטו מיד?" האָט ער זי געפרעגט, באַפרייענדיג זיך פון איהרע אָרעמס. „אַביסעל" — האָט זי געענטפערט מיט אַ שמייכעל און זי האָט גענומען זוכען מיט די אויגען אַ פּלאַץ, וואו אַנידערצולעגען דעם גרויסען פּאַק וואָס זי האָט געבראַכט מיט זיך. „קומט אַריין אַהער!" האָב איך געזאָגט, עפענענדיג די טיר פון מיין צימער. „אַך, דער אָפיציער". האָט זי געזאָגט, ווענדענדיג זיך צו מיר און פערבויגענדיג זיך, „איך דאַנק אייך זעהר, הערר אָפיציער!" דער זוהן איז געווען עפּיס אין אַ פערלעגענהייט. „געהט אַריין, נישקשה", האָב איך ווידערהאָלט, „איהר אויך".

זיי זענען ביידע אַריין ניט דרייסט, מורא האָבענדיג,

און זעגען צוגעגאַנגען צום טיש. די אַלטע האָט אַוועקגעלעגט דערויף איהר פּאַק. איך בין אָבגעטראָטען אָן אַ זייט.

„קום אַהער, לאָמיך אַ קוק טאָן אויף דיר, מיין זוהן; קעהר זיך אום“, האָט זי אָנגעהויבען צו ריידען. ער האָט זיך ווידער אומגעקעהרט, שמייכלענדיג, זי זאָל איהם קענען בעטראַכטען פון אַלע זייטען. די מוטער איז אָבגעטראָטען אַביסעל, האָט איהם גענומען מוסטערן פון קאָפּ ביז די פיס. „ווי שען דו זעהסט אויס אין דעם מונדיר!“ האָט זי אויסגערופען צערטליך, צונויפלעגענדיג די הענד. די אַלטע האָט זיך געפיהלט אַזוי מונטער, ווי אַ יונגע ווייבעל, זי האָט שיער בעקומען לוסט צום טאַנצען אַרום איהם. זי איז צוגעגאַנגען נאָהענט צו איהם און ווידער אָבגעגאַנגען אַביסעל, און נאָך אַמאָל צוגעטראָטען פעסט צו איהם, ממש געשלונגען איהם מיט די אויגען, אַרויפגעלעגט איהרע הענד אויף זיינע אַקסלען און אַראָבגעלאָזען זיי אויף זיינע אָרעמס, כדי אָנצונעהמען איהם ענדליך ביי די הענד. זי האָט צוגערוקט איהר פנים צו זיין ברוסט צו בעקוקען זיינע קנעפּ, און קוקענדיג האָט זי ניט ווילענדיג אָנגעהויכט זיי מיט איהר אָטעם. זי האָט געכאַפּט אַ ברעג פאַרטוך און אָבגעווישט זיי, די קנעפּ. דערנאָך, אַז זי האָט איהם אַ לאַנגע צייט אַזוי איין מאָל און נאָך אַמאָל בעטראַכט, האָט זי איהם ווידער אַרומגענומען אָנרופענדיג איהם ביי'ן נאָמען. נאָכדעם האָט זי איהם מיט אַמאָל אָבגעלאָזען און פער'דאגה'עט געפרעגט: „און די מלחמה?“ דער זוהן האָט אַ שמייכעל געטאָן. זי האָט איבערגע'חזר'ט: „און די מלחמה? זאָג מיין זוהן, ווען געהט איהר אויף דער מלחמה?“ — „אַך, וואָס רעדסטו, מוטער, ווער האָט דיר געזאָגט עפּיס וועגען מלחמה?“ — „אַזוי, איז ניטאָ קיין מלחמה?“ האָט זי געפרעגט גליקליך; איהר וועט מיר שוין קיין מאָל ניט פיהרען מעהר קיין מלחמה, ניט אמת?...“ „קיין מאָל ניט? דאָס קען מען דאָך ניט זאָגען, ליבע מוטער“ — „אַזוי? פיהרט איהר דאָך יע מלחמה! זאָג מיר דעם אמת, זוהנעלע!“ — „מאַמינקע, ווי קענסטו פערלאַנגען, אַז מיר זאָלען דאָס וויסען, מיר, פּראָסטע סאָלדאַטען?!“ — „אָבער אַז איהר ווייסט דאָס ניט, איהר וואָס איהר פיהרט די מלחמה“ — האָט זי געזאָגט מיט אַ טאָן פון איבערצייגונג — „טו ווער זשע זאָל עס וויסען?

נאך דיזע ווערטער איז זי געבליבען שטעהן אונבעוועגליך. זי האט געוואַרט אויף אַנ'ענטפער. איהר געזיכט, איהר גאַנצע פערזאן, איז געוועזן פיל מיט ליעבע און צערט-ליכקייט. איהרע ליפען האבען אַזוי ליעבליך געשמייכעלט, איהרע אויגען האבען אַזוי געלויכטען, אַזוי געלויכטען און צוגעצויגען צו זיך, אַז דער זוהן איז געשטאַנען אַנטקעגען איהר גאר ענטציקט: זי איז איהם אַזוי געפעלען אין דעם אויגענבליק. ער איז צוגעלאָפען צו איהר, גענומען איהר קאפ צווישען זיינע ביידע הענד, געקושט איהר, געשאקעלט, ווי מען טוט מיט קליינע קינדער, און פרעסענדיג נאך אַמאל זיינע ליפען צו איהר שטערן, האט ער שמייכלענדיג גע-מורמעלט: „מאַמינקע, מיין טרייע, גוטע מאַמינקע!“

פון דײַטש ש. חורוויץ.

## ל. ניידוס. קום צוגעהן!..

קום צוגעהן אין דער נאַכט אויף דעם ברעג פון דעם טייך,
וואו די וועלען צאַרט מורמלען און שוימען;
קום צוגעהן אין דער נאַכט, ווען עס דרעמעלט דער טייך,
שטיל פערוויעגט אין בעצויבערטע טרוימען...
כ'וועל דערצעהלען פון אַלץ דיר, וואס ס'פרעסט מיך ביי טאג,
וועגען טיעפע, פערבאָרגענע וואונדען,
וועגען בלויע הלומות, וואס קומען, און באַלד
ווערען ווידער אויף אייביג פערשוואונדען...
וועגען שטומע, בעהאַלטענע שמערצען אין האַרץ,
וועלכע קיינער וועט קיינמאל נישט היילען,
וועגען דורשטיגער, ציהענדער בענקשאַפט, וואס נאגט,
וועל איך, קינד מיינ'ס, דיר דאַמאָלס דערצעהלען...
וועגען אַלץ, וואס מיך פייניגט ביי טאג, ווען די וועלט
איז פערהילט אין אַ זונען-שיין העלען, —
וועל איך שטיל דיר פערטרויען ביי נאַכט אויף דעם ברעג
פון די קיהלע און מורמלענדע וועלען...

ח. נ. ביאַליק.

# די געשטאַרבענע אין דער מדבר.

אויף, איהר מדבר־וואַנד׳רער! לאָזט די סטעפּעס לערערע!
פאָרוועֶרטס! אַ מלחמה שטעהט נאָך פאָר אַ שווערע!

און דער וועג איז לאַנג נאָך. אויף! אַ סוף צום וואַנדער!
זעהט, אַ וועג אַ ברייטער וויקעלט זיך פונאַנדער.

פיערציג יאָהר געבלאָנדזעט אין די בערג — און האָבען
זעקס מאָל הונדערט טויזענד מאַן אין זאַמד בעגראָבען.

נור זאָל אונז ניט באַנגען אום די טויטע שקלאַפען,
מונטער געדהט אַ נייעס לעבען זיך צו שאַפען.

פאָרוועֶרטס! קוקט ניט אום זיך! היפּט די טויטע איבער!
לאָזט אין זייער שאַנד זיי פוילען אין די גריבער.

לאָזט זיי פון מצרים זעהן אַ טרוים אַ זיסען:
פולע טעפּ מיט פליישען נאָך געלוסט געניסען.

הײַנט נאָך, אָדער מאָרגען וועלען זיך צוטיילען
מיט דער לעצטער לייכע שטורמווינד און איילען.

און די זון צום ערשטען מאָל וועט שיינען פּרעכטיג
אויף אַ דור אַ יונגען — פריי און שטאָלץ און מעכטיג.

און די שטאָלצע יוגענד וועט מיט פריידען־שאַלען
אויך צוערשט בעגריסען איהרע מילדע שטראַהלען.

אויף זשע, וואַנד׳רער! דרייסט און מונטער לאָמיר ציהען,
קומט, פערלאָזט די וויסטע! נור ניט הויך געשריען.

מוטיג, אָבער שווייגענד, טרעט אום, ניט צו שרעקען
בייזע מדבר־חיות — זיי פון שלאָף ניט וועקען.

פון די אייג׳נע פיסטריט זאָל אַ יעדער פיהלען
נור ביי זיך אין האַרצען יעדען אָבקלאַנג שפּיעלען.

פאַרטיג ברויט פון הימעל וועט דיר מעהר ניט פליהען;
ברויט מוזטו ערווערבען נור דורך שווערע מיהען.

ניט קיין לופט־געצעלטען. ניט קיין וואָלקען־שוועלען —
הייזער און געצעלטען אַנד'רע מוזטו שטעלען.

וואָרום אונטער הימעל, הויך די סטעפּעס הייסע,
איז ביי גאָט פאַראַנגען נאָך אַ וועלט אַ גרויסע.
און, אָנשטאָט די טויטע זאַמדען־פעלדער גליהענד,
וועט דיר נאָך אַ לאַנד ערשיינען גרין און בליהענד.

און פורכטבאַר און שען, אויף דעם שפּיץ פון נבו,
אין דעם פלאַמענד־פערגעהענדען שטראַהל,
ווי אַ מלאך פון קריג שטעהט יהושע בן נון,
און עס דונערט אַרונטער זיין שאַל.

און זיין שטים, ווי אַ בליץ שניידט די לופטען און ס'ברענט
ווי אַ פלאַקער זיין וואָרט, ווי אַ בראַנד;
און די שרעקליכע וויסטע, פערציטערט הילכט אָב:
אויף, מיין פאָלק! געה ערקעמפף זיך אַ לאַנד!

און פון אונטען ווי זאַמד פונ'ם ים אַזוי פיעל,
אַנ'אַרמיי פול מיט יוגענד און מאַכט,
אין אַ הייליגער שטילקייט האָרכט צו יענע שטים,
וואָס פון הייליגען בערגענשפּיץ קראַכט.

און טראָמפּייטען שוין בלאָזען צום מאַרש און דער פירשט
איז פון שפּיץ פון נבו שוין אַראָב;
טו וואָרום מוט דאָס פאָלק זיך ניט רידהרען? פאַר וואָס
שטעהט עס שטיל און געבויגען דעם קאָפּ?

וואָס איז איהם אין דער מדבר צו לאָזען דאָ שווער?
וואָרום בלאָנדזען די אויגען אַרום?
און וואָס ווייַנען זיי שטיל? וועמען זוכען זיי פאָרט
אויפ'ן שפּיץ פון נבו דאָרטען שטום?

דעם געשטאָרבענעם משה, דעם זוכט זייער בליק;
און פון ערשטען ביז לעצטען אין פעלד
קניעט דאָס פאָלק צו דעם גייסט פון דעם געטליכען מאַן,
זייער טרייען ערלעזער און העלד.

פון העברעאיש ש. הורוויץ.

# אלעקסאנדר סווענטאכאווסקי. חוה רובין.

(ערצעהלונג).

איך בין מוסר מודעה מײַנע געעהרטע לעזער, אַז די פּערזאָנען און די געשעהעניסען, וואָס איך וויל דאָ בעשרײַבען, זענען שייך צו אַזאַ קלאַס מענשען, וועלכע צאָהלען ניט קײַן שכר זייערע מליץ־יושר׳ס; הייסט דאָס, אַז איך נעהם זיך צו דער ערצעהלונג גאָר אָהן אַ שום פּניה. איך בעוואָרען זיך אומיסנע אַ פּריהער, כדי דער משפּט פון דער געזעלשאַפטליכער מיינונג, ווען ער וועט אַרויסטראָגען אַ פּסק־דין וועגען די סבות, פאַר וואָס איך האָב זיך גענומען צו דער בעשרייבונג, זאָל ער ניט געפינען, אַז איינע פון די סבות איז געווען דער חשק זיך אויסצופײַנען פאַר די קרובים פון מײַנע העלדען. און דעריבער מוז איך פון אָנפאַנג אָן ערקלערען, אַז דער נאָמען רובין *) האָט אפשר געקענט בעווײַזען, וואָס חוה און איהר מאַן שמחה האָבען געוואָלט זײַן, אָבער ניט דאָס, וואָס זיי זענען אין דער אמת׳ן געווען. וואָרום געווען זענען זיי אַזוינע קבצנים, אַז ס׳וואָלט זיי זעהר שווער אָנגעשטאַנען צו הייסען, למשל, זאַמדמאַן; וועדליג זייער עשירות, וואָלט דאָס זיי געזיים ניט געווען קײַן בזיון. רובין האָט זיך אַ נאָמען געגעבען שמחה׳ס אַן עלטער־זיידע, וועלכער האָט געוואָלט בעקומען כאָטש דעם נאָמען פון אַ טייערען שטיין און אויף די קינדס־קינדער איבערטראָגען דאָס דאָזיגע מזל׳דיגע וואָרט. עס האָט אָבער ניט געהאָלפען ניט איהם, ניט זײַנע קינדער. שמחה איז טאַקי געווען אַ רובין, נאָר אײַנגעפאַסט אין׳ם ביטערסטען דלות. ס׳האָט איהם באמת ניט געפעהלט קײַן איינציגע פון די מעלות טובות, וועלכע קענען דערווערגען אַ קבצן. אַלס „חסיד“ פלעגט ער גאַנצע טעג איבערזיצען אין קלײַזעל; אַלס מיוחס, וואָס שטאַמט „פון זעהר אַ שענער משפחה“, פלעגט ער זיך האַלטען פאַר אַ „שיינע־מורנו“, וואָס די וועלט איז איהם מחויב אויסצוהאַל-

---

*) רובין — אַזאַ מין טײַערער שטיין; ווערט בענוצט אַלס ציהרונג. אַנמ. פונ׳ם איבערזעצער.

טען און װעט איהם ניט לאָזען פֿאַלען; איבריגענס איז ער שוין עטליכע יאָהר געװען קראַנק אויף דער ברוסט און איז ניט געװען פֿעהיג צו קײן שום האַנד-אַרבײַט. זײַן פֿאָטער'ס טויט האָט פֿון איהם גאָר אינגאַנצען געמאַכט אַ תל. פֿונ'ם פֿאָטער האָט ער בעקומען בירושה אַ פֿירטעל שטוב אין קאַזימעזש בײַ דער װײַכסעל, אַ פֿירטעל פֿון אַ חורבה, אַנ'אמת'ע נוטה למות, װאָס די אונטערשטע זײַט פֿון די פֿענסטער איז שוין אַײנגעזונקען נידעריגער װי די ערד פֿונ'ם בלאָטיגען געסעל און װאָס אַפֿילו די שטאָט-אופּראַװע האָט זי בעפֿרײַט פֿון פּאָדאַטקעס, װײַל מען מוז זי צענעהמען. פֿונדעסטװעגען איז שמחה געװען מלא גאוה פֿון זײַן מאַיאָנטעק, װאָס האָט איהם געשענקט דעם טיטול „בעל-הבית". ער האָט אַרײַנגעלאָזט אין שטוב אַרײַן צװײ שכנים (די שטוב איז געװען זײַן גאַנץ פֿערמעגען) און זיצענדיג דאָרט פֿלעגט ער גאַנצע טעג אָדער זיך קריגען מיט די שכנים, אָדער דערצעהלען, אַז „נאָך פּסח", אי"ה, מאַכט ער רעמאָנט, אָדער ער פֿלעגט זיצען אויף דער באַנק פֿאַר דער שטוב און זיך װאַרעמען אויף דער זון אָדער װאַרפֿען די היהנער געקאָכטע שאָלעכץ פֿון קאַרטאָפֿעל. אַפֿילו אין קלײַזעל האָט ער אויפֿגעהערט געהן. די קרענק, דער הונגער, דער יחוס-שטאָלץ, דאָס געפֿיהל פֿון בעל-הבית'ישער „חשיבות" — דאָס אַלעס האָט איהם געמאַכט פֿאַר אַנ'אמת'ן פּוסטעפּאַסניק. װען עס פֿלעגט איהם נמאס װערען אַרומצוגעהן לעדיג, פֿלעגט ער אַרויסגעהן אויפֿ'ן מאַרק און שמועסען מיט'ן עולם װעגען די פֿילע בעלנים, װאָס װילען, כלומר'שט, קויפֿען זײַן שטוב (אין אמת'ן האָט זי קײנער ניט געדאַרפֿט האָבען). און אַזױ װי די שכנים פֿלעגען איהם שטענדיג בלײַבען שולדיג דירה-געלד, װעט דאָך דער לעזער פֿרעגען, פֿון װאָס האָט געלעבט שמחה מיט זײַנע פֿיער קינדער?

כדי צו פֿערענטפֿערען די פֿראַגע, דאַרפֿען מיר זיך װענדען צו חוה רובין.

אַ קינסטלער, װעלכער קען בעניײַען קאָליע-געװאָרענע בילדער, װאָלט אונז געזאָגט, אַז די דרײַסיג-יאָהריגע חוה איז געװען אַ שײן װײַבעל. אַ קוק געבען אויף איהר, װאָלט מען נאָך געקענט בעמערקען אַ שענעם אָנבליק, אַ געטאָקטע נאָז, אַ פֿײַערדיג שװאַרץ אויג, אַ קלײנינקען פֿײַן-געשניצטען

אויער, א ליעבליכען שמייכעל; דאס אלעס איז אבער געווען אזוי פערוויסט פאר דחקות און נויט, אז מיר וועלען שוין בעסער רעדען פון חוה'ס פראצע, איידער פון איהר שענקייט. געהארעוועט האט זי אזוי, ווי עס קען נאר הארעווען א יודיש ווייבעל, וואס מוז מפרנס זיין א מאן און פיער קינדער פון איהר מסחר און וואס פערמאגט סך-הכל דריי רובל מזומנ'עם קאפיטאל. ווען חוה וואלט געבוירען געווארען א גויה, וואלט זי פערדינט עטליכע גילדען א טאג און וואלט זיך געלעבט בהרחבה; אזוי ווי זי איז אבער געווען א יודיש קינד, וואס זעהר פיעלע סארטען ארבייט זענען פאר איהר טריף, האט זי זיך פערנומען נאר מיט האנדעל, ד. ה. זי פלעגט ארומטראגען אין די הייזער די נויטווענדיגסטע לעבענס-מיטלען און דערמיט פלעגט זי פערדינען פון 20 ביז 25 גראשען א טאג. אי דאס אויך מיט דער גרעסטער טרחה! געמוזט לויפען גאנץ פריה צו דער פערמע דריי ווערסט פון שטאט, אבנעהמען דארט די בעשטעלטע מילך און פאנאנדערטראגען איבער די הייזער; געמוזט שמייען פון איין דארף צום אנדערן און קויפען דא א פאר טעפ פוטער, דארט אביסעל קעז פאר די שטעטעלשע פריצ'טעס; געמוזט טראגען נאפט צום פאלווארק, וואס איז געלעגען ניט וויט פונ'ם שטעטעל — און אזוי ווייטער. אין א קליין שטעטעל, וואו יעדערער האט אלצדינג ביי זיך אין דער היים אדער ער קען אלעס לייכט בעקומען, מוז דער מין מסחר זיין זעהר קליין און קען מפרנס זיין א מענשען נאר דאן, ווען ער איז גאר א קנאפער בעל-הוצאה. איז חוה'ן טאקי אויסגעקומען הארעווען פון אינדערפריה ביז נאכט פאר 25 גראשען. דער פער'כשופ'טער קרייז פון איהר ארימקייט איז געלעגען אין איהר קליינעם גרונד-קאפיטאל, וועלכער האט איהר ניט געלאזט מאכען קיין גרעסערע מסחרים. וואלט זי געהאט א קאפיטאל פון 50 רובל, וואלט זי אין א דריי יאהר ארום שוין געטראגען שבת אנ'אטלאסענעם בורנעס און די קאזימעזשער אריסטאקראטיע וואלט זיך מיט איהר געגריסט זעהר פריינדליך. זי האט אבער פערמאגט אין געשעפט נאר דריי קערבלעך. ברייטער מאכען דעם געלד-פונדאמענט פון איהר מסחר האט זי געקענט נאר אויף איין אופן: דורך א רייה ריזיקאלישע און גליקליכע אפעראציעס.

מוט און אַמבּיציִע *), די צוויי ווייכטיגסטע אייגענשאַפטען, וועלכע זענען דערצו נויטיג, האָט זי דוקא פערמאָגט. טאָג ווי נאַכט פלעגט זי טרוימען וועגען ריזיקע און וועגען פערמעגען. איינמאָל האָט זי אַפילו שיער ניט געגעבען אַנ'אויפגאַב אויף צעהן טעפּ האָניג ערגיץ אין אַ דערפעל, זי האָט זיך אָבער אָבּגעהאַלטען, ווייל זי האָט מורא געהאַט אָנווערען אַלע איהרע מזומנים. ווען זי האָט אָבער דערהערט, אַז איהרער אַ בּעקאַנטער האָט געקויפט דעם זעלביגען האָניג און פערדינט אויף איהם פיער רובּעל, האָט זי זיך צעוויינט און האָט בּעשלאָסען, אַז ווי בּאַלד ס'וועט זיך איהר עפּיס טרעפען, זאָל זי ניט זיין קיין נאַר און פּרובען דאָס מזל.

איינמאָל איז זי אַוועק צו דער ווייכסעל קויפען עטליכע פישלעך. ווען זי איז צוגעגאַנגען נאָהענט צו די פישער, האָט זי דערזעהען, אַז עפּיס זענען זיי אויפגערודערט מעהר ווי געוועהנליך. די סבה זענען געווען פיער נאָר־וואָס געכאַפּטע יעסיאָטרען **). הודה'ן איז תיכף, ווי אַ בּליץ, דורכגעלאָפען אַ ווילדער געדאַנק: קויפען? מיט אַ ציטערדיגען קול האָט זי געפרעגט דעם מקח.

— פאַר אַלע צוזאַמען פינף גראָשען אַ פונט — האָט געענטפערט איינער פון די פישער. — ס'וועט זיין אַנ'ערך הונדערט פופציג פונט בּסך־הכל.

הודה האָט זיך תיכף אָנגעהויבען דינגען.

— וואָס איז דאָ צו רעדען — האָט געזאָגט דער פישער — שוין אַ חודש, אַז מיר האָבען ניט געכאַפּט קיין יעסיאָטר. איהר'ט פערקויפען צו גילדען.

הודה'ן האָט אַזוי פערבּלענדעט די אויסזיכט אויף אַ פערדיענסט, אַז זי האָט איינגעווילינט אויף דעם מקח און האָט געגעבען „דערוויילע" דריי רובעל. דאָס איבּעריגע האָט זי

---

*) אַמבּיציִע הייסט די שטרעבּונג נאָך כּבוד; אויף אַ מענשען, וועלכער קען זיין ווערט און וויל מען זאָל איהם אָבּגעבען כּבוד, זאָגט מען, אַז ער האָט אַמבּיציִע.

**) יעסיאָטר (פּויליש: jesiort, רוסיש: осетръ, דייטש: Stör, אַזאַ מין פיש. בּיי יודען איז דער פיש טריפה. אפשר דעריבּער איז אין דער יודישער שפּראַך ניטאָ פאַר איהם קיין נאָמען. אָנמ. פונ'ם איבּערזעצער.

געטרעכטענט בעצאָהלען פֿון דעם וואָס זי וועט תיכּף אָבליזען.

געהענדיג מיט די פֿישער אין שטאָט אַריין, אַ צעהיצטע פֿאַר אויפֿרעגונג, מיט אַ פֿערפֿלאַמטען פּנים, האָט זי אויסגערעכענט בײַ זיך אין געדאַנק, אין וועלכע הײַזער וועט זי קענען פֿערקויפֿען איהר סחורה. דער ריכטער, דער עלטערער שרײַבער, דער יונגערער שרײַבער, דער נאָטאַריוס, דער גאָלאָווא, דער קאַסיר, דער בעל־הבית פֿון דער גאַרבאַרניע... פֿופֿצעהן גראָשען אַ פֿונט, צוואַנציג, אפֿשר טאַקי אַ גאַנצען גילדען... בײַ דעם געדאַנק האָבען חוה'ס אויגען אָנגעהויבען פֿונקלען מיט אַזאַ גלאַנץ, וואָס האָט זיך שוין לאַנג אין זיי ניט בעוויזען, אַרום די ליפּען האָט זיך געשלענגעלט אַ שמייכעל פֿון פֿערגניגען. זי האָט פֿערריכט דעם טשעפּעק אויפֿ'ן קאָפּ און גענומען לויפֿען אַזוי גיך, אַז די פֿישער האָבען זיך קוים געקענט נאָך איהר נאָכשלעפּען מיט זייער משא. און אויב קיינער וועט ניט וועלען קויפֿען?

הונדערט פֿופֿציג פֿונט פֿיש אויף איין קאַזימעזש, וואו אין אַ וואָכעדיגען טאָג קענען זיך קוים דרײַסיג מענשען ערלויבען אַזאַ לוקסוס... זי האָט זיך אָבגעשטעלט אַ דערשראָקענע, אָהן אַנ'אָטעם, נאָר תיכּף איז זי ווידער געקומען צו זיך, אַראָבגערוקט די פֿאַטשיילע פֿונ'ם קאָפּ, גענומען לויפֿען.

— געהט צו מיר אַהיים — האָט זי געזאָגט צו די פֿישער, אַרויסרײַסענדיג בײַ זיי פֿון די הענד איין יעסיאָטר — און וואַרט אַ ביסעלע, איך וועל באַלד קומען, נאָר צעבײַטען דאָס געלד.

און ניט וואַרטענדיג אויף קיין ענטפֿער, האָט זי זיך אַלאָז געגעבען דורך אַ שמאָלינקען געסעל צום אַנדערן עק שטעטעל. חוה איז געוועזען געניט אין איהר מסחר: זי האָט פֿערשטאַנען, אַז אויב זי וויל פֿערקויפֿען אַזאַ שלל פֿיש, מוז זי אַרומגעהן איבער די הײַזער פֿון דער שטעטעלשער אַריסטאָקראַטיע ניט גלאַט אַזוי, ווי ס'וועט זיך טרעפֿען, נאָר אָנהויבענדיג פֿונ'ם גרעסטען און געהענדיג כּסדר, פֿונ'ם גרעסערען צום קלענערען, וועדליג זייער חשיבות. דעריבער איז כאָטש צו איינציגע פּריצ'טעס וואָלט איהר געווען נעהענטער, איז זי פֿונדעסטוועגען אַוועקגעלאָפֿען אויפֿ'ן אַנדער'ן עק שטעטעל צום ריכטער'ס הויף. איהר חשבון איז ניט געווען קיין פֿאַלשער. דעם ריכטער'ס ווײַב האָט זיך, בערך, וועניג גע-

דונגען און אַוועקגעקויפֿט בײַ איהר דעם גאַנצען פֿיש פֿאַר דרײַ רובעל, דאָס האָט בעטראָפֿען אַריבער עלף גראָשען פֿאַר יעדען פֿונט.

אויפֿ'ן וועג אַהיים האָט חוה די גאַנצע צײַט געשוועבט צווישען פֿרייד און חרטה: פֿון איין זײַט איז זי געווען נאָך שכּור פֿון דער האָפֿנונג צו בעקומען אַ גרויסען פֿערדינסט, פֿון דער אַנדערער זײַט האָט זי געדאגה'ט, וואָס וועט זי טון מיט די איבעריגע פֿיש.

— מילא — האָט זי זיך געטראַכט, לויפֿענדיג אַ פֿער־מאַטערטע — איינמאָל וועלוועלער, אַנ'אַנדער מאָל טײַערער. די האָט גענומען אַ גאַנצען פֿיש, בעצאָהלט מזומנ'ע געלד; כ'וואָלט שוין געמעגט אַוועקשענקען די איבעריגע פֿיש, וואָלט איך סײַ ווי געהאַט מײַנע דרײַ רובעל.

— מײַנע דרײַ רובעל! — האָט זי אויסגעשריען אויף אַ קול, אָנטאַפּענדיג אין קעשענע דאָס פּאַפּירעל. — פֿינף גילדען קומט זיי, מילא, וועל איך בעצאָהלען; צוויי יעסיאָטרען זאָלען ניט ווערט זײַן קיין פֿינף גילדען?

פֿון דער ווײַטענס האָט חוה דערזעהען, ווי איהר מאַן טענה'ט עפּיס מיט די פֿישער פֿאַר דער שטוב און שטורכעט מיט אַ שטעקעל די יעסיאָטרען, אויף וועלכע די קינדער האָבען מיט פּחד געקוקט.

— וועלכע פֿיש, וואָס מיר פֿאַר פֿיש — האָט ער גערעדט מיט עקעל — ווער עסט דאָס? — אַ הונגעריגער; און ווער קויפֿט דאָס? — אַ נאַר. אָי, אָי, אַ מאַכל! קיין אויפֿגאָב האָט זי אײַך ניט געגעבען?

— געגעבען — האָט איינער פֿון די פֿישער געענטפֿערט — אָבער מיט'ן רעשט זוימט זי זיך עפּיס.

— נו, איז וואָס, אַז זי זוימט זיך, האָב איך אפֿשר קיין שטוב ניט, בין איך אפֿשר קיין בעל־הבית ניט, איז מײַן מאַ־יאָנטעק ניט ווערט קיין פֿינף גילדען?

דערזעהענדיג, אַז דאָס ווײַב געהט, האָט שמחה זיך גענומען בעריהמען מיט נאָך אַ העכערען טאָן.

— אויף מײַן נחלה בין איך ניט שולדיג קיינעם אַ גראָשען, וועל איך, ברוך השם, נאָך אויסהאַלטען אײַערע פֿאַר יעסיאָטרען. איך האַנדעל גאָר ניט מיט אַזוינע שמאַטעס, איך

האב איך געזאגט, איך האב א שטוב, שמחה איז א בעל-הבית.

חוה האט אויפ'ן שטעל בערוהיגט איהר מאן מיט א שארף ווארט און זיך גענומען צו די פישער:

— ס'קומט איך דריי גילדען...

— פינף! — האבען יענע אנגעהויבען שרייען.

— וואס הייסט? א רובעל פיפצעהן א שטיק.

מ'האט זיך אנגעהויבען דינגען. חוה האט געוואלט עפיס אויסדינגען, מחמת ערשטענס איז אזוי געווען איהר געוועהנהייט און צווייטענס האט זי דעם ערשטען פיש פערקויפט וועלוועלער, ווי זי האט גערעכענט; איהר גאנצע טרחה האט איהר אבער גאר ניט געהאלפען.

ווען די פישער זענען אוועקגעגאנגען, האט זי זיך אנידערגעזעצט אויפ'ן באנק פאר דער שטוב און אנגעהויבען אבווישען מיט'ן פארטוך דעם שווייס פונ'ם פנים, ניט ענטפערענדיג גאר ניט אויף די וויינענדיגע געשרייען פון די קינדער, וועלכע האבען זי געטארעט פון אלע פיער זייטען. שפעטער האט זי ארויסגענומען פון דער קעשענע צוויי בארלעך, צעביסען יעדעס אויף צווייען און פערשטאפט מיט זיי די פיער אפענע מיילער.

— שמחה! — האט זי א רוף געטאן איהר מאן, וועלכער האט זיך צוגעקוקט צו די פערשימעלטע שינדלען פון זיין דאך, ארומגעהענדיג מיט די הענד פערלעגט אויף הינטען. — נעהם טראג אריין די פיש אין שטוב אריין.

— ס'איז זיי דא אויך ניט קאלט — זיי מעגען ליגען...

— האט ער קאלטבלוטיג געענטפערט און הוסטענדיג זיך אוועקגעשלעפט אין שטאט אריין.

חוה האט אנגעהויבען ציטערן פאר כעס און אין די אויגען ביי איהר האבען א גלאנץ געטאן צוויי גרויסע טרערען. זי האט געהאסט איהר מאן פאר זיין פוילקייט און קראנקהייט, אויף וויפיעל מען קען נאר האסען אונטער'ן יאך פון שווערער פראצע. ווען שמחה וואלט געווען א געזונטער, וואלט זי געפיהלט צו איהם א שטיקעל ליעבשאפט; ווען ער וואלט ניט געטאן גאר ניט מחמת דאס פאסט ניט א יוד א לערנער, וואלט זי מיט געדולד אליין געטראגען דעם גאנצען עול פון פרנסה. שמחה האט אבער ניט געטאן א האנד אין

קאַלט וואַסער מחמת חסיד׳ישער בטלנות און מחמת פוילקייט, וועלכע האָט זיך גענומען פון זיין שוואַכען געזונד. אַ פּאַראַזיט אַ קראַנקער ווען ער פלאָדזעט נאָך דערצו קינדער — קען דען זיין ערגערס פאַר אַן אָרימער יודענע, וועלכע מוז אויסהאַלטען אַ גאַנצע געזינד?

חוה האָט אַ שטיק צייט געשוויגען. זי האָט אַליץ געטראַכט וועגען די פיש, וועלכע מ׳האָט געמוזט פערקויפען וואָס גיכער, כדי זיי זאָלען ניט ווערען קאַליע פון דער היץ. די קינדער האָבען ווידער אָנגעהויבען שרייען, אָבער זי האָט דאָס שוין ניט געהערט; שנעל האָט זי זיך אויפגעהויבען און אַוועק. צו איינער פון אירע קונדען, צו דעם קאַסיר׳ס ווייב, וועלכע האָט געוואוינט ניט וויט פון איהר שטוב. זי האָט די פריצ׳טע געטראָפען אין גאָרטען.

— אַי, אַי, טייערע פאַניע, האָב איך פאַר אייך אַ שטיקעלע סחורה, נאָך קיינעם קיין פּיפּס ניט געטאָן... אַ פרישינקער, אַ שענער, אַ צאַפּעלדיגער יעסיאָטר...

— יעסיאָטר — האָט די קאַסירקע געענטפערט — יעסיאָטר דאָס איז ניט קיין פיש, ניט קיין פיש. פאַר־אַ־יאָהרען האָב איך איינגעמאַרינירט צוואַנציג פונט, האָב איך האַלב אַרויסגעוואָרפען, ווארום אַפילו די קינדער האָבען עס ניט געוואָלט נעהמען אין מויל.

— אַי, וואָס זאָגט איהר, פאַני, וואָס זאָגט איהר. דער אַלטער נאָטאַריוס האָט דאָס דאָך בעסער ליעב געהאַט, איידער געפּרעגעלטע שוועמלעך. און דעם ריכטער׳ס ווייב זאָגט מיר אַלע מאָל: שמה׳אָווא, שמה׳אָווא, ווען וועסטו מיר שוין ברענגען יעסיאָטר?

— כ׳וויים, אויב וואָלוועל...

— פון אייער׳ט וועגען אַ גילדען אַ פונט.

— איהר מעגט שוין געהן ווייטער. פאַר אַזאַ געלד וועל איך האָבען לאַכס.

— פאַני, מיר אַליין קאָסט פינף און צוואַנציג גראָשען, איך מוז דאָך עפּיס פערדינען.

— פופצעהן גראָשען אויב איהר ווילט, וועל איך נעהמען דרייסיג פונט.

— מילא, וואָס זאָל איך מיט אייך טון? אַך, טייערע פאַני, אַזאַ געשמאַקער פיש, ס׳איז אַזש אַן עבירה עסען. כ׳וועל

נאָר אַלויף טון צו דעם גאָלאָוואַ׳ס ווײַב, אפשר וועט זי נעהמען מיט אײך בשותפות.

דעם גאָלאָוואַ׳ס ווײַב, ווען זי איז געוואָהר געוואָרען, אַז חוה איז פריהער שוין געווען בײַ דעם קאַסיר׳ס ווײַב — חוה האָט אויף איין רגע פערגעסען דעם סדר היום — האָט זי זי אַרויסגעוואָרפען הינטער דער טיר.

— אַזאַ לײַדאַטשקע — האָט זי געשריען, פערהאַקענדיג די טיר — זי וועט מיר אונטערטראָגען דאָס, וואָס אַ ליאַדע קאַסירקע וועט שוין ניט וועלען פרעסען. וואַרט, דו וועסט עס מיר האָבען צו געדענקען!

חוה האָט אַפילו קײַן צײַט ניט געהאַט צו בעליידיגען זיך פון אַזאַ ברוך־הבא. זי איז אַוועק ווײַטער. דער גאָט פון מסחר האָט אָבער, קענטיג, געוואָלט אַרויפלעגען אויף איהר אַ שווערען עונש פאַר איהר דרייסטע פראָבע, וואָרום אין ערגיץ האָט זי ניט געקענט פערקויפען ניט קײַן גאַנצען פיש און ניט קײַן האַלבען. אין איין שטוב איז די פריצ׳טע ניט געווען אין דער היים, אין אַנ׳אַנדערער איז ניט געווען קײַן געלד, אַזוי אַז חוה איז אומזיסט אויסגעלאָפען דאָס גאַנצע שטעטעל. אַ דערשלאָגענע האָט זי זיך אומגעקעהרט צו זיך אַהיים.

וואָס טוט מען? די זעלביגע פראַגע שטעהט ווי אַ שרעקליך געשפענסט *) אי פאַר די אויגען פונ׳ם רײַכען סוחר, וועמעס שיף, אַנ׳אָנגעלאָדענע מיט סחורות, איז געלעכערט געוואָרען אינמיטען דעם ים, אי פאַר די אויגען פון דער אָרימער הענדלערקע, וואָס קיינער וויל בײַ איהר ניט קויפען איהרע צוויי יעס׳אָטרען. אין אַזאַ סכנה־צײַט איז דער ערשטער געדאַנק — ראַטעווען דעם קאַפיטאַל. חוה׳ן האָט נאָך געפעהלט צו דער סומע, וואָס זי האָט בעצאָהלט די פישער, פינף גילדען. האָט זי שנעל איבערגעהאַקט מיט אַ האַק איינעם פון די פיש און אַ העלפט אַוועקגעטראָגען צום קאַסיר׳ס ווײַב. אויב זי וועט אָבנעהמען אַלצדינג, וואָס ס׳קומט איהר, וועט זי האָבען צוויי רובעל ריין פערדינסט, אַפילו ווען

---

*) געשפענסט — אַ טרוים־בילד, אַ שרעקליכע געשטאַלט, וואָס אַ מענש זעהט אַמאָל, כאָטש ער ווייסט, אַז דאָס איז אונמעגליך. למשל, ווען איינער זעהט אַ מת אַרומגעהן און רעדען, א. אַז. וו.

דער רעשט פיש זאָל בלייבען פוילען. אָ, זיסע האָפנונג, אָ זעלטענער טאָג פון גליק! צוויי רובעל פערדינסט, פאַר עטליכע שעה לויפען. רייכערע פון חוה'ן וואָלטען ביי אַזוינע פער־דינסטען זיך גענומען האַנדלען מיט פיש.

יענעם טאָג איז איהר אָבער בעשערט געווען, אַז די ערד זאָל שיער ניט פערשווינדען פון אונטער איהרע פיס.

די קאַסירקע האָט קודם כל ערקלערט, אַז צו פופצעהן גראָשען וויל זי ניט צאָהלען, נאָר צו צעהן, און בעצאָהלען וועט זי ערשט איבערמאָרגען. און חוה האָט דאָך אַפילו די דריי רובעל איהרע ניט געהאַט אין קעשענע, און פאַר'ן גאַנ־צען טאָג האָט זי ניט פערדינט קיין איינציגען מזומנ'עם גראָ־שען! בעטויבט פון דעם דאָזיגען געדאַנק, מיט אַנ'אויסדרוק פון וואונדערבאַרער ענטשלאָסענהייט אויף איהר פנים, איז זי אַ פערטראַכטע געגאַנגען אַהיים. ס'איז געווען איינס אַ זייגער ביי־טאָג. שמחה האָט געפליקט די בלעטער פון אַ בורעק און געוואָרפען זיי די הינער, וועלכע האָבען זיך ניט געלאָזט נאַ־רען. די קינדער זענען געזעסען אַלע צוזאַמען ביי'ם וואַנד און געקייעט גרינע סטראָנטשקעס פון אַרבעס, וועלכע דער פאָ־טער האָט זיי געבראַכט פון שטאָט אַ פולע האַנד. דערזע־הענדיג די מוטער, האָבען זיי שרעקליך אָנגעהויבען צו שרייען. חוה האָט אויפגעהויבען און אַ קוש געגעבען דאָס קלענסטע און אַריינגעגאַנגען אין שטוב.

— קויף זיי אַ פונט ברויט — האָט זי געזאָגט צו דער שכנה, אַרויסנעהמענדיג פיער גראָשען — וואָרום איך מוז לויפען.

און ניט קוקענדיג אויפ'ן געשריי פונ'ם קינד, איז זי אַרויסגעלאָפען פון דער שטוב, אַ כאַפּ געטאָן דעם יעסיאָטר, וועלכער איז געלעגען אונטער'ן פענסטער, פערוואָרפען איהם אויף די פלייצעס און גענומען שפאַנען איבער דעם וועג, וועלכער פיהרט הינטער דעם שטעטעל.

— וואוהין לויפט אַזוי די שמח'אָווע? — האָט אַ פרעג געטאָן אַנ'אַלטע פריצ'טע, וועלכע איז געזעסען אויפ'ן גאַניק מיט אַ זאָק אין האַנד.

— קיין פילאַווע, טייערע פאַני — האָט געענטפערט חוה, צוקומענדיג נעהענטער און קושענדיג ביי דער אַלטער די האַנד.

— טראָגסט אַ יעסיאָטר. פאַר וועמען איז דאָס?

— כ'זאָל אַזוי וויסען ביי. דאָ קען איך איהם ניט פערקויפען. אַ האַלבען האָב איך נאָך אין דער היים.

— דעם האַלבען וועל איך נעהמען. ס'איז געקומען צו מיר אויף וואַקאַציע אַנ'איינִיקעל מיט אַ גוטען אַפּעטיט. און דו וועסט דען אַזאַ משא פערטראָגען קיין פילאַווע?

— איך, טייערע פאַני, איך האַלט זיך קוים אויף די פיס. איך האָב נאָך היינט ניט געגעסען גאָר ניט. איך ווייס אַפילו ניט, צו וועל איך היינט אויספיִען אָבקאָכען עפּיס פאַר די קינדער. נאָר וואָס זאָל איך טון? אַ פיש קען לאַנג ניט ליגען. כ'האָב געקויפט דריי יעסיאָטרען, איינעם האָט גענומען דעם ריכטער'ס ווייב צו עלף גראָשען אַ פונט, אַ האַלבען די קאַסירקע צו צעהן; דאָס איבעריגע האָב איך נאָך ניט פערקויפט, לויף איך אָט דאָס קיין פילאַווע. ביז אַהער האָב איך נאָך ניט פערדינט גאָר ניט, נאָך אַפילו ניט אָבגענומען אַלע דריי רובעל. און ווער איך אָן דער פריצה'ס דרייערעל, וועט מיר אויסקומען מיט די קינדער כאָטש קייען די ערד.

די פריצה, וואָס חוה האָט איהר אַזוי אָפּענהערציג דערצעהלט אַלצדינג, איז געוועזען אַנ'אלמנה, איהר מאַן איז אַמאָל געוועזען אַנ'אָגראָדניק ביי די פירשטען טשאַרטאָריסקי אין פילאַווע. אַריבערגעצויגען האָט זי זיך קיין קאַזימעזש, ווייל אין פילאַווע זענען איהר פריהער אָבגעשטאָרבען די בעל-הבתים, נאָכדעם דער מאַן — האָט זי ניט געקענט בלייבען אין דעם אָרט, וועלכער איז פאַר איהר פול געוועזען מיט אַזוינע שווערע זכרונות. אין קאַזימעזש האָט זי געלעבט פון אַ קליינעם קאַפּיטאַל און פון קרובים'ס שטיצע צוזאַמען מיט איהר טאָכטער — אַנ'אַלטער אונפערהייראַטער שוואַכער פרוי. דאָס האָט זי פאַר צוויי יאָהרען געליהען חוה'ן די דריי רובעל, מיט וועלכע יענע האָט געמאַכט אַלע איהרע מסחרים און וועלכע זי האָט אַזוי שטרענג געהיט. ווי נאָר זי פלעגט אַרויסלאָזען פון די הענד די דריי רובעל, באָדיי נאָר אויף אַ קורצע צייט, באָדיי נאָר אַ טייל פון זיי, פלעגט זי שוין ניט קענען זיין רוהיג, זי האָט אַפילו געמעגט האָפען גאָר אין גיכען בעקומען אַ זיכערען ריוח. זי פלעגט דעמאָלט אַרומגעהן אין איין שרעק, עס פלעגט זיך איהר דאַכטען, אַז זי שטעהט ביי'ם ראַנד פון אַנ'אָבגרונד, וואוהין זי

וועט אַרייַנפֿאַלען מיט'ן גאַנצען געזינד. דער זעלביגער שרעק איז געוועזען אויף די סבה, פֿאַר וואָס זי האָט זיך אַזוי מורא'דיג געאַיילט צו פֿערקויפֿען די יעסיאָטרען דוקא וואָס גיכער. ביז דריי רובעל האָט איהר נאָך געפֿעהלט פֿינף גילדען.

ס'איז געוועזען מערקווירדיג, ווי אַזוי חוה האָט דערצעהלט דער אַלטער וולאָסטאָוויצטשעכע שטענדיג דעם גאַנצען אֶמת. זי, וועלכע פֿלעגט ביי'ם מסחר טאָקען ליגענס און נאַרען די קליינשטעטילדיגע פריצ'טעס אויף וואָס די וועלט שטעהט, פֿלעגט נאָר דער איינער פריצ'טע זאָגען דעם ריכטיגען אֶמת.

— ווי טייַער זשע האָסטו געקויפֿט די יעסיאָטרען? — האָט די אַלטע געפֿרעגט.

— צו פֿינף גראָשען אַ פֿונט — האָט געענטפֿערט חוה.

— האָסטו דאָך פֿערדינט.

— ביי דעם ריכטער'ס ווייב, וואָרום די קאַסירקע האָט מיר ניט בעצאָהלט.

— געהזשע, מיין ליבע. איך ווייס ניט, ווער עס וואוינט איצט אין פולאַווע, נאָר כ'האָב געהערט, אַז ס'איז דאָרט אָנגעפֿאָהרען אַ סך פריצים.

חוה האָט אַ קוש געטאָן דער פריצה די הענד און האָט גענומען געהן ווייַטער. פֿון קאַזימעזש ביז פולאַווע איז געוועזען אַ וויאָרסט צעהן, און מיט אַ משא פֿון פֿופֿציג פֿונט אויף די פלייצעס איז דער מהלך געוועזען ניט פֿון די גרינגע. דער פֿיש, וועלכער איז געהאַנגען איבער דעם ווייבעל'ס אַקסעל, האָט ווי געשאָקעלט סקעפטיש מיט'ן קאָפּ איבער איהר דרייסטען פלאַן. פֿונדעסטוועגען, כאָטש זי איז געוועזען הונגעריג און מיד, איז זי געגאַנגען מיט האַסטיגע טריט. ביי דער דריטער ווערסט האָט זי זיך געזעצט אָפּרוהען. אַ פאַרביי־פֿאָהרענדיגער פריץ האָט דערזעהען דעם פֿיש ליגען נעבען איהרע פֿיס און זיך געהייסען שטעלען.

— וואָס האָט איהר דאָס? — האָט ער געפֿרעגט.

— אַ יעסיאָטר — האָט חוה געענטפֿערט מיט אַ קלאַפּענדיג הארץ.

— ע, יעסיאָטר — האָט ער אַ בורטשע געטאָן אונצופֿרידען און געהייסען פֿאָהרען ווייַטער.

אפשר וועט אין פולאַווע יעדערער אַזוי שאָקלען מיט'ן

קאָפּ? חוה האָט זיך אַהײב געטאָן און גענומען געהן. מיט צווײ װיאָרסט װײַטער האָט זי זיך נאָך אַמאָל צוגעזעצט. טראַכטענדיג אַזױ װעגען איהרע צרות, האָט זי דערזעהען — עס פֿאָהרט פֿון קאַזימעזש אַ װעגעלע מיט אַ פֿוהרמאַן און נעבען פֿוהרמאַן זיצט אַ ייד, װאָס האָט זיך, קענטיג, אױפֿגעזעצט אינמיטען װעג. דעם פֿוהרמאַן האָט חוה געקענט: דאָס איז געװען דער בריעף־טרעגער, אַנ'אױסגעדינטער סאָלדאַט, אַ טױגעניכטס און אַ שכּור, װאָס מ'האָט איהם שױן ניט אײנמאָל געזאָגט מוסר אין צערקװע און געשלאָגען אין צירקעל. דאָס איז ער איצט געפֿאָהרען מיט דער פּאָסט און אױף אײגענע אַחריות גענומען אַ פּאַרשױן.

— פֿראַנעק, פֿראַנעק — האָט זי געשריען — װאַרט אױס.

— װאָס דאַרפֿט איהר? — האָט ער געפֿרעגט, פֿערהאַלטענדיג דאָס פֿערד.

— נעהם מיך קײן פּולאַװע.

— סײַדען איהר װעט צושפּאַנען דעם פּיש אַײערן, װאָרום פֿאַר מײַן שקאַפּע װעט דאָס זײַן צו שװער.

— ס'איז דען װײַט? דרײַ שפּאַן.

— נו, טאָ שפּאַנט.

— פּלױדער ניט קײן נאַרישקײַטען.

— װאו זשע װעט איהר זיצען? סײַדען בײַ מאָשקען אױף די קניע.

— כ'װעל שױן געפֿינען אַנ'אָרט.

ניט װאַרטענדיג, ביז ער װעט איהר ערלױבען, האָט זי זיך גענומען דראַפּען אױפֿ'ן װעגעלע.

— װײַזט נאָר פֿריהער אַ גילדען — האָט פֿראַנעק געשריען.

— נאַרעלע, איך װעל דיך ניט קריװדען.

מ'האָט גענומען פֿאָהרען.

— װאָס פֿאָהרסטו גאָר עפּיס הײַנט מיט דער פּאָסט?

— האָט זי געפֿרעגט.

— בײַ יענדזשײען איז אַ קינד געשטאָרבען — האָט פֿראַנעק געענטפֿערט — פֿאָהר איך. צום טײַװעל אַזאַ אַרבײַט.

— אַרומגעהן מיט בריעף איבער'ן שטעטעל איז דען בעסער? אָדער לױפֿען איבער די דערפֿער?

— װער לױפֿט? ס'װאָלט ניט געקלעקט קײן שטי־

וועל. כ'דאַרף אַמאָל אָפּטראָגען אַ בריעף אין אַ הויף אַריין, וואַרט איך. טרעפט זיך אַ געלעגענהייט — איז גוט, ניט — ניט. פּאַפּיער איז ניט קיין מילך, עס ווערט ניט זויער.

— אין אַז ס'איז אַ נויטיגע זאַך?

— מיר איז ניט נויטיג. סיידען ס'פעהלען קלינגערס.

— אַ סך בריעף צעטראָגסטו אין די דערפער?

— דער שוואַרץ יאָהר ווייסט זיי. מיינסט איך טראָג אַלע פּאַנאַנדער? אַ נאַר וואָלט איך געווען. איך טראָג נאָר די, וואָס ס'שטעהט אויף זיי, מען זאָל זיי אָבשיקען מיט אַ שליח; די פּריצים הייסען זיי זיך ברייגנען אַהיים, מען מוז זיך אונטערשרייבען; זאַקאַזנע הייסט דאָס, סטראַכירטע.

— מען צאָהלט דיר עפּיס גוט פאַר'ן וועג?

— עט, בלאָטע. אַמאָל גיט מען אַ קאָפּיקע און אַמאָל גרויפּען. דעם פריץ פון אושטשאָנשע האָב איך געזאָגט יענע וואָך, אַז איך בין ניט קיין פויגעל, ער זאָל מיר שיטען גרויפּען. אין פּאָלאַנוווקע אַ וואוילער שלאַכטשיטש: נעכטען פאַר אַ בריעף געגעבען אַ רובעל.

— אַ רובעל? — האָט הוה אויסגעשריען פערוואונדערט.

— קיין פּאָלאַנוווקע איז דאָך וועניגער ווי אַ מייל וועג.

— זעקס וויאָרסט. האָב איך מיר געמאַכט אַ פיינע כוסה, געזאָגט עפּיס דעם פּאָסטמייסטער אויף צו להכעיס, ווערט ער אין כעס און גיט מיר אין קאַרק, האָב איך איהם אָנגעריבען אַ מאָרדע. איז ער איצט פלאַם־פייער, ער זאָגט, ער וועט מיך אַרויסטרייבען, אַזאַ הונד. נאָר די פּאָסט איז שוין נאָהענט, זשידעס, אויפשטעהן.

הוה איז אַראָבגעשפּרונגען.

— גאָט זאָל דיר בעצאָהלען — האָט זי געזאָגט.

— וואָס, פאַרשיווע יודענע, איך זאָל נאָך געהן צו דיין גאָט מאָהנען וואָס ס'קומט מיר? אַ גילדען מיר אַהער.

— פראַנעק, ביזט משוגע? פאַר אַזאַ פּיצעל וועג אַ גאַנצען גילדען!

— אויב דו גיסט ניט תיכף צעהן קאָפּיקעס, שנייד איך מיר אָב אַ שטיק פּיש.

און מיט די ווערטער האָט ער שוין אַרויסגענומען דעם מעסער.

— לײַדאַק, װאָס טוסטו! — האָט זי אױסגעשריִען מיט שרעק — נאַ, נאַ דיר, רוצח.

אַרױסגעװאָרפֿען דעם יעסיאָטער און בעקומען געצאָהלט פֿון מאָשקען, האָט פֿראַנעק אַ פֿײַף געטאָן און אַװעקגעפֿאָהרען װײַטער. חוה איז מיט איהר משׂא אױף די פּלײצעס אױך געגאַנגען אַ װײַלע אױף דעם זעלביגען װעג, נאָכדעם האָט זי זיך גענומען אָן אַ זײַט, צו דער אַלטע פּוּנ׳ם מאַריען־אינסטיטוט. דאָרט איז זי געװען זיכער, אַז זי װעט פֿערקױפֿען דעם פֿיש. נאָר זי האָט געהאַט אַ טעות. די הױז־װירטין האָט איהר ערקלערט, אַז אַלערלײ עופֿות און פֿיש קױפֿט זי נאָר אין גרױסע פּאַרטיעס, פֿון צעהן ביז צװאַנציג יעסיאָטרען װאָלט זי זעהר גערן געקױפֿט, אָבער אײן יעסיאָטער האָט פֿאַר איהר ניט קײן חשבון.

פֿערלאָזענדיג דעם אינסטיטוט, האָט זיך חוה צעװײנט. װאָס װעט זײַן, אױב מ׳װעט זי אַזױ אױפֿנעהמען אומעטום? — האָט זי זיך געטראַכט. אַזאַ סחורה קען לאַנג ניט ליגען. זי איז לאַנגזאַם געגאַנגען איבער דער גאַס מיט דעם יעסיאָטער אױף די פּלײצעס, אפֿשר װעט עמיצער זי דערזעהען און בעקומען חשק צו קױפֿען דעם פֿיש. אין אַ שטיקעל צײַט אַרום האָט אַן עלטערער הערר זי אָבגעשטעלט און אַ פֿרעג געטאָן:

— פֿאַר װעמען איז דאָס?

— אױף צו פֿערקױפֿען — האָט געענטפֿערט חוה.

— פֿריש?

— אַקוראַט פֿוּנ׳ם טײַך.

ער האָט בעטראַכט דעם פֿיש.

— װיפֿיעל װילט איהר פֿאַר׳ן גאַנצען?

— פֿינף רובעל.

— פֿיער װעט איהר נעהמען?

חוה איז דערציטערט געװאָרען פֿאַר שׂמחה.

— אָי, טײַערינקער הערר — האָט זי געבעטען. — דאָס איז צו װעניג. מיר אַלײן קאָסט פֿיער רובעל.

— איהר װעט נעהמען, צי ניט?

— װאוּהין טראָגען?

— אָט צו יענעם הױף, צום דאָקטאָר פּריסקי. דאָרט װעט מען בעצאָהלען.

עֶר האָט אִיהר אָנגעֶשרִיבּעֶן אוֹיף אַ צעֶטעֶל עֶטלִיכעֶ ווערטעֶר אוּן געֶהַייסעֶן אָבּגעֶבּעֶן אִין הוֹיף.

ווען הוה וואָלט געֶווען לוֹט׳ס ווייבּ אוּן אוֹיף פּוּלאַווע וואָלט זִיךְ געֶדאַרפט אוֹיסגִיסעֶן אַ רעֶגעֶן פוּן שוועֶבּעֶל, וואָלט זִי נִיט געֶענדִיגט דעֶם עסק אוּן נִיט אַנטלאָפעֶן פוּן דאָרט אַזוֹי גִיךְ, ווִי דעֶם מאָל. פאַראַן בּעֶשעֶפעֶנִיסעֶן, וואָס פוּן עֶטלִיכעֶ פּעֶרדִינמִיעֶ רוּבּעֶל וואַקסעֶן זִיי אוֹיס פלִיגעֶל אוֹיף דִי פּלַייצעֶס. לוֹיפעֶנדִיג אַהַיים האָט הוה געֶלאַכט, געֶפּאַטשט מִיט דִי העֶנד, געֶרעֶדט צוּ זִיךְ אַלַיין עֶפּיס אַ פרעֶהלִיכס אוּן אַרוֹיסגעֶווִיזעֶן אַזאַ שמחה, אַקוּראַט ווִי פוּן דִי עֶטלִיכעֶ רוּבּעֶל וואָלט זִי געֶמוּזט אַראָבּ פוּנ׳ם זִינעֶן. סוֹף כל סוֹף האָט דעֶר גוּף אוֹיךְ אָנגעֶהוֹיבּעֶן פעֶרלאַנגעֶן זַיינס, כאָטש אַ שטִיקעֶל צַייט האָט דִי אוֹיפרעֶגוּנג נִיט געֶלאָזט העֶרעֶן זַיין קוֹל. פוּן אִינדעֶרפרִיה אָן האָט הוה נִיט געֶהאַט קַיין בּרעֶקעֶל בּרוֹיט אִין מוֹיל, אַחוּץ עֶטלִיכעֶ טרוּקעֶנעֶ קאַרטאָפלִיעֶס, וואָס זעֶנעֶן געֶבּלִיבּעֶן פוּן נעֶכטעֶן. אוּן געֶווען אִיז שוֹין שפּעֶט, שוֹין נאָהעֶנט צוּ נאַכט. מִיר פוּן אַ גאַנצעֶן טאָג לוֹיפעֶן, אוֹיסגעֶמוּטשעֶט פוּן הוּנגעֶר, האָט הוה, נאָךְ דִי עֶרשטעֶ מִינוּטעֶן פוּן שמחה דעֶרפִיהלט אַ שרעֶקלִיכעֶ שוואַכקַייט אִין דִי פִיס. זִי האָט זִיךְ דעֶרשלעֶפּט בִּיז׳ן נאָהעֶנטעֶן דעֶרפעֶל אוּן אַרַיינגעֶגאַנגעֶן אִין קרעֶטשמעֶ. בּיי׳ם טִיש אִיז געֶזעֶסעֶן פראַנעֶק מִיט נאָךְ עֶפּיס אֵיינעֶם אַנ׳אוּמבּעֶקאַנטעֶן יוּנגעֶן מעֶנשעֶן. בּיידעֶ האָבּעֶן זִיי אִיבּעֶרגעֶקוּקט דִי פּאָסט-פּאַקעֶטעֶן אוּן געֶזוֹפּט בּראַנפעֶן. דעֶר קרעֶטשמעֶר אִיז געֶשטאַנעֶן פוּן דעֶר ווַייטעֶנס אוּן נַייגעֶרִיג זִיךְ אַיינגעֶהעֶרט אִינ׳ם פרעֶהלִיכעֶן שמוּעֶס.

— אֵיינִיגעֶ פּאָסט-בּעֶאַמטעֶ — האָט דעֶר האַלבּ-שכוּר׳עֶר פראַנעֶק געֶרעֶדט צוּ זַיין חבר — האָבּעֶן שוֹין אַזאַ הוּש אִין דִי פִינגעֶר, אַז זִיי דעֶרקעֶנעֶן בּאַלד, צִי ס׳אִיז דאָ געֶלד אִינ׳ם בּרִיעף, צִי נִיט.

— אִין דעֶם מוּז געֶווִיס זַיין — האָט געֶזאָגט דעֶר חבר.

— אַזאַ דִיקעֶר, אַ פעֶטִינקעֶר. אפשר פּאַלמעֶסעֶן, האַ?

— נאָ!

הוה אִיז געֶווען פעֶרנוּמעֶן מִיט אִיהרעֶ געֶדאַנקעֶן אוּן ווענִיג זִיךְ צוּגעֶהעֶרט צוּ דִי שמוּעֶסעֶן. זִי האָט געֶקוֹיפט צוויי פּלעֶצעֶלעֶךְ, זִיךְ אַוועֶקגעֶזעֶצט אִינדרוֹיסעֶן פאַר דעֶר קרעֶטשמעֶ אוֹיף אַ קלאָץ אוּן געֶנוּמעֶן עֶסעֶן. דוּרכ׳ן אָפעֶנעֶם פעֶנס-

טער האָט זיך געלאָזט הערען אַ פרעהליכער געלעכטער, איינמאָל האָט זי דערהערט אַפילו, ווי פראַנעק רעדט וועגען עמיצען:

— איך וואָלט זי געמאַכט, וואָלט זי שוין ניט דערלעבט!

וועגען וועמען דאָס רעדט זיך, האָט חוה ניט געוואוסט.

אין אַ ווײַלע אַרום איז פראַנעק אַרויסגעגאַנגען אַ שכור׳ער פון דער קרעטשמע און זיך אַרײַנגעזעצט אין וועגעלע. ער איז קוים אַרויף.

— העי, יודענע, פאָהרסט מיט מיר? — האָט ער אַ געשריי געטאָן.

— ניין — האָט חוה געענטפערט.

פראַנעק האָט זיך צעלאַכט, איהר דערלאַנגט אַ שמיץ מיט׳ן בײַטש איבער דער פּלייצע, נאָכדעם האָט ער אַ טרייב געטאָן דאָס פערד און שוין פאָהרענדיג אויסגעשריען:

— וואָס, מכשפה, האָסט מורא איך זאָל מיט דיר ניט טרייבען קאַטאָוועס?

חוה האָט זיך צעוויינט פאַר האַרץ־וועהטאָג, אויסגעשאָטען עטליכע קללות, און אַזוי ווי פאַר קלעמעניס האָט זי שוין מעהר ניט געקענט עסען, האָט זי דעם רעשט פלעצעל בעהאַלטען אין קעשענע און זיך גענומען געהן ווײַטער. וועגען וואָס זי האָט געקלערט געהענדיג, איז שווער צו זאָגען. וועגען דעם האַלבען פיש, וואָס איז נאָך געבליבען אין דער היים, וועגען די צוויי פערקויפטע, וועגען די וועג־הוצאות, וועגען די הונגעריגע קינדער, וועגען דער רײַכער וועטשערע, וואָס זי וועט זיי היינט קאָכען, וועגען בריעף צעטראָגען, וועגען פראַנעק׳ן און זײַן בײַטש... נאָר דער מאַן האָט ניט פערנומען קיין פּלאַץ אין איהרע געדאַנקען. נאָכ׳ן פנים האָט מען געקענט זעהען, אַז דער מח אַרבײַט בײַ איהר כסדר, אַלע ווײַלע פלעגט זי מורמלען עפּיס שטיקלעך ציפער פון איהר אָרימען חשבון. מיר, וואָס מיר ווייסען דעם סוד פינ׳ס מסחר מיט די פיש, וועלען זיך דערויף ניט וואונדערן. אַחוץ דעם חוב, וואָס איז געבליבען בײַ׳ם קאַסיר׳ס ווייב, האָט חוה היינט פערדינט אַריבער דריי רובעל. דריי רובעל ריינעם ריוח! מען דאַרף זײַן אַ הונגעריגע חיה, כדי

צו פֿיהלען, וואס פֿאר א שמחה עס איז צו געפֿינען א שטיק פֿלייש פֿאר די קינדער.

ס'איז שוין געווען דונקעל, ווען הוה איז געקומען צום לעצטען דערפעל פֿאר קאזימעזש. געהענדיג נעבען א גראבען, האט זי דערהערט עמיצען כראפען געשמאק, און אביסעל ווייטער האט זי דערזעהען ווי פֿראנעק'ס פֿערד דרעהט זיך ארום איבער'ן פֿעלד און שלעפט נאך דאס איבערגעקעהרטע וועגעלע. הוה האט פֿערשטאנען, אז דאס איילט זיך פֿראנעק צו פֿאנאנדערטראגען די בריעף, און אזוי ווי זי האט נאך גוט געפֿיהלט דעם טעם פֿון זיין בייטש, האט זי זיך גענומען אן א זייט, כדי אויסצומיידען דאס געפֿעהרליכע ארט.

דער לעזער וואלט א טעות געהאט, ווען ער וואלט גערעכענט, אז די בעגעגענים האט ארויסגעפֿיהרט הוה'ן אויפ'ן געדאנק, ווי הפקר עס איז ביי אונז די קארעספאנדענץ און ווי שווער עס קומט אן, ביז מיר דערהאלטען א בריעף. ס'הויבט זיך גאר ניט אן. הוה האט פשוט געטראכט, ס'ארא מזל דער פֿראנעק האט, וואס ער צעטראגט בריעף און בעקומט אין פאלאנוועקע א גאנצען רובעל...

ווען זי האט דערזעהען ליכט אינ'ם פֿענסטערל פֿון איהר שטוב, האט א זיסער שוידער דורכגענומען איהר לייב. שוין לאנג האט זי זיך ניט אומגעקעהרט א היים מיט אזא גרויסען פֿערדיענסט, שוין לאנג האט זי אזא וועטשערע ניט געקענט קאכען. ס'האט איהר מעהר פֿון אלץ הנאה געטאן, וואס איהר איציקעל, א קינד פֿון צעהן חדשים, וועלכען מ'האט דעם גאנצען טאג געשטאפט מיט קארטאפֿעל, וועט איצט בעקומען א לעפֿעל געקעכטס. כדי ניט אנווערען קיין צייט, איז זי גלייך אוועק אין מארק אריין, געקויפט א קווארט מעהל, פֿאר דריי גראשען פיטער, א גלאז מילך און א פייג. נאך פֿון דער ווייטענס האט זי דערהערט דאס ביטערע געוויין פֿון די קינדער אין שטוב. אנ'אנדער מאמע וואלט געוויס זיך דערשראקען, זי וואלט געמיינט, ס'האט זיך געטראפֿען אין שטוב ווער ווייסט וואס. הוה האט אבער געוואוסט, אז דאס איז ניט מעהר ווי א כאר פֿון פֿיער הונגעריגע מאגענס.

— שטילער, שטילער, קינדערלעך — האט זי געזאגט,

אַרײַנפֿאַלענדיג אין שטוב אַרײַן. אין שטוב האָבען צווײ יונג־
לעך געכליפּעט יעדערער אין אַ בעזונדער ווינקעל און דאָס
מײדעלע האָט אומזיסט זיך געמיהט אײַנשטילען איציקלען,
וועלכער האָט געשריען העכער פֿון אַלע.

חוה האָט אַ קוש געטאָן איציקלען, איהם אַרײַנגעלעגט
אין מויל אַרײַן די געקויפֿטע פֿײַג, צווישען די איבעריגע דרײַ
קינדער האָט זי צעטײלט דאָס שטיקעל פּלעצעל, וואָס זי
האָט ניט דערעסען אין וועג. און אויף אַזאַ אופֿן האָט זי
אין גיכען אײַנגעשטילט דאָס גאַנצע נעסט.

— וואו איז דער טאַטע? — האָט זי געפֿרעגט דאָס
עלטסטע מײדעל.

— אַוועקגעגאַנגען מסדר־קדושין זײַן, ער וועט זײַן אויף
אַ חתונה.

— ער'ט ניט געקאָכט גאָר ניט?

— נײן.

ס'איז נאָך קײן שעה ניט אַריבער, האָט די יודענע
שוין געגעסען מיט די קינדער די וועטשערע — קליסקעלעך
מיט קאַרטאָפֿעל און מיט פּוטער; פֿאַר איציקלען האָט מען
די קליסקעלעך פֿערווײַסט מיט מילך. די קליסקעלעך זענען
דאָס געווען דער צוגאָב צו דער געוועהנליכער וועטשערע,
וואָרום בײַ פּופּצעהן גראָשען הוצאות אַ טאָג האָט זיך חוה
ניט אָפֿט געקענט ערלויבען אַזאַ לוקסוס. ברויט, קאַרטאָ־
פֿעל, גערשטענע קאַשע — דאָס איז געווען דאָס אײנציגע עסען
אין רובינ'ס געזינד.

ווי זיס חוה'ס שלאָף איז געווען יענע נאַכט — וואָלט
איך אומזיסט זיך געמיהט בעשרײַבען. דאָס איז געווען דער
שלאָף פֿון אַ גליקליכען, וועלכער האָט געוואונען אין לאָ־
טעריע, דער שלאָף פֿון אַ קבצן, וועלכער האָט געפֿונען
אַ זאַק גאָלד, אָדער, ווי איך האָב שוין פֿריהער געזאָגט,
דער שלאָף פֿון אַ חיה, וועלכע האָט נעבען איהר נאָרע
געפֿונען אַ גרויסען שטיק פֿלײש.

— וואו האָסטו זיך אַרומגעשלעפּט — האָט שמחה גע־
בורטשעט אויפ'ן אַנדערן טאָג — האָסט ניט קײן מאַן, קײן
קינדער, לויפֿסט אַרום שפּאַצירען. וואָס האָסטו פֿערדינט?

חוה האָט געשוויגען. זי האָט ניט געוואָלט דערצעהלען
וועגען איהרע קאַפּיטאַלען, כדי דער מאַן זאָל ניט בעקומען

צו זיי קיין חשק. יענער האָט שוין אַ יאָהר דריי געקלערט וועגען אַ נייער קאַפּאָטע, וואָרום מיט דער אַלטער איז איהם שווער געווען צו שפּילען די ראָלע פון אַ פיינעם בעל־הבית.

— אַ פּריצ'טע ביזטו — האָט ער ווייטער גערעדט — קויפסט זיך פיש. וואָס וועט זיין מיט אָט דער העלפט, ווער וועט זי נעהמען?

— כ'וועל פערקויפען — האָט חוה קורץ געענטפערט און איז אַרויסגעגאַנגען פונ'ם שטוב מיט'ן האַלבען פיש אין די הענד. וואוהין? זי איז שוין איבערגעוועזען כמעט אומעטום. דערמאָנענדיג זיך די געשעהעניסען פונ'ם נעכטיגען טאָג, איז איהר צוליב דער מעשה מיט פראַנעק'ן איינגעפאַלען אַ געדאַנק וועגען דער פּאָסט. אמת, פאַן הושאָנסטקיעוויטש פלעגט טאַקי דעם ווייב אויף הוצאות געבען זעהר בצמצום און קיין הובות פלעגט ער קיינמאָל ניט צאָהלען, פונדעסטוועגען ווען עס פלעגט זיך ביי איהם טרעפען אַ קערבעל, דערהויפּט ווען אַ פויערטע פלעגט שיקען אַ ביסעל געלד צו איהר מאַן אין פּאָלק אַריין, פלעגט דער פּאָסטמייסטער ניט זשאַלעווען אויף שטוב־הוצאות און פאַר אַלצדינג צאָהלען במזומנים. אַביסעל האָט חוה מורא געהאַט מחמת דעם נעכטיגען צופאַל מיט פראַנעק'ן, נאָר זי האָט זיך ווידער בעטראַכט, אַז פראַנעק אין פּאָסט, וואו ס'איז דאָ פאַן הושאָנסטקיעוויטש, איז גאָר ניט דאָס, וואָס פראַנעק אויפ'ן וועג קיין פולאַווע. זי איז אַוועק צום פּאָסט.

די פּאָסט אין קאַזימעזש איז געשטאַנען אויף אַ הויך בערגעל, אַ פּנים צוליב דעם, כדי דעם פאַן הושאָנסטקיעוויטש'עס ביידע פערדלעך, ווען מ'וועט זיי איינשפּאַנען אין אַ עקסטראַ פּאָטשטאָווע בריטשקע, זאָלען זיי קענען מיט אַמאָל אָנהויבען לויפען גאַלאָפּ און ווייזען דעם פּאַסאַזשיר, אַז זיי זענען גאָר ניט אַזוינע נבלות, ווי זיי זעהען אויס. נאָך אונטער'ן בארג האָט חוה דערהערט, ווי דער פּאָסטמייסטער שרייט מיט אַ בייז קול און שיט אויף עמיצען שוועבעל און פּעך. אין אַזאַ מינוט קומען מיט'ן יעסיאָטר איז געווען אַביסעל געפעהרליך, אָבער ווידער צוריק אַוועקגעהן מיט גאָר ניט און אפילו ניט געוואָהר ווערען, וואָס איז די מעשה, האָט זיך איהר אויך ניט געוואָלט. דעריבער האָט זי זיך אַריינגערוקט אין די קוסטעס און אָנגעהויבען געהן פּאַמע־

ליך בארג ארויף, אזוי אז מען זאָל זי פֿון הינטער די קוסטעס ניט זעהען. וואָס נעהענטער זי איז צוגעקומען, האָט זי אַלץ מעהר פֿערשטאַנען, וואָס דאָ טוט זיך.

— אין קייטען וועל איך דיך פֿערקאָוועןֹ — האָט הושאָנסטקעוויטש אויף עמיצען געשריען — וואו האָסטו צוויי בריעף אהינגעטאָן, גנב? וואָס איז עפּיס דער בריעף צעריסען? וואו ביזטו געוועזען ביז אינדערפֿריה? דו מיינסט אפֿשר, הולטיי איינער, אַז איך וועל אָבקומען פֿאַר דיינע פּאָדלע מעשים? וועסט ביי מיר פֿוילען אין טורמע, די ליכטיגע וועלט וועסט ניט דערלעבען צו זעהען, וועסט פֿוילען, דו הונט...

נאָך די ווערטער האָבען זיך דערהערט הילכיגע פּעטש, נאָכדעם אַ שרעקליכער ברום, אַ געוויש, ווי עמיצער זאָל זיך ראַנגלען, נאָכדעם האָט עפּיס האַסטיג אַ שפּרונג געטאָן, ברעכענדיג די קוסטעס, און עפּיס אַ מענש איז פֿאַרבייגעלאָפֿען ניט ווייט פֿון חוה'ן. דאָס איז געוועזען פֿראַנעק, וועלכער איז אַנטלאָפֿען פֿאַר'ן פּאָסטמייסטער. דאָס ווייבעל האָט דערשראָקען אַ געשריי געטאָן און גענומען זיך לויפֿען אַנטקעגען, אַרויף בארג.

— אַזאַ גנב! — האָט הושאָנסטקעוויטש געשריען סאָפּענדיג און בלייבענדיג שטעהען נעבען חוה'ן — איך וועל איהם נאָך ווייזען, דעם ליידאַק!

— וואָס האָט ער דען גע'גנב'ט? — האָט חוה דערשראָקען געפֿרעגט.

— ער האָט בע'גנב'ט די פּאָסט, איינציגע בריעף האָט ער געעפֿענט, די אַנדערע פֿערלוירען אָדער צעריסען. אָ, איך וועל איהם דאָס ניט שענקען, ניין, כ'וועל איהם ווייזען — האָט הושאָנסטקעוויטש געשריען, קלאַפּענדיג מיט'ן שטעקען אין דער ערד. — יענדזשיי! געה אין שטאָט אַריין און קויף מיר אַ ליוווער פּאַפּיר, כ'וועל תיכף שרייבען אַ ראַפּאָרט.

בשעת יענדזשיי איז געלאָפֿען נאָך פּאַפּיער און דער פּריץ האָט זיך פֿערשלאָסען אין קאַנצעלאַריע, כדי צו בעקלערען דעם ראַפּאָרט, איז חוה אַריין אין קיך. דעם פּאָסטמייסטער'ס ווייב, אַ דערשראָקענע פֿון דער גאַנצער מעשה, האָט פֿון אָנפֿאַנג גאָר ניט געקענט רעדען פֿון אַנדערע זאַכען, נאָר ביסלעכווייז האָט זי זיך פֿאָרט פֿעראינטערעסירט מיט'ן יעסיאָטר.

— כ׳וואָלט איהם געקויפֿט — האָט זי געזאָגט — ווען מײַנער וואָלט מיר געגעבען געלד. נאָר כ׳ווייס ניט, יענער לײַדאַק האָט בעראַבעוועט די פּאָסט, אפֿשר איז פֿאַר אונז אויך דאָרט געוועזען עפּיס געלד...

— ער האָט בעראַבעוועט — האָט הוה זי געטרייסט — וועט ער געהן אין טורמע. נו, אַ קלאָפּאָט איז דאָס, אָבער וואָס זענט איהר דען שולדיג?

— וויפֿיעל פֿונט וועגט דאָס שטיק?

— פֿינף און צוואַנציג, אָדער אפֿשר אַביסעל מעהר. כ׳וועל טײַערער ניט נעהמען.

פלוצלינג האָט די טיר זיך געעפֿענט און הושאָנסטקיעוויטש איז אַרײַן.

— שמחה׳אָוואַ, האָסט צײַט?

— וואָס איז?

— דער פריץ פֿון אושטשאָנזשע האָט מיר נעכטען געשריבען, אַז תיכף ווי ס׳וועט איהם אָנקומען אַ בריעף, זאָל איך איהם איבערשיקען צו איהם. יענער באָלוואַן איז ערשט געקומען הײַנט אינדערפֿריה, כ׳האָב איהם שוין געגעבען דעם וועג. אפֿשר וואָלסטו געקענט אָבטראָגען דעם בריעף קײַן אושטשאָנזשע? מ׳וועט דיר בעצאָהלען.

— אַז דער פריץ הייסט, געה איך באַלד — האָט הוה געענטפֿערט און לאָזענדיג דעם פֿיש אין קיך איז זי אַרויס פֿונ׳ם הויף.

אַפּנים, אין דעם ספֿר, וואו עס שטעהט פֿערשריבען, וואָס ס׳איז הוה׳ן בעשערט אין איהר לעבען, האָט זיך אָנגעהויבען אַ נײַער בלאַט. ערשט נעכטען האָט זי מקנא געווען פֿראַנעקן פֿאַר זײַן גליק, הײַנט געהט זי אַלײן מיט אַ בריעף קײַן אושטשאָנזשע. אמת, מיט אושטשאָנזשע איז פֿראַנעק ניט געוועזען צופֿרידען, ווארום מען צאָהלט דאָרט מיט גרויפּען, אָבער ערשטענס איז גרויפּען פֿאַר הוה׳ן אויך ניט געוועזען אַזאַ סחורה, וואָס מען דאַרף זיך מיט איהר וואַרפֿען, און ווידער קען דאָך זײַן געמאָלט, אַז מאָרגען וועט דער פּאָסטמײַסטער זי שיקען קײַן פּאָלאַניעוקע, וואו מען צאָהלט אַ רובעל. פֿראַנעק איז דאָך געוואָרען אויס בריעף־טרעגער, זי דאַרף זעהען נאָר נושא חן זײַן בײַ׳ם פּאַן הושאָנסטקיעוויטש. אַזוי טראַכטענדיג, האָט זיך הוה פֿרעהליך צעלאַכט,

אַקוראַט ווי ס'האָט פֿאַר איהר אַ בליץ געטאָן אַ גרויסער, ליכטיגער געדאַנק. וואָס דאָס איז געווען פֿאַר אַ געדאַנק, וועלען מיר געוואָהר ווערען שפּעטער, דערווײַלע מוזען מיר אָבגעבען דעם געראָכט דעם אושטשאָנזשער פּריץ, אַז ער האָט פֿאַר'ן בריעף בעצאָהלט זעהר לײַטיש. ער האָט געהייסען געבען הוה'ן אַ האַלבען טאָפּ אַרבעס, אַ קוואָרט מעהל, אַ פּאָר צעהנדליג מעהרען, און ווי אַ גוטער מבין אויף שעהנקײַט, האָט ער זי אַפילו אַ געלעט געטאָן מיט ליבשאַפֿט אונטער'ן גאָמבע און האָט געזאָגט:

— כ'וועל בעטען דעם פּאַן הושאָנסטקיעוויטש, ער זאָל מיר שטענדיג שיקען בריעף נאָר דורך דיר.

חוה האָט זיך שטיל אַ נויג געטאָן און איז אַרויסגעגאַנגען. דעם טאָג איז איהרע קינדער אויך געווען בעשערט אַ גוטע וועטשערע.

זי איז שוין געקומען צוריק אין פּאָסט אַרײַן מיט'ן צעטעל, און כזשאָנסטקיעוויטש האָט נאָך אַליין געהאָרעוועט איבער די ראַפּאָרטען. איין מעלדונג, וואו ער האָט געשריבען צו זײַן נאַטשאַלסטווע, אַז דער פּאָטשטאַליאָן האָט פֿערלוירען אין וועג צוויי זאַקאַזנע בריעף, איז איהם אָנגעקומען בערך ניט שווער; נאָר מיט דער צווייטער מעלדונג, וואו ער האָט געשריבען צום גאָלאָווא, זײַנעם אַ בלוטיגען שונא, אַז יענער זאָל הייסען אַרעסטירען פֿראַנעק'ן, האָט ער זיך געמאַטערט שוין אַ לאַנגע צײַט. ער האָט געשריבען, געמעקט, געביטען די ווערטער, און ס'האָט איהם געקאָסט ניט ווייניג מיה, ביז ער האָט אויסגעאַרבײַט אַזאַ דאָקומענט, וועלכער זאָל פּאַסען אי צו זײַן אייגענעם אָנזעהען, אי צו דער וויכטיגקײַט פֿון דעם ענין.

— פֿראַנעק'ן האָב איך אָבגעזאָגט פֿון שטעל — האָט ער געזאָגט פֿערטראַכט, אָבטרייסלענדיג דעם טינט פֿון דער פּען — ווען דו וואָלסט געטרײַ געדינט, וואָלט איך דיך אָנגעשטעלט אויף זײַן אָרט.

דאָס ווײַבעל האָט זיך פֿערנייגט און איהרע ליפּען האָבען שטיל געשעפּטשעט אַ דאַנק. אין דער מינוט איז אַרײַנגעקומען די דינסט.

— דער פּריץ וועט עסען דעם יעסיאָטר קאַלטערהייט?

— האָט זי געפֿרעגט.

— יאָ, כ'האָב גאָר פֿערגעסען — האָט כזשאַנסטקיעוויטש אויסגעשריען — וויפֿיעל זשע קומט דיר פֿאַר דעם יעסיאָטר?

— אַ קלייניגקייט — האָט זי געענטפֿערט.

— נו טאָ קום נאָך די בריעף.

אויף אַזאַ אופֿן איז הוה רובין דעם 13־טען יולי **18 יאָהר אָפֿיציעל בעשטימט געוואָרען פֿאַר אַ בריעף־טרעגערין אין קאַזימעזש און אין דער סביבה, מיט דעם רעכט צו פֿאַנאַנדערטראָגען איינפֿאַכע און זאַקאַזנע קאָררעספּאָנדענץ, פֿאַר דעם געצאָהלט, וואָס עמיצער וועט בעוויליגען צו געבען. דער קלאַנג וועגען דעם האָט זיך שנעל צעשפּרייט איבער קאַזימעזש און איז אָנגעקומען אין מאַגיסטראַט אַריין אין איין צייט מיט דעם ראַפּאָרט.

— געהערט אַ נייעס — האָט אויסגעשריען דעם גאָלאָוואַ'ס ווייב, אַריינלויפֿענדיג אין קאַנצעלאַריע צום מאַן — פֿראַנעק'ן האָט כזשאָנסטקיעוויטש אַרויסגעטריבען און די פֿערשטונקענע שמה'אָוואַ האָט ער בעשטימט אויף זיין אָרט.

— אָט האָב איך טאַקי אָקאָרשט בעקומען פֿון איהם אַ ראַפּאָרט וועגען פֿראַנעק'ס גנבֿה, ער פֿערלאַנגט, איך זאָל איהם אַריינזעצען אין טורמע.

— וועסט זיין אַ שוטה, אויב דו וועסט אַזוי טון. געדענקסט דען ניט, ווי די כזשאָנסטקיעוויטשעס האָבען אָנגערעדט אויף דיר רכילות ביי'ם נאָטאַריוס? דו גלויבסט טאַקי באמת, אַז פֿראַנעק איז דער גנבֿ? און די יודענע האָט מיר ערשט נעכטען געהאַט די העזה צו ברענגען אַ העלפֿט יעסיאָטר, וואָס די קאַסירקע האָט איהם פֿריהער בעשפּיגען און אַוועקגעוואָרפֿען. אַזאַ הוצפּה. איבריגענס, טהו ווי דו ווילסט, איך האָב פֿראַנעק'ן שוין געדונגען פֿאַר אַ סטרוזש.

— ער איז דאָך אָבער פֿאָרט אַ גנבֿ — האָט דער גאָלאָוואַ געטענה'ט.

— ביי אונז וועט ער ניט זיין — און הויץ דעם מוזען מיר דאָך ווייזען, ווער עלטער איז.

דער גאָלאָוואַ האָט טאַקיווירקליך בעוויזען, ווער עלטער איז. אַרעסטירען פֿראַנעק'ן האָט ער זיך אָבגעזאָגט און האָט איהם נאָך צוגענומען פֿאַר אַ שומר אין מאַגיסטראַט.

פֿראַנעק איז קיינמאָל ניט געוועזען פֿון די לייט, וועלכע

לאָזען זיך אַזוי לייכט אָנטרעטען אויף אַ פיס, בפרט נאָך איצט, ווען עס האָט איהם אונטערגעהאַלטען אַזאַ שטאַרקע האַנד, ווי דעם גאָלאָוואַ'ס, אָדער, גיכער, דעם גאָלאָוואַ'ס ווייב'ס. און אַזוי ווי ער האָט אַחוץ דעם נאָך געוואוסט אַ סך סודות וועגען די מיאוס'ע פּאַראָנדקעס אין פּאָסט, איז ער געוועזען זיכער, אַז כזשאָנסטקיעוויטש וועט איהם ניט רודפ'ן זעהר שטאַרק, כדי אַליין ניט אַריינצופאַלען אין קלעם. דעריבער האָט ער ניט נאָר בעשלאָסען צו האַלטען זיך רוהיג און פעסט, נאָר אויך נוקם זיין זיך אָן דער יודענע, וועלכע האָט פערנומען זיין שטעל און וועלכע ער האָט חושד געוועזען, אַז זי האָט דאָס איבערגעגעבען דעם פּאָסטמייסטער, ווי ער האָט אַרומגעטאַפּט אין קרעטשמע די בריעף.

דעם אמת מוז מען זאָגען, אַז פראַנעק'ס טענות, פאַר וואָס ער האָט אַזוי פיינט די יודענע, זענען געוועזען די זעלביגע טענות, וואָס מען הערט זיי זעהר אָפט אין געזעלשאַפטליכען לעבען, אַקוראַט ווי ער האָט זיי אַרויסגענומען פון די געלערענטע ווערק, וועלכע ווערען אַרויסגעגעבען, כדי צו מאַכען די יודען להרוג ולאבד. דאָס ליכט פון אמת דרינגט אַמאָל אַריין מיט זיינע שטראַהלען ביז אין די טיפסטע שיכטען פון דער געזעלשאַפט. אַ סימן פראַנעק, וועלכער האָט קיינמאָל ניט געלייענט קיין יודען-פיינדליכע ווערק און וועלכער האָט פונדעסטוועגען געפיהלט אין זיך די בעגייסטערונג און דעם מוט צו מלחמה האַלטען מיט די יודען.

— אַ כפרה די סלוזשבע — פלעגט ער זאָגען צו זיין חבר, דעם צווייטען כטרוזש פון מאַגיסטראַט — אַ מענש ווערט ניט פערפאַלען, ניט דאָ איז דאָרטען, אַרבייט וועט ער קריגען. אָבער אַזאַ פּאָדלע יודענע זאָל אויסרייסען דאָס שטיקעל ברויט פון'ם מויל, דאָס איז אַ חרפה פאַר גאָט און אַ בזיון פאַר לייטען.

— ער וועט זי דען האַלטען?

— אודאי, ער איז פאַר אַ קליידעל גרייט צו געהן אין פייער, און פאַר אַ יודען ווערט ער די כפרה. און איהר מיינט אפשר, ס'וועט איהם עפּיס דערפון ניט בלייבען? איך פלעג מיר האָבען מיין שכל ביי זיך, וואָס איך האָב פערדינט, דאָס איז געוועזען מיינס; און זי וועט מוזען טיילען מיט איהם יעדען גראָשען. ער בילט, אַז איך האָב ביי איהם בע'גנב'ט

די פּאָסט, דאָס וויל ער פֿון מיר פּטור ווערען, ווארום איך בין געוועזען אַן ערהרליכער מאַן, אַ לייטישער, כ'האָב מיר געטאָן מיינס.

— אַודאי.

— אַי, די יודען די יודען. ס'וואַקסט דיר אויס אַ הונד, וואו דו האָסט איהם ניט פֿערזייהט; האַלסט שוין, האַלט זיך, מיט די צייהן, ניין, ער וועט עס דיר אויסרייסען פֿונ'ם מויל. מ'וואָלט געדאַרפֿט צונויפֿטרייבען אָט די שרצים און זיי אַלע דערטרינקען אין דער ווייכסעל.

— אֶמת.

— ביי אונזער איינעם ווערט פֿון ברויט שטיין, ביי זיי ווערט פֿון זאַמד אַ קוילעטש. וואו דו גיסט זיך אַ ריהר, שטעלט דיר דער יוד אונטער אַ פֿוס.

— וואָס אֶמת, איז אֶמת!

— איך וועל דאָס דער ווערעמדיגער יודענע ניט שענקען, איך וועל זי פֿערטרייבען פֿון מיין וועג.

ניט קוקענדיג אויף אָט דער בעריהמעריי, האָט זיך הוה פֿונדעסטוועגען רוהיג פֿאַנאַנדערגעטראָגען די בריעף; דעם מסחר האָט זי אויך ניט אָבגעלאָזט, און אויף אַזאַ אופֿן פֿלעגט זי פֿערדינען ביז פֿופֿציג קאָפּיקעס אַ טאָג. הגם קיין פּאָלאַנוווקע, וואו פֿראַנעק האָט געזאָגט, אַז מען גיט אַ רובעל, איז קיין בריעף נאָך ניט געוועזען, פֿונדעסטוועגען איז אין דער צייט בכלל אָנגעקומען בריעף מעהר ווי געוועהנליך, און הוה פֿלעגט פֿערשטעהן, ווי אויסצונוצען די באַרעמהערציגקייט פֿון די אַ״רעסאַטען: גרויפּען, אַרבעס, קאַרטאָפּעל, מעהל, אַלטע קליידער, מזומנ'ע גראָשען פֿלעגען זיך צו איהר שיטען פֿון אַלע זייטען. דער בעסטער בעווייז זענען געוועזען די פֿעטע פּנימ'לעך פֿון די קינדער, וועלכע פֿלעגען איצט בעקומען צוויי מאָל אין טאָג געקעכטס, און דאָס קליינע זעקעלע, וואָס הוה האָט געטראָגען אויף דער ברוסט הינטער'ן קאַפֿטעל. אין דעם זעקעלע איז געלעגען אָבגעשפּאָרטע צעהן רובעל — אַנ'אָנהויב פֿון דער סומע, פֿאַר וועלכע הוה האָט געוואָלט קויפֿען אויף יום־טוב מלבושים זיך און דעם מאַן און די קינדער. יאָ, דעם מאַן אויך: זי האָט בעשלאָסען צו מאַכען איהם אַ קאַפּאָטע, און דאָס איז

געוועזן דער בעסטער סימן, אַז די געשעפטען געהען איהר אויסגעצייכענט.

און וואָס מעהר ס'איז געוואַקסען חוה'ס גליק, איז פראַנעק'ן געגאַנגען אַלע מאָל ערגער. איינמאָל האָט מען בעמערקט, אַז עס פעהלען אינ'ם בופעט צוויי זילבערנע לעפעל. דעם גאַלאָוואַ'ס ווייב וואָלט אפשר געפונען אַנ'אַנדערן וועמען הושד צו זיין, דער גאַלאָוואַ האָט אָבער די גאַנצע צייט ניט ליעב געהאַט דעם נייעם סטרוזש, האָט ער איהם איצט תיכף אָבגעזאָגט פון זיין שטעל. פראַנעק האָט געפּרובט שווערען זיך און אָבלייקענען שטיין און ביין — דער בעאַמטער האָט זיך ניט געלאָזט איינבעטען.

— דאָס איז די פאַרשיווע יודענע שולדיג אין אַלצדינג — האָט דער געוועזענער בריעף-טרעגער געזאָגט צו זיין חבר, פערלאָזענדיג דעם מאַגיסטראַט. — ביז זי האָט זיך ניט אַריינגעמישט, האָט מיך יעדערער געהאַלטען פאַר אַנ'ערהרליכען מענשען.

מיט דעם געדאַנק איז ער אַוועק אין שענק אַריין. דאָרט האָט מען איהם עפּיס פּלוצלינג אָנגעהויבען געבען אַ סך איף באָרג. פונקט פון דעם טאָג אָן, זינט עס זענען ניט געוואָרען די לעפעל. ער האָט אויסגעטרונקען עטליכע גלעזלעך בראַנפען כדי צו פערטרייבען די מרה-שחורה, און נאָכדעם האָט ער זיך מיט אַ ביטער געוויין אָנגעהויבען קלאָגען פאַר ישראל'ן אויף זיין שלעכט מזל און אויף חוה'ן.

— וואָס איז זי שולדיג? — האָט די שענקערין זיך אַריינגעמישט. — זי האָט דיר דען געטאָן עפּיס אַ רעה?

— וואָס האָט זי זיך אַריינגעזעצט אין וועגעלע מיט'ן יעסיאָטר, האַ? — האָט פראַנעק געבאָלבעט — איך האָב זיך מיט איהר געוויטעט, קריכט זי אַריין. איז שוין גאָר ניט געוועזן קיין פערד, נאָר אַ צאַפּ. איך וועל זי דערווערגען... און אַז איך וועל זי ניט דערווערגען, וועט זי שטאַרבען פאַר הונגער.

— האָב קיין דאגה ניט, ס'וועט איהר ניט שאַדען נאָר ניט — האָט געענטפערט די שענקערין מיט רוגזה — איצט קען זי שוין לעבען אַ טאָג. זי איז אָקאָרשט דאָ געוועזן, זי האָט היינט אַ בריעף קיין פּאָלאַנוווקע.

— קיין פּאָלאַנוווקע? — האָט פראַנעק אַ געשריי געטאָן

מיט אויסגעשטעלטע אויגען. — דאָס איז מיין רובעל. איך וועל אַליין אָבטראָגען מיין פּריץ דעם בריעף. קיין פּאָלאַנוווקע!

ווי משוגע איז ער אַרויס פֿון דער קרעטשמע און וואַקלענדיג זיך אַוועק הינטער'ן שטעטיל.

דעם טאָג האָט טאַקי הוה געדאַרפט אָבטראָגען אַ זאַקאַזנע בריעף קיין פּאָלאַנוווקע. אַזוי ווי זי האָט זיך שטאַרק געוואָלט אויספּיינען פֿאַר דעם הויף, וואו מען צאָהלט דעם שליח מיט אַזאַ ברייטער האַנד, האָט זי בעשלאָסען זיך אויספּוצען שענער ווי געוועהנליך. אין דער אייגענער צייט, ווען פראַנעק איז אַרויסגעלאָפען פֿון דער קרעטשמע, איז זי געקומען אַהיים זיך איבערטוהן. זי האָט זיך ריין אַרומגעוואַשען, אָנגעטאָהן אַ נייַ קליידעל און נייע שיך, אויפ'ן קאָפּ אַ קלאָר־ווייסען טשעפּעק און אַ העל־בלאָהע פּאַטשיילע, און אַ פרישע, אַ ריינע, האָט זי אויסגעזעהען אַזוי שעהן, אַז מ'האָט שוין געקענט פערגעסען אָן איהר פּראַצע און רעדען פֿון איהר שענקייט. צופרידען מיט זיך, שיינענדיג פֿאַר האָפנונג צו בעקומען אַ פערדינסטעל, האָט זי צוקושט די קינדער און איז אַוועק.

ביי'ם וועג קיין פּאָלאַנוווקע ציהען זיך פֿון איין זייט הויכע בערג בעוואַקסען מיט קוסטעס, פֿון דער אַנדערער זייט שלענגעלט זיך די ווייכסעל. אין איין אָרט נעהמט זיך דער וועג באַרג אַרויף און לאָזט זיך אַראָב אין אַ קליינעם טאָל. אַריינקומענדיג אין דעם טאָל, האָט הוה דערזעהען עמיצען ליגען נעבען וועג. דער אַלטער שינעל, דאָס אָבגעריבענע לעדערנע היטעל, די שפּורען פֿון ליגען אין בלאָטע — דאָס אַלעס האָט איהר דערמאָנט אָן פראַנעק'ן. אפשר איז דאָס ער — איז איהר דורכגעלאָפען אַ געראַנק. פֿונדעסטוועגען, אינמיטען העלען טאָג וועט ער זי ניט טשעפּען. צוגעהענדיג נעהענטער עטליכע טריט, האָט זי שוין דערזעהען, אַז דאָס איז ווירקליך געווען דער שייגעץ, וואָס האָט פריהער פערנומען איהר איצטיגע שטעל. אַ דערשראָקענע האָט זי זיך געוואָלט נעמען אָן אַ זייט, ער האָט זי שוין אָבער, קענטיג, דערזעהען, וואָרום ער האָט זיך אויפגעהויבען און גענומען געהן איהר אַנטקעגען. דער שרעק האָט הוה'ן פערקלעמט דאָס האַרץ, ס'איז אָבער ביי איהר געבליבען ניט אַנטלויפען.

— וואוהין איז? — האָט פראַנעק געפרעגט מיט אַ הייזעריגען קול.

— קיין פּאָלאַנוווקע — האָט די יודענע אַ דערציטערטע געענטפערט.

— נאָך וואָס?

— מיט אַ בריעף.

— גיב תיכף אַהער.

— וואָס הייסט? — האָט זי געשריען — ס'איז דען צו דיר?

— גיב אַהער! — האָט ער אַ ברום געטאָן, אָנכאַפּענדיג זי ביי'ם האַלז.

הוה האָט זיך אַ ריס געטאָן, ער האָט זי שטאַרקער צוניפגעדריקט, נאָכדעם האָט ער איהר עטליכע מאָל דערלאַנגט אין שלייף אַריין מיט אַזאַ ווילדען כעס, אַז זי איז באַלד אומגעפאַלען. ער האָט איהר צעריסען דאָס קלייד אויף דער ברוסט און האָט געפונען דעם בריעף און... דאָס זעקעל.

אַז פראַנעק האָט ניט בדעה געהאַט צו טויטען הוה'ן און צו בעראַבעווען זי, קען, דאַכט זיך, קיין ספק ניט זיין. זיין פּלאַן, וואָס ער האָט אַרומגעקלערט פון אָנפאַנג איז געווען גאָר אַ'אַנדערער. אומגעריכט פאַר זיך אַליין, איז ער געוואָרען אַ מערדער און אַ רויבער, ווארום אין גרויס כעס האָט ער איהר געגעבען צו שווערע קלעפּ און האָט צוגענומען דאָס געלד. און געמיינט האָט ער נאָר נעהמען נקמה. ווארום אַרויסכאַפּענדיג דעם בריעף, האָט ער תיכף גענומען לויפען קיין פּאָלאַנוווקע. ערשט הינטער'ן דאָרף איז ער געקומען צו זיך און האָט זיך בעטראַכט, אַז אַזאַ שליחות איז פאַר איהם אַ סכנה. ער האָט זיך אומגעקעהרט, אַראָב פון'ם ברייטען וועג, אויף וועלכען זיין קרבן איז געבליבען ליגען, און איז פערשוואונדען אין די קוסטעס.

די האַלב-טויטע, פער'חלש'טע הוה האָט דערווייַלע אומזיסט געוואַרט אויף עמיצענס הילף. ערשט אין אַ שעה אַרום האָט זי בעמערקט דער קצב, וואָס איז געפאָהרען קיין קאַזימעזש, און אַזוי ווי ער האָט דערשפּירט, אַז זי לעבט נאָך, האָט ער זי אַריינגענומען אין וואָגען און געבראַכט אַהיים. ס'זענען ניט געלאָפען קיין שלוחים אין אַלע זייטען, ס'זע-

נען ניט געקומען קיין דאָקטוירים צו ראַטעווען די קראַנקע, נאָר פֿיער קינדער האָבען אומזיסט געוויינט און געשריען, מונטערענדיג די מוטער, און דער הוסטענדיגער מאַן האָט אומזיסט געפּאָרעט זיך אַרום זיין ווייב. די טרויעריגע בשורה איז שפּעטער אָנגעקומען צו דער אַלטער וולאָסטאָוויצקאַ. יענע איז געקומען צו לויפֿען און האָט געבראַכט מיט זיך אַ פֿעלדשער. דער פֿעלדשער האָט איהר געשטעלט פּיאַווקעס צום פֿערוואונדעטען קאָפּ, פֿון זיי איז דאַכט זיך געוואָרען אַביסעל בעסער, נאָר די קראַנקע איז אַל׳ץ געלעגען אין שטאַרקען פֿיבער, עמיצען אָבגעשטויסען פֿון זיך, געכאַפּט זיך פֿאַר דער ברוסט, געשריגען עפּיס וועגען אַ זעקעלע. דאָס זעקעלע איז אָבער, צום אומגליק, שוין ניט געווען. ס׳איז ניט געווען קיין געלד, האָט מען ניט געקענט זי ראַטעווען! אמת, ביי דער קאַסירקע האָט מען אָבגענומען דאָס, וואָס ס׳איז געקומען פֿאַר אַ האַלבען יעסיאָטער, עס האָט אָבער קוים געקלעקט אויף צו קויפֿען קאַרטאָפֿליעס פֿאַר די קינדער און אויף צו פֿערלענגערען די גסיסה פֿון דער מוטער.

חוה האָט זיך נאָך געמוטשעט צוויי טעג און איז געשטאָרבען. זי האָט אַפֿילו ניט אויסגעזאָגט פֿאַר׳ן טויט, אַז פֿראַנעק האָט ביי איהר אָבגענומען צעהן רובעל און אַז דריי איז זי שולדיג געבליבען דער אַלטער וולאָסטאָוויצקאַ.

— אָרימע חוה! פֿאַר דעם חטא, וואָס דו האָסט געוואָלט אַרבייטען אין מיין לאַנד און האָדעווען דיינע קינדער מיט זיין ברויט — בין איך דיר מוחל.

פֿין בּויל.ש אַלגין.

װלאדימיר קאראָלענקא

# דער װאלד רױשט.

I

דער װאַלד האָט גערױשט...

אין דעם דאָזיגען װאַלד איז שטענדיג געשטאַנען אַ גערױש — אַ גלײַכער, אַנ'אױסגעצױגענער, װי דער אָבקלאַנג פֿון אַ װײַטען גלאָק, אַ רוהיגער, אַ סמוטנער, װי אַ שטילעס ליעד אָהן װערטער, װי אַנ'אומקלאָרע ערינערונג פֿון דער פֿערגאַנגענהײַט. אין איהם איז שטענדיג געשטאַנען אַ גערױש, װאָרום דאָס איז געװען אַנ'אַלטער, פֿינסטערער סאָסנע־װאַלד, צו װעלכען די זעג און די האַק פֿון װאַלד־הענדלער האָט זיך נאָך ניט צוגעריהרט. די הױכע הונדערט־יאָהריגע סאָסנעס מיט רױטע מעכטיגע שטאַמען זענען געשטאַנען װי אַ ברוגז'ע מחנה שטײַף געשלאָסען די גרינע קעפּ אין דער הױך. אונטען איז געװען שטיל, ס'האָט געשמעקט מיט פּעך; דורך דעם דעק פֿון סאָסנע־נאָדלען, מיט װעלכע די ערד איז געװען בעשאָטען, האָבען זיך אַדורכגעשלאָגען העלע פּאַפּאָראָטניקעס, װעלכע האָבען זיך פּרעכטיג פֿונאַנדערגעשפּרײט מיט װאונדערליך־שײנע פֿרענדז, און געשטאַנען אונבעװעגליך, ניט אַ ריהר־טוענדיג מיט אַ בלאַט. אין די פֿײַכטע װינקעלעך האָבען זיך גרינע גראָזען געצױגען אַרױף מיט די הױכע שטענגלעך; די װײַסע גרײַפּעל־בלומלעך האָבען אָנגעבױגען די שװערע קעפּליך, גלײַך װי אין שטילער ערמידונג. און אױבען — האָט אָהן אַ שיעור און אָהן אַ סוף געהודזעט דער װאַלד־גערױש ריכטיג װי סמוטנע זיפֿצען פֿון דעם אַלטען װאַלד.

אָבער איצט זענען די דאָזיגע זיפֿצען געװאָרען אַלץ טיפֿער און שטאַרקער. איך בין געפֿאָהרען איבער אַ װאַלד־שטעגעל. און כאָטש דער הימעל איז מיר געװען פֿערשטעלט, נאָר לױט װי דער װאַלד האָט זיך געדונקעלט האָב איך דערפֿיהלט, אַז אַ שװערער װאָלקען הױבט זיך איבער איהם אױף. די צײַט איז שױן ניט זעהר פֿריה געװען. דורך די שטאַמען פֿון די בױמער האָט זיך נאָך װאו ניט װאו דורכגעריסען אַ קרומער שטראַהל פֿון דעם זונפֿערגעהן, אָבער אין דער געדיכטעניס האָבען זיך שױן פֿינסטערע דעמערונג־שאָטענס

צעשפרייט. אַ געוויטער האָט זיך געגרייט צו דער נאַכט.

מ'האָט שוין בעדאַרפט אָפלעגען יעדען געדאַנק וועגען יאַגד אויף היינט; עס איז שוין גלייכער געוועזן ערגיץ צו פערקלייבען זיך ביז'ן געוויטער אויף אַ נאַכטלעגער. מיין פערד האָט זיך געקלאַפּט מיט די קאָפּיטעס איבער די ענטבלויזטע וואָרצלען, געשנאָרכט, און אָנגעשטעלט די אויערן, צוהערענדיג זיך צו דעם הילכיג־קנאַקענדיגען וואַלד־עכאָ. ער האָט אַליין אַליך ברייטערע טריט געמאַכט צו דעם בעקאַנטען וואַלד־שטיבעל.

אַ הונד האָט אָנגעהויבען בילען. צווישען די שטאַמען, וואָס זענען שיטערער געוואָרען, האָבען מיט ליים־געשמירטע ווענד אַ שיין געטאָן. אַ בלוי שטרעמיל רויך פלעכט זיך אַרויף איבער דעם אַראָפּגעהאַנגענעם גרינס. אַנ'אויסגעקרימט שטיבעל מיט אַ צעפּורעלטען דאַך האָט זיך צוגעטוליעט אונטער אַ וואַנט פון רויטע שטאַמען. דאָס שטיבעל וואַקסט דוכט זיך אין דער ערד אַריין, בשעת די שלאַנקע און שטאָלצע סאָסנעס שאָקלען הויך מיט זייערע קעפּ איבער איהם. אין מיטען פעלדעל צווישען די בוימער שטעהט אַ קופּקע יונגע דעמבעס, שטייף אָנגערוקט איינער צום צווייטען.

דאָ וואוינען די וואַלד־שומרים זאַכאַר און מאַקסים, וואָס פלעגען מיט מיר געהן שטענדיג אויף־צייַגער, אָבער איצט ווי ס'שיינט, זענען זיי ביידע אין דער היים ניטאָ, ווארום קיינער געהט ניט אַרויס אויף דעם בילען פון דעם גרויסען הונט. נאָר דער אַלטער זיידע מיט'ן פליכעוואַטען קאָפּ, און גרויע וואָנצען זיצט זיך אויפ'ן פריזבע נעבען שטוב, און פאַרקעט זיך אַרום אַ לאַפּטשע. די וואָנסען הענגען ביי דעם זיידען אַרונטער כמעט ביז'ן סאַמע גאַרטעל. די אויגען קוקען טונקעל, גלייך דער זיידע וויל זיך עפּיס דערמאָנען און קען ניט.

— גוטען אָוונט, זיידע! פאַרהאַן עמיצער אין דער היים?

— עהע! — דרעהט דער זיידע מיט'ן קאָפּ. — ניטאָ, ניט זאַכאַר, ניט מאַקסים. אַפילו מאָטרע האָט זיך אַוועקגעשלעפּט אין וואַלד נאָך דער קוה... די קוה איז ערגיץ אַוועק, עס קאָן נאָך זיין, אַז בערען האָבען זי צעריסען. אָט אַזוי איז דאָס... קיינער ניטאָ!

— נו, ס'מאַכט ניט אויס. איך וועל מיט דיר אַביסעל זיצען, וועל וואַרטען.

— וואַרט, וואַרט, — שאָקעלט דער זיידע מיט'ן קאָפּ, און ביז וואַנען איך בינד צו דעם פערד צו אַ צווייג פון אַ דעמבּע, קוקט ער זיך אין מיר איין מיט שוואַרצע, טריבּע אויגען. ס'האַלט שוין שפּעט מיט'ן אַלטען: די אויגען זעהען ניט, און די הענט טרייסלען זיך.

— ווער־זשע ביזטו אַזוינער, בּחור'ל? — פרעגט ער, ווען איך זעץ מיך נעבּען איהם צו אויף דער פּריזבּע.

די דאָזיגע פראַגע הער איך יעדעס מאָל, וואָס איך קום אַהער.

— עהע, איצט ווייס איך שוין, איך ווייס, זאָגט דער אַלטער, ווייטער נעמענדיג זיך פאַר די לאַפּטשע. — אָט איז אַנ'אַלטער קאָפּ, — איז גלייך ווי אַ זיפּ — פערהאַלט אין זיך גאָר נישט. די, וואָס זענען שוין לאַנג געשטאָרבּען, יענע געדענק איך, אָי, געדענק איך! און נייע מענשען פערגעס איך אַלץ... פערלעבּט זיך אַבּיסעל אויף דער וועלט...

— עפּיס לאַנג וואוינסטו שוין, זיידע, דאָ אין וואַלד?

— עהע, לאַנג טאַקי! אַז דער פראַנצויז איז געקומען אין דעם צאַר'ס לאַנד, בּין איך שוין דעמאָלט געוועזען.

— אַ פּולע אַפּנים האָסטו אויף דיין לעבּען געזעהען. מסתּמא פאַרהאַן, וואָס צו דערצעהלען...

דער אַלטער קוקט אויף מיר פערוואונדערט.

— וואָס־זשע האָבּ איך געזאָלט זעהן, בּחור'ל? דעם וואַלד האָבּ איך געזעהען... ער רוישט, דער וואַלד, רוישט טאָג און נאַכט, ווינטער רוישט ער און זומער... און איך האָבּ, ווי יענער בּוים, אַ לעבּען אָבּגעלעבּט אין וואַלד, און ניט בּעמערקט... אָט איז שוין צייט אין קבר צו געהן, און אַז איך הויבּ אַמאָל אָן צו טראַכטען, בּחור'ל, קען איך אַליין ניט בּענעהמען, צי האָבּ איך געלעבּט אויף דער וועלט, צי ניט... עהע, אָט וואָס! אפשר גאָר ניט געלעבּט...

דער בּרעג פון דעם פינסטערען וואָלקען האָט זיך אַרויסגערוקט פון הינטער די געדיכטע בּוימער־קעפּ אַריבּער דעם וואַלד־פעלדעל; די צווייגען פון די סאָסנעס, וואָס האָבּען פערשלאָסען דאָס פעלדעל, האָבּען זיך פון דעם ווינט אָנגעהויבּען שאָקלען, און דער וואַלד־געוויש האָט זיך אַ דורכגעטראָגען מיט אַ טיפען פערשטאַרקטען אַקאָרד. דער זיידע האָט אויפגעהויבּען דעם קאָפּ, און זיך צוגעהערט.

— אַ בּוּרע קוּמט, — האָט ער געזאָגט אין אַ רגע אַרום.

— אָט דאָס־אָ ווייס איך. אָי אָי, וועט עס זיך די בּוּרע צע־שרייען בּיי דער נאַכט, סאָסנעס וועט זי בּרעכען, מיט די וואָרצלען איבּערקערען!.. ס'וועט זיך דער בּעל־דבר פון וואַלד פאַנאַנדערשפּילען... — האָט ער שטילער צוגעגעבּען.

— פון וואַנען ווייסטו, זיידע?

— עהע, דאָס ווייס איך. איך ווייס גוט, ווי דער בּוים רעדט!.. דער בּוים, בּחור'ל, האָט אויך מורא... אָט די אָסינע, אַ פערפלוכטער בּוים, פלוידערט עפּיס אַליין, — ס'איז אַפילו קיין ווינט ניטאָ, און זי טרייסעלט זיך. די סאָסנע אין וואַלד שפּילט־קלינגט אין אַ העלען טאָג, און ווי עס שטעהט נאָר אַ ווינט אויף, אַזוי הויבּט זי אָן צו הודזשען און קרעכצען. דאָס איז נאָך גאָר נישט... דו הער זיך אַקאָרשט איצט צו... איך זעה כאָטש מיט די אויגען שלעכט, אָבּער מיט'ן אויער הער איך גוט. דער דעמבּ האָט אָנגעהויבּען רוישען, דעם דעמבּ אויפ'ן פעלדעל רירט שוין אָן... דאָס איז — אויף אַ בּוּרע.

און דר'אמת'ן, די קופּקע ניט הויכע צעקרימטע דעמבּעס, וואָס זענען געשטאַנען אין מיטען פעלדעל בּעשיצט מיט דער הויכער וואַנט פון געדיכטען וואַלד, האָט אָנגעהויבּען שאָקלען מיט די שטאַרקע צווייגען, און פון זיי האָט זיך אַוועקגעטראָגען אַ טויבּער געריוש, וועלכען עס איז לייכט געוועזען אונטערצושיידען פון דעם הילכיגען סאָסנע־קלאַנג.

— עהע! הערסטו, בּחור'ל? — זאָגט דער זיידע מיט אַ קינדיש־שעלמישען שמייכעל. איך ווייס שוין: האָט שוין אַזוי דעם דעמבּ אָנגערירט, הייסט עס, דער בּעל־דבר וועט בּיי נאַכט אַוועק, בּרעכען וועט ער... אָבּער ניין, ער וועט ניט צעבּרעכען. אַ שטאַרקער בּוים איז דער דעמבּ. דער בּעל־דבר אַליין וועט איהם אַפילו אויך ניט בּייקומען... אָט ווי!

— וואָס־זשע פאַר אַ בּעל־דבר, זיידעניו? דו זאָגסט דאָך אַליין: די בּוּרע בּרעכט.

דער זיידע האָט אַ שאָקעל געטאָן דעם קאָפּ מיט אַ שעל־מישען פּנים.

— עהע, איך ווייס דאָך דאָס!.. היינט, זאָגט מען, זענען אַזעלכע מענשען אָנגעשטאַנען, וואָס גלויבּען שוין גאָר אין קיין זאַך ניט. אָט אַזוי איז דאָך! אָבּער איך האָבּ דאָך איהם געזעהען, אָט ווי איך זעה דיך איצט, און אפשר

נאָך בעסער, ווארום איצט זענען מײַנע אויגען אַלטע, און דעמאָלט זענען זיי יונגע געווען. אָי, אָי, נאָך ווי געזעהען האָבען מײַנע אויגען אין דער יוגענד!

— ווי זשע האָסטו איהם געזעהן, זיידעניו, דערצעהל?

— אָט, אַליץ איינס, ווי איצט: לכתחלה האָט די סאָסנע אַ קרעכצע געטאָן אין וואַלד... דאָ קלינגט זי, דאָ קרעכצען הויבט זי אָן: אָ—אָך—כאָ—אָ... אָ—כאָ—אָ! — און ווערט שטיל, און דערנאָך ווייטער, דערנאָך — ווייטער, און אָפטער, און רחמנות'דיגער. עהע, ווארום אַפּילע קעהרט ער זי, דער בעל־דבר, אוים ביי דער נאַכט. און דערנאָך האָט דער דעמב אַ רעד געטאָן. און קעגען אָבענד, אַליץ מעהר, און ביי נאַכט לאָזט ער זיך מײַקערן: לויפט איבער וואַלד, לאַכט און וויינט, דרעהט זיך, טאַנצט, און אַליץ אויף דעם דעמב וואַרפט ער זיך, אַליץ אַרויסרײַסען איהם ווילט זיך... און איך האָב איין מאָל הערבסט־צײַט אַ קוקגעטאָן אין פענסטערל; אָט איז דאָס איהם געווען ניט צום האַרצען: איז ער אונטערגעלאָפען צום פענסטער, און טררראַך אין פענסטער אַרײַן מיט אַ סאָסנאָווען צוקרימטען צווײַג; ער האָט מיר שיער דעם גאַנצען פנים ניט צעקאַליעטשעט, אַ בייזע נאַכט אויף איהם; אָבער איך בין אויך קיין נאַר ניט — כ'בין אָבגעשפּרונגען, עהע, בחור'ל, אָט ס'אַרא כעסן ער איז!..

— ווי זשע ווייזט ער אוים?

— אויסווייזען ווייזט ער אוים אַליץ איינס, ווי די אַלטע ווערבע, וואָס שטעהט אויפ'ן זומפּ. זעהר געראָטען. אי די האָר — ווי די טרוקענע מאָך, וואָס וואַקסט אוים אויף בוימער, און די באָרד — אויך. און דער נאָז — ווי אַ געזונטער סוק, און די מאָרדע אַ צעראַצטע, פונקט מיט טרוקענעם מאָך בעוואַקסען... טפו ס'אַרא מיאוס'ער! זאָל גאָט אויסהיטען אַפּילו ווען ניט איז אין איהם געראָטען צו זײַן... כ'לעבען! איך האָב איהם אַ צווייטען מאָל טאַקי געזעהען אויפ'ן זומפּ, נאָהענט... ווילסט, טאָ קום ווינטער, ועסטו איהם שוין אַליין זעהן. געה אַרויף דאָרטען, אויפ'ן באַרג — מיט וואַלד איז יענער באַרג בעוואָקסען — און קריך אַרויף אויפ'ן סאַמע הויכען בוים, אויפ'ן שפּיץ. אָט פון דאָרט קען מען איהם אַנ'אַנדערס מאָל דערזעהן: ער געהט ווי אַ ווייסער סלופּ אַריבער'ן וואַלד, דרעהט זיך אַזוי אַליין, פון באַרג אין טאָל אַראָב,

לויפֿט, לויפֿט, און ווערט פֿערפֿאַלען אין וואַלד. עהע!.. און וואו ער געהט אַ דורך, דאָרטען פֿערדעקט ער מיט ווייסען שניי דעם וועג זיינעם... גלויבסט ניט אַנ׳אַלטען מאַן, טאָ קום ווען אַליין גיב אַ קוק.

ער האָט זיך פֿונאַנדערגערעדט, דער אַלטער. עס האָט זיך געדוכט, אַז דאָס לעבעדיגע, אונרוהיגע רעדען פֿון וואַלד און דאָס געוויטער, וואָס איז געהאַנגען אין דער לופֿטען, האָבען אויפֿגערעגט דאָס אַלטע בלוט. דער זיידע האָט געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ, געשמייכעלט, געפֿינטעלט מיט די אָבגעבלאַקירטע אויגען.

נאָר פּלוצלונג איז עפּיס אַזוי ווי אַ שאָטען דורכגעלאָפֿען איבער זיין הויכען מיט קנייטשען צערונצעלטען שטערען. ער האָט מיר אַ שטופּ געטאָן מיט׳ן עלענבויגען און מיט אַ געהיימניספֿולען אויסזעהן געזאָגט:

— ציי ווייסטו בחור׳ל, וואָס איך וועל דיר זאָגען? דאָס איז געוויס: דער בעל־דבר פֿון וואַלד׳ — איז אַ מיאוס׳קייט פֿון אַ בריאה, דאָס איז אמת. אַ קריסטליכען מענשען איז גאָר קיין נחת ניט צו זעהען אַזאַ מיאוס׳ען פּרצוף... נו, אָבער דעם אמת דאַרף מען זאָגען: קיין שלעכטס טוט ער ניט... אַביסעל אַ שפּאַס טון מיט׳ן מענשען, וועט ער זיך יע, אָבער עפּיס בייז טון, הלילה — דאָס טרעפֿט זיך ניט.

— טאָ ווי זשע איז דאָס, זיידע, דו האָסט דאָך אַליין געזאָגט, אַז ער האָט דיך געוואָלט מזיק׳ן מיט אַ צווייג?

— עהע, טאַקי געוואָלט! אָבער דאָס איז ער דאָך אין כעס געוואָרען, פֿאַר וואָס איך קוק אויף איהם אין פֿענסטער, אָט אַזוי איז דאָס! אָבער אַז מ׳זאָל אין זיינע עסקים דעם נאָז ניט שטעקען, וועט ער אויך דעם מענשען קיין בייז ניט טון, אָט אַזאַ איז ער, דער וואַלד־רוח! ווייסטו? אין וואַלד האָבען מענשען אַ סך ערגערע מעשים אָבגעטאָן... עדע, כלעבען!

דער זיידע האָט אָנגעבויגען דעם קאָפּ און איז ביי אַ רגע שטיל געזעסען. דערנאָך, ווען ער האָט אויף מיר אַ קוק געטאָן, האָט דורך דער טריבער הייטעל, וואָס האָט פֿערדעקט זיינע אויגען, אַ בליק געטאָן אַזוי ווי אַ פֿינק פֿון דערוואַכטען זכרון.

— אָט וועל איך דיר דערצעהלען, בחור׳ל, אונזער וואַלד־

געשיכטע... דאָס איז געשעהן אַמאָל, אויף דעם זעלבען אָרט... איך געדענק... גלייך אַ חלום, אָבער ווען דער וואַלד הויבט אָן רוישען העכער, דערמאָן איך מיר דעמאָלט אינגאַנצען... ווילסט, וועל איך דיר דערצעהלען, אַ?

— איך וויל, איך וויל, זיידעניו! דערצעהל!

אָט וועל איך טאַקי דערצעהלען, עהע! הער אַקאָרשט!

II

דער טאַטע מיט דער מאַמען זענען שוין ביי מיר, דאַרפסטו וויסען, לאַנג געשטאָרבען. איך בין נאָך אַ קליינער יונגעל געווען... איינעם אַליין האָבען זיי מיר אויף דער וועלט געלאָזען. אַזוי אָט איז דאָס מיט מיר געווען, עהע! טראַכט זיך די הראָמאַדע *): וואָס זשע זאָלען מיר איצט מיט דעם דאָזיגען בחור'ל טוּן?" נו, דער פריץ טראַכט זיך אויך... ערשט עס איז דעמאָלט דער וואַלד־שומר ראָמאַן געקומען פון וואַלד און זאָגט צו דער הראָמאַדע: גיט מיר דעם יונג אין מיין שטיבעל אַריין, איך וועל איהם שפייזען... אי מיר אין וואַלד וועט פרעהליכער זיין אי ער וועט האָבען ברויט". און אָט ווי ער רעדט אַזוי, ענטפערט איהם די הראָמאַדע: „נעהם!" האָט ער גענומען. אַזוי בין איך פון סאַמע יונגער צייט אָן שוין אין וואַלד פערבליבען.

האָט מיר דאָ ראָמאַן אויסגעהאָדעוועט. אָט איז דאָס געווען אַ מענש, אַ שרעקליכער, זאָל דער אויבערשטער היטען! הויך געוואַקסען, אויגען שוואַרצע, און האָר שוואַרצע, און אַ נשמה האָט ביי איהם פון די אויגען אַ דונקעלע אַרויסגעקוקט, ווארום דאָס גאַנצע לעבען האָט דער דאָזיגער מענש איינער אַליין געלעבט אין וואַלד; דער בער, האָבען מענשען געזאָגט, איז איהם אַליין איינס, ווי אַ ברודער, און דער וואָלף — אַ פלימעניק. יעדע חיה האָט ער געקענט, און האָט זיך פאַר זיי ניט געשראָקען, אָבער פון מענשען פלעגט ער זיך האַלטען אָן אַ זייט און האָט אַפילו ניט געקוקט אויף זיי... אָט וואָס פאַר אַ מענש ער איז געווען, כלעבען, ריכטיג! אַמאָל טוט ער אויף מיר אַ בליק, פלעגט זיך מיר דוכטען

*) דער דאָרפס־ראַט ביי די מאַלאָראָסישע פויערן.

פּונקט ווי אַ קאַץ האָט מיר איבּער'ן פּלייצע מיט'ן עק אַ פּיהר געטאָן... נו, אָבּער אַ מענש איז ער פונדעסטוועגען געווען אַ גוטער, עסען האָט ער גוט געגעבּען, ניטאָ וואָס צו ריידען: קאַשע, אַמאָל, הערצענע איז בּיי איהם שטענדיג געווען מיט הויר פּעטס, און אַז ער פּלעגט דערשיסען אַנ'ענטעל, פּלעגט ענטעל-פּליישׁ אויך זיין. וואָס אמת דאָס איז אמת, ער האָט טאַקי געגעבּען עסען...

האָבּען מיר זיך אַזוי געלעבּט בּיינאַנד. ראָמאַן געהט אַוועק אין וואַלד און מיר פערשפּאַרט ער אין שטיבּעל, אַ היה זאָל מיך ניט אויפעסען. און דערנאָך האָט מען איהם געגעבּען אַ ווייבּ, אָקסאַנען.

דער פּריץ האָט איהם דאָס ווייבּ געגעבּען. האָט איהם פעררופען אין דאָרף אַריין און זאָגט: אָט וואָס, זאָגט ער, ראָמאַסיע, האָבּ התונה!" לכתחלה זאָגט ראָמאַן צום פּריץ: אויף וואָסערע זשע צרות דאַרף איך דאָס אַ ווייבּ? וואָס וועל איך אין וואַלד טון מיט אַ בּאַבּע, אַז בּיי מיר איז שוין אַזוי אויך אַ בּחור'ל פאַראַן? איך וויל ניט, זאָגט ער, התונה האָבּען!" ער איז ניט געוועהנט געווען געשעפטען צו האָבּען מיט מיידלעך, אָט וואָס! נו, דער פּריץ אָבּער איז אויך אַ שעלמע געווען... אַז איך דערמאָן מיך אָן דעם דאָזיגען פּריץ, בּחור'ל, טראַכט איך מיר, אַז איצט זענען שוין אַזעלכע ניטאָ, — ניטאָ שוין אַזעלכע פּריצים — אויסגעגאַנגען... אָט נאָמיר כאָטש דיך נעמען; מ'זאָגט, דו בּיזט אויך פון פּריצישען יחוס. אפשר איז דאָס אמת. ניטאָ אָבּער אין דיר יענץ... דאָס עכּטע... אַזוי זיך, אַ דאַרינקער בּחור'ל, מעהר גאָר נישט.

נו, און יענער איז אַנ'אמת'ער געווען, פון אַמאָליגע... אָט, זאָג איך דיר, עס טרעפט זיך אויף דער וועלט אַזוי, אַז הונדערטער מענשען האָבּען פאַר איין מענשען מורא, און נאָך ווי... גיבּ אַ קוק, בּחור'ל, אויפ'ן שפּאַרבּער און אויף די היהנדעלע: בּיידע זענען זיי פון איי אַרויס, נאָר דער שפּאַרבּער רייסט זיך גלייך אין דער הויך, עהע! אַז ער גיט אַ געשריי אין הימעל, איז ניט נאָר וואָס די קליינע היהנדלעך, אַלטע הענער לאָזען זיך לויפען, וואו די אויגען טראָגען. אָט איז טאַקע דער שפּאַרבּער אַ פּריצישער פויגעל, די הוהן — אַ פּשוט'ע פויערטע...

אָט, געדענק איך, איך בּין נאָך אַ קליין יונגעל גע-

ווען: פויערים פיהרען, אַ מאַן דרייסיג אפשר, גראָבע קלעצער פון וואַלד. און דער פריץ פאָהרט זיך אַליין אויף זיין פערדעל און דרעהט די וואָנצען. דאָס פערדעל שפּילט אונטער איהם, און ער קוקט זיך אויף אַלע זייטען. אָי אָי, הויבען דאָס די פויערים אָן צו לויפען, אַז זיי דערזעהן דעם פריץ! די פערד פערקירעווען זיי אין שניי אַריין, אַליין כאַפּען זיי די היטלען אַראָב. דערנאָך וואָס זיי צעמאַטערען זיך, די קלעצער פון שניי אַרויספיהרען, און דער פריץ פאָהרט זיך, — אָט זעהסטו, איהם איז איינעם אַליין דער וועג ענג!..

דער פריץ טוט אַ קרים די ברעם — ציטערן שוין די פויערים, טוט ער אַ לאַך — איז אַלעמען פרעהליך, מאַכט ער אַ ברוגז'ע מינע — ווערען אַלע אומעדיג. און אַז עמיצער זאָל דעם פריץ אַ קעגען ריידען, דאָס דאַרפסטו וויסען האָט ניט געטראָפען.

נו, אָבער ראָמאַן איז, פערשטעהט זיך, אין וואַלד אויסגעוואַקסען, האָט קיין דרך ארץ ניט געוואוסט, איז דער פריץ אויף איהם ניט געווען אין כעס.

— איך וויל, — זאָגט דער פריץ — דו זאָלסט התונה האָבען, און צוליב וואָס, איז שוין מיין זאַך. נעהם אָקסאַנען.

— איך וויל ניט, — ענטפערט ראָמאַן, — איך דאַרף זי ניט, זי מעג זיך זיין אַפילו אָקסאַנע. זאָלען מיט איהר שדים התונה האָבען, ניט איך... אָט וואָס!

האָט דער פריץ געהייסען ברענגען קאַנטשוקעס, מ'האָט ראָמאַנען אויסגעצויגען. דער פריץ פרעגט איהם ווייטער.

— דו וועסט, ראָמאַן, התונה האָבען?

— ניין, — זאָגט ער, — איך וועל ניט התונה האָבען.

— זאָגט דער פריץ:

— טאָ שיט זשע איהם אין מאָטניע*), וויפיעל עס וועט אַריין.

מ'האָט איהם טאַקי אַריינגעשאָטען ניט קיין ביסעל: דוכט זיך שוין אַזאַ גבור, ווי ראָמאַן איז געווען, און פונדעסטוועגען איז איהם אויך מיאוס געוואָרען:

— לאָזט שוין, — זאָגט ער, — גענוג אייך. זאָלען זי בעסער אַלע שדים נעמען, איידער איך זאָל צוליב אַ באַבע

---

*) מאָטניע — אַזעלכע ברייט-לייווענטענע הויזען, ווי זעק.

אַזוי פיעל צרות אויסלײַדען. גיט זי מיר אַהער, איך וועל חתונה האָבען.

ביים פריץ אין הויף האָט געוואוינט אַ יונגער אָפאַנאַס שווידקי. ער איז געקומען צופאָהרען פון פעלד אין יענער צייט, ווען מ'האָט ראָמאַנ'ען חשק געגעבען חתונה צו האָבען. האָט ער דערהערט וועגען ראָמאַנ'ס צרה, — פליאַך דעם פריץ צו די פיס. טאַקי געפאַלען צו די פיס, געקושט...

— צוליב וואָס, — זאָגט ער, — זאָלט איהר, גנעדיגער פריץ, אַ מענשען פײַניגען, בעסער וועל איך מיט אָקסאַנען מיט'ן גוטען ווילען חתונה האָבען, איך וועל אַ וואָרט ניט איבעררײדען. עהע, אַלײן טאַקי האָט ער געוואָלט חתונה האָבען מיט איהר. אָט ס'אַ־אַ מענש ס'איז געווען, כלעבען!

האָט זיך ראָמאַן געוועזן דערפרעהט, פרעהליך געוואָרען. האָט זיך געשטעלט אויף די פיס, האָט פערבונדען די מאַטניע און געזאָגט:

— אָט, — זאָגט ער, — גוט. אָבער ניהײַ וואָלסטו, מענש, אַביסעל פריהער געקומען? און דער פריץ אויך — אַלע מאָל אָט אַזוי!.. ניט פונאַנדערגעפרעגט, ווי דער סדר איז, אפשר וועט עמיצער מיט'ן גוטען ווילען חתונה האָבען. תכף געכאַפּט אַ מענשען און מ'שיט אין איהם! אַפּנים דאָס איז, — זאָגט ער, — קריסטליך אַזוי צו בעגעהן זיך? טפו!

עהע, ער פלעגט אַמאָל דעם פריץ אויך ניט איבערלאָזען. אָט וואָס פאַר אַ מענש ראָמאַן איז געווען! קומט ער אַרײַן אין כעס, טאָר שוין קײַנער צו איהם נאָהענט ניט צוגעהן. ס'מעג זײַן דער פריץ אַלײן. נו, דער פריץ איז אָבער געווען אַ שעלם! ער האָט, פערשטעהסטו, עפּיס אַנדערס געהאַט אין זינען. ער האָט אויף ס'ניַי געהײסען אויסציהען ראָמאַנען אויפ'ן גראָז.

— איך, — זאָגט ער, — בין אויסען דײַן גליק, שוטה, און דו קעהרסט אָב די נאָז. איצט ביזטו אַלײן ווי אַ בער אין נאָרע, אַפילו פערפאָהרען צו דיר איז ניט פרעהליך... שיט זשע אין איהם, אין דעם נאַר, נאָך אַרײַן, — ביז ער וועט אַלײן ניט זאָגען: גענוג! און דו, אָפאַנאַס, געה זיך צו אַלדע רוחות. דיך, זאָגט ער, האָט מען צום מאָלצײַט ניט גערופען, טאָ זעץ זיך אַלײן ניט צום טיש, אַז ניט — ועהסטו ס'אַ־אַ כבוד ראָ=

מאַן האָט בּעקומען? זעה אַקאָרשט, עס זאָל מיט דיר דאָס אייגענע ניט טרעפען.

און ראָמאַן איז שוין גאָר ניט אויף אַ געלעכטער אין כּעס אַריין, עהע! מ׳שניידט איהם טאַקי גוט, וואָרום אַמאָ־ליגע מענשען, זאָלסטו וויסען, האָבּען וואויל געקענט מיט קאַנטשיקעס די פעל שינדען. און ער ליגט זיך און זאָגט ניט: „געוואַלד!“. לאַנג האָט ער געליטען, נאָר פונדעסטוועגען האָט ער סוף כּל סוף אַ שפּיי געטאָן.

— ניט דערלעבּען וועט איהר טאַטע, מ׳זאָל צוליב אַ באַבּע אָט אַזוי שיטען אין אַ קריסט אַריין און נאָך אַפילו ניט צעהלען אויך. געוואַלד! זאָלען אייך די הענט אָבּדאַרען, טייוועלשע קנעכט! אָט האָט עס אייך אַבּיסעל דער טייוועל אויסגעלערענט מיט׳ן קאַנטשוק אַרבּייטען! איך בּין דאָך אייך ניט קיין גאַרב אין שייער, וואָס מ׳זאָל מיך אָט אַזוי דרעשען. אויב אַזוי, וועל איך אָט נעמען און התונה האָבּען!..

און דער פּריץ לאַכט זיך.

— אָט, — זאָגט ער, — אַזוי איז גוט. איצט אויף דער התונה וועסטו כאָטש זיצען ניט קענען, דערפאַר וועסטו טאַנ־צען מעהר.

אַ פרעהליכער איז ער געווען, דער פּריץ, כלעבּען, אַ פרעהליכער, עהע! נאָר דערנאָך האָט ער אַ מיאוס׳ן פּסק גע־האַט. זאָל גאָט יעדען גע׳צלם׳טען אָבּהיטען. אויף נאמנות! איך ווינש קיינעם אַזעלכעס ניט. וואָס מיינסטו? אַ יודען אַפילו טאָר מען דאָס ניט ווינשען. אָט ווי איך האַלט...

האָט מען דאָס אַזוי ראָמאַנען התונה געמאַכט. ער האָט געבּראַכט דאָס יונג ווייבּעל אין וואַלד־שטיבּעל. לכתחלה האָט ער זיך אַלץ געבּייזערט, אויפגעוואָרפען איהר די קאַנטשוקעס זיינע.

— דו, — פלעגט ער זאָגען, — בּיזט דאָס אַליין ניט ווערט, וויפיעל מ׳האָט צוליב דיר אַ מענשען אויסגעפייניגט.

ער פלעגט קומען פון וואַלד און תּכף אָנהויבּען זי פון שטוב צו טרייבּען.

— געה זיך, איך דאַרף בּיי מיר אין שטיבּעל קיין באַבּע ניט האָבּען. אַ סימן זאָל זיך דאָ פון דיר ניט בּלייבּען! איך האָב, — זאָגט ער, — ניט ליעב, אַז אַ באַבּע שלאָפט בּיי מיר אין שטוב. עס איז, — זאָגט ער, — אַ ריח ניט קיין גוטער.

עהע!

אָבּער דערנאָך האָט ער זיך צוגעוועהנט, גאָר נישט. אָקסאַנע פּלעגט די שטוב אויסקעהרען און ריין אויסשמירען, דאָס געפּעס צושטעלען; אַלץ שיינט, אַ חיות צו קוקען. ראָמאַן זעהט, נישקשה פון אַ באַבע, האָט ער זיך ביסלעכווייז צוגעוועהנט. און ניט נאָר צוגעוועהנט זיך, בחור׳ל, ער האָט זי אַפילו ליעב בעקומען, כלעבען, איך זאָג קיין ליגען ניט! אָט ס׳אַרא געשיכטע מיט ראָמאַנען האָט זיך פערלאָפען. ווען ער האָט זיך נאָכדעם גוט צוגעקוקט צו דער באַבע, האָט ער דערנאָך געזאָגט:

— אָט אַ דאַנק דעם פריץ, ער האָט מיר שכל אויסגעלערענט. און איך האָב אויך פריהער קיין שכל ניט געהאַט: וויפיעל קאַנטשיקעס איך האָב דאָס פערליטען, און איצט, ווי איך זעה, איז דאָס גאָר קיין ביז ניט געווען. ס׳איז גאָר אַ טובה אַפילו! אָט אַזוי הייסט עס, איז די מעשה.

אָט איז אַריבּער אַביסעל צייט. איך ווייס אַפילו ניט וויפיעל. האָט זיך אָקסאַנע אַוועקגעלעגט אויפ׳ן באַנק, אָנגעהויבען קרעכצען. צו אָבענד צו איז איהר שלעכט געוואָרען, און אין דער פריה האָב איך זיך אויפגעכאַפּט, הער איך: עמיצער וויאַקעט מיט אַ דינינקען קול׳כעלע. עהע! — טראַכט איך מיר — דאָס איז שוין, ווייזט אויס, אַ קינד געבּאָרען געוואָרען. און דאָס איז טאַקי אויף אַנ׳אֶמת אַזוי געווען.

ניט לאַנג האָט דאָס קינד געלעבּט אויף דער ליכטיגער וועלט. מעהר האָט עס ניט געלעבּט, ווי פון פריהמאָרגען ביז אָבענד. אין אָבענד האָט עס אַפילו וויאַקען אויפגעהערט... אָקסאַנע האָט אָנגעהויבען וויינען, און ראָמאַן זאָגט:

— אָט איז שוין ניטאָ קיין קינד, און אַז ניטאָ, דאַרף מען שוין איצט קיין גלח אויך ניט רופען. מיר וועלען עס בעהאַלטען אונטער אַ סאָסנע.

אָט אַזוי האָט ראָמאַן געזאָגט, און ניט נאָר, וואָס ער זאָגט, נאָר ער האָט ריכטיג אַזוי געטאָן אויך: האָט אויסגעגראָבען אַ קבר׳ל און בעהאַלטען. אָט שטעהט דאָרט דער אַלטער שטאַם, אַ דונער האָט איהם אָבגעשרפ׳עט... איז עס דאָס די זעלביגע סאָסנע, וואו ראָמאַן האָט דאָס קינד פערגראָבען. ווייסטו בחור׳ל, אָט וועל איך דיר זאָגען: נאָך ביז היינט אַפילו, אַז די זון זעצט זיך אַראָב און דער רויטער

אָבענד־שיין גערהט אויף איבער'ן וואַלד, פליהט עפּיס אַזאַ פויגעלע און שרייט. אַך, אַזוי אומעדיג פּישטשעט עס, דאָס פויגעלע, אַזש דאָס האַרץ טוט וועה! אָט דאָס איז דאָס די ניט געטויפטע נשמה — אַ צלם בעט זי זיך. ווער עס איז אַ פערשטענדיגער מענש, האָט געלערענט אין די ביכער, יענער, זאָגט מען, וואָלט איהר קענען אַ צלם געבען, וואָלט זי שוין מעהר ניט געפלויגען!.. אָבער אַז מיר וואוינען דאָ אין וואַלד, מיר ווייסען גאָר נישט. פליהט זי, בעט זי, און מיר זאָגען נאָר: „העט העט, אָרעמע נשמה, מיר קענען גאָר נישט מאַכען!“ הויבט זי אָן וויינען און פליהט אָב, און דערנאָך קומט זי ווידער צופליהען. עך, בהור'ל, אַ רחמנות אויף די אָרעמע נשמה!

אָט איז אָקסאַנע געזונד געוואָרען, איז זי אויפ'ן קבר געגאַנגען. זעצט זיך אויפ'ן קבר'ל און וויינט, אָבער אַזוי הויך, אַז איבער גאַנצען וועלד פלעגט דער קול איהרער זיך צוגעהן. דאָס האָט זי אַזוי איהר קינד בעקלאָגט, אָבער ראָמאַן האָט דאָס קינד ניט בעדויערט, נאָר ער האָט אָקסאַנען בעדויערט. קומט אַ שטויגער פון וואַלד, שטעלט זיך נעבען אָקסאַנען און זאָגט:

— שווייג שוין, נאַרישע באָבע איינע! וואָלט כאָטשי געוועזן אויף וואָס צו וויינען! געשטאָרבען איין קינד, קען דאָך נאָך אפשר זיין אַנ'אַנדערע. און אפשר נאָך אַ בעסערע, עהע! וואָרום יענץ איז נאָך אפשר ניט מיינס אפילו געוועזן, איך ווייס דאָך טאַקי ניט. און דאָס וועט שוין זיין מיינס.

אָט האָט שוין אָקסאַנע ניט ליעב געהאַט, אַז ער פלעגט אַזוי ריידען. זי פלעגט דעמאָלט אויפהערען וויינען און אָנהויבען איהם שילטען מיט מיאוס'ע ווערטער. נו, ראָמאַן פלעגט אין כעס אויף איהר ניט זיין.

— טאָ וואָס זשע שילסטו זיך? — פלעגט ער פרעגען.

— איך האָב דאָך גאָר נישט ניט געזאָגט אַזוינס, איך האָב נאָר געזאָגט, אַז איך ווייס ניט. דערפאַר טאַקי ווייס איך ניט, ווייל פריהער ביזטו געוועזן ניט מיינע, האָסט געוואוינט ניט אין וואַלד, נאָר אויף דער וועלט, צווישען מענשען. טאָ ווי זשע זאָל איך וויסען? אָט איצט וואוינסטו אין וואַלד, איז שוין גוט. די באָבע פעדאָסיע האָט מיר טאַקי געזאָגט, ווען איך בין נאָך איהר אין דאָרף געגאַנגען: „וואָס איז

עפּיס בײַ דיר, ראָמאַן, אַזױ גיך אַ קינד פֿאַרטיג געװאָרען?" זאָג איך דער באָבע: „װי זשע זאָל איך דאָס װיסען, צי גיך, צי ניט גיך?". נו, און דו הער זשע טאַקי פֿאָרט אויף צו שרײַען, אַז ניט קען איך נאָך אין כּעס אַרײַנקומען, טאָ װעה אַקאָרשט איך זאָל דיר נאָך אפשר ניט אָנשלאָגען.

אָט פֿלעגט איהם אָקסאַנע שילטען, שילטען און אויפהערן.

זי פֿלעגט איהם אַמאָל אָנזידלען, און קאַרק אַ זעץ טון, אָבער אַז ראָמאַן פֿלעגט אַלײן אין כּעס אַרײַנקומען, פֿלעגט זי שוין שטיל װערען — זי האָט מורא געהאַט. דעמאָלט לאַשטשעט זי איהם, נעמט איהם אַרום, קושט, און אין די אויגען קוקט זי איהם אַרײַן... אָט פֿלעגט זיך מײַן ראָמאַן אײַנגענומען װערען. װאָרום... זעהסטו, בּחור'ל... דו, מסתּמא, װײסט ניט, אָבער איך, אַלטער, האָב טאַקי אַלײן התונה קײן מאָל ניט געהאַט, נאָר געזעהן האָב איך אויף מײַן לעבען! אַ יונגע באַבע קושט זיך זעהר געשמאַק. װאָסער כּעס'דיגען מאַנספּערשוין דו װילסט, קען זי דיר אײַננעהמען. אָי־אָי!.. איך װײס שוין, װאָס די באַבעס זענען. און אָקסאַנע איז געװען אַזאַ גלאַטע יונג־װײַבעל, אַז איצט זעה איך שוין עפּיס מעהר אַזעלכע ניט. איצט, בּחור'ל, זאָג איך דיר, זענען די באַבעס אויך ניט אַזעלכע װי פֿריהער.

אָט האָט אײנמאָל אין װאַלד דער האָרען אָנגעהויבען בלאָזען: טראַ—טאַ, טאַראַ—טאַ ראַ—טאַ—טאַ—טאַ!.. גיסט זיך אַזױ פֿונאַנדער איבער'ן װאַלד, פֿרעהליך און הילכיג. איך בּין דעמאָלט אַ קלײן יונגעל געװען, און האָב ניט געװאוסט, װאָס דאָס איז אַזױנס; זעה איך: פֿיגעלעך הויבען זיך אויף פֿון די נעסטער, מאַכען מיט די פֿליגלען, שרײַען, אַ האָז ערגיץ האָט אויך צוגעבויגען די אויערן צום רוקען און לויפֿט, װיפֿיעל כּה ער האָט. אָט טראַכט איך מיר: אפשר עפּיס אַ חיה, אַ װאונדערליכע אַזאַ, שרײַט דאָס אַזױ שען. אָבער דאָס איז ניט קײן חיה, נאָר דער פּריץ פֿאָהרט גאָר דורכ'ן װאַלד אויף זײַן פֿערדעל, און בלאָזט אין האָרן; הינטער'ן פּריץ פֿאָהרען די יעגער, רײַטענדיג, און פֿיהרען די הינט אויף קײטען. און פֿון אַלע יעגער דער שענסטער איז אָפּאַנאַס שװידקי. ער רײַט זיך הינטער'ן פּריץ אין אַ בּלויער קאָזאַצינע. דער היטעל בײַ אָפּאַנאַסען איז מיט אַ גאָלדענעם דעק, דער פֿערד

שפּילט אונטער איהם. די ביקס בלישצעט ביי איהם הינטען אויפ׳ן רוקען, און די באַנדורע הענגט ביי איהם איבער׳ן פּלייצע אויף אַ רימען. דער פּריץ האָט אָפּאַנאַסען ליעב געהאַט, ווארום אָפּאַנאַס האָט גוט געשפּילט אויף דער באַנדורע און אויף לידער זינגען איז ער געווען אַ מייסטער. אַך, איז דאָס אָפּאַנאַס אַ שענער פּאַרובאָק געווען! אַ מורא, ס׳אַראַ שענער! וואו האָט זיך דער פּריץ מיט אָפּאַנאַסען געקענט גלייכען! דער פּריץ איז שוין אַ פּליכעוואַטער געווען, און די נאָז איז ביים פּריץ געווען אַ רויטע, און די אויגען, כאָטש פרעהליכע, אָבער אַליץ ניט ווי ביי אָפּאַנאַסען. אָפּאַנאַס, אַמאָל, אַז ער פלעגט אויף מיר אַ קוק טון — פלעגט זיך מיר, אַ קליינעם יונגעל, אויך וועלען לאַכען, און איך בין דאָך ניט קיין מיידעל. מ׳האָט געזאָגט, אַז ביי אָפּאַנאַסען זענען די טאַטעס און די זיידעס געווען זאַפּאָראָזשער קאָזאַקען, אין סעטש זענען זיי געווען קאָזאַקען; און דאָרט איז דער עולם געווען כסדר אַ גלאַטער און אַ שענער און אַ פלינקער. אָט דו בעטראַכט זיך אַליין, בחור׳ל, צי פליהען ווי אַ פויגעל אויפ׳ן פערד מיט אַ פּיקע איבער פעלד, צי מיט אַ האַק וואַלד האַקען, דאָס איז דאָך ניט די זעלבע זאַך.

אָט בין איך אַרויסגעלאָפען פון שטוב, איך קוק: דער פּריץ איז אונטערגעפאָהרען, האָט זיך אָבגעשטעלט, די יעגער האָבען זיך אויך אָבגעשטעלט. ראָמאַן איז פון שטוב אַרויס, האָט דעם פּריץ צוגעהאַלטען די זאָטעל-אייזענס. דער פּריץ האָט זיך געשטעלט אויף דער ערד. ראָמאַן האָט זיך צו איהם געבוקט.

— וואָס מאַכסטו! — זאָגט דער פּריץ צו ראָמאַנ׳ען.

— עהע! — ענטפערט ראָמאַן, — איך בין מיר געזונד, אַ דאַנק, וואָס פעהלט מיר? וואָס מאַכט איהר?

זעהסטו, ראָמאַן האָט ניט געקענט ענטפערען דעם פּריץ, ווי מ׳דאַרף. די דינער האָבען זיך אַלע צעלאַכט פון זיינע ווערטער, און דער פּריץ אויך.

— נו, איז דאַנקען גאָט, אַז דו ביזט געזונד, — זאָגט דער פּריץ. — און וואו איז דיין ווייבעל?

— וואו זשע זאָל אַ ווייבעל זיין? דאָס ווייבעל, פערשטעהט זיך, איז אין שטוב...

— נו, וועלען מיר אויך אין שטוב אַריין, — זאָגט

דער פריץ, און איהר, קינדער, לעגט דערווייל אַוועק אַ טעפּיך אויפ'ן גראָז, און גרייט אונז אַלץ צו, עס זאָל זיין מיט וואָס דעם יונגען פאָרפאָלק דעם ערשטען מאָל מזל טוב אָבגעבען.

אָט זענען זיי אין שטוב אַריין: דער פריץ און אָפאַנאַס, און ראָמאַן אָהן אַ היטעל פון הינטען, און באָגדאַן אויך — דער עלטסטער יעגער, דעם פריצ'ס אַ געטרייער דינער. אָט אַזעלכע דינער זענען שוין אויך מעהר אויף דער וועלט ניטאָ: אַן׳אַלטער מענש געווען; מיט די הויפּלייט — שטרענג, און פאַר'ן פריץ — ווי יענער הונט. קיינעם האָט באָגדאַן ניט געהאַט אויף דער וועלט, אַחוץ דעם פריץ. מ'דערצעהלט, ווען ביי באָגדאַנ'ען זענען טאַטע-מאַמע אָבגעשטאָרבען, האָט ער זיך ביים אַלטען פריץ אָנגעהויבען בעטען אויף אַ שטיקעל ערד, און האָט געוואָלט חתונה האָבען. אָבער דער אַלטער פריץ האָט ניט ערלויבט, האָט איהם צוגעשטעלט צום פּאַניטש, ער זאָל איהם בעדינען הייסט עס: דאָ, זאָגט ער, האָסטו זיך אי אַ טאַטען, אי אַ מאַמען, אי אַ ווייב. אָט האָט באָגדאַן אויסגעהאָדעוועט און אויסגעכאָוועט דעם יונגען פריץ, אויפ'ן פערד אויסגעלערענט זעצען זיך, אי פון ביקס שיסען. און אַז דער יונגער פריץ איז אויסגעוואַקסען, האָט אַליין אָנגעהויבען בעל'בת'עווען, איז דער אַלטער באָגדאַן אַלץ נאָך איהם טריט ביי טריט געגאַנגען, ווי אַ הונט. אָך, איך וועל דיר דעם אמת זאָגען: אַפּילע האָבען מענשען יענעם באָגדאַן געשאָלטען, אַפּילע מענשליכע טרערען זענען אויף איהם געפאַלען... אַלץ צוליב דעם פריץ. אויף איין וואָרט דעם פריצ'ס, וואָלט דער דאָזיגער באָגדאַן געקאָנט אפשר דעם אייגענעם טאַטען אויף שטיקלעך צערייסען.

און איך, אַ קליינער יונגעל, בין אויך נאָך זיי אין שטיבעל אַוועקגעלאָפען: אַ פשוט'ע זאַך, עס ווילט זיך וויסען. וואוהין דער פריץ ווענדט זיך, דאָרט בין איך הינטער איהם.

זעה איך, דער פריץ שטעהט אין מיטען שטוב, גלעט די וואָנצען, לאַכט. ראָמאַן ביִיט די פיס אויף איין אָרט, קנייטשט דעם היטעל אין די הענט. און אָפאַנאַס האָט זיך מיט'ן פּלייצע אָנגעשפאַרט אָן ווענטעל, שטעהט זיך,

נעבעך, ווי יענער יונגער דעמב אין אַ געוויטער. זיין פּנים איז פינסטער געוואָרען, שטעהט אַנ'אומעדיגער.

און אָט האָבען זיי זיך אַלע דריי אַ קעהר געטאָן צו אָקסאַנ'ען. דער אַלטער באָגדאַן אַליין נאָר האָט זיך געזעצט אין ווינקעל אויפ'ן באַנק, אַראָבגעלאָזט די טשופּרינעס, זיצט, זיצט, וואַרט דער פּריץ זאָל עפּיס בעפעהלען. און אָקסאַנע האָט זיך אין ווינקעל ביים אויבען געשטעלט, די אויגען אַראָבגעלאָזט, אַליין רויט געוואָרען אינגאַנצען, ווי יענע מאָהן-בלומעלע, וואָס אין מיטען געשטאַנען. אָך, זי האָט, ווייזט אויס, געפיהלט, נעבּיכקע, אַז צוליב איהר וועט אַ צרה געשעהן. אָט דאָס קען איך דיר אויך זאָגען, בהור'ל: אויב דריי מענשען קוקען אויף איין באַבע, וועט שוין דערפון קיין גוטס קיין מאָל ניט אַרויסקומען — מען וועט זיך שוין מוזען רייסען פאַר די נעזער, אויב עס וועט נאָך ערגער ניט דערגעהן. איך ווייס דאָס שוין, וואָרום איך האָב דאָס אַליין געזעהן.

— נו, וואָס, ראָמאַסיע? — לאַכט דער פּריץ. — איך האָב דיר עפּיס אַ גוטע ווייבעל אויסגעשדכנ'ט?

— כ'ווייס! — ענטפערט ראָמאַן, — אַ באַבע, ווי אַלע באַבעס, גאָר נישט.

דאָ האָט אָפּאַנאַס מיט'ן פּלייצע אַ קעהר געטאָן, האָט אויפגעהויבען די אויגען אויף אָקסאַנען און זאָגט פאַר זיך:

— יאָ, זאָגט ער, — אַ באַבע. האָט געמעגט כאָטש ניט צו אַזאַ שוטה אָנקומען.

ראָמאַן האָט דאָס וואָרט דערהערט, האָט ער זיך אַ קעהר געטאָן צו אָפּאַנאַסען און זאָגט איהם:

— מיט וואָס בין איך דאָס, פּאַן אָפּאַנאַס, ביי אייך אין די אויגען — אַ שוטה? עהע, זאָגט, אַדרבא!

— דערמיט, — זאָגט אָפּאַנאַס, — וואָס דו וועסט דיין ווייבעל ניט קענען איינהיטען, דערפאַר ביזטו אַ שוטה...

אָט ס'אַזאַ וואָרט אָפּאַנאַס האָט איהם געזאָגט! דער פּריץ האָט אַזש מיט'ן פוס אַ טופּ געטאָן, באָגדאַן האָט מיט'ן קאָפּ אַ שאָקעל געטאָן, און ראָמאַן האָט אַ רגע אַ טראַכט געטאָן, דערנאָך האָט ער אויפגעהויבען דעם קאָפּ און אַ קוק געטאָן אויפ'ן פּריץ.

— וואָס זשע דאַרף איך זי היטען? — זאָגט ער צו אָפּאַנאַס'ען, און אַליין קוקט ער אויפ'ן פּריץ. — דאָ איז אַ הויך

חיות, אַפִילוּ קַיין טַייוועל נִיטאָ. אָט סַיידֶען דֶער גנֶעדִיגֶער פריץ קוּמט אַמאָל. פוּן ווֶעמֶען זשֶע זאָל אִיך דאָס ווייַבּעל הִיטֶען? זֶעה נאָר דוּ, קאָזאַק פאַסקוּדנֶער, דוּ רייִיץ מִיך נִיט, אַז נִיט כאַפּ אִיך דִיר, ווִי דוּ זֶעהסט, פאַר דֶער טשוּפּרִינֶע.

אפשר וואָלט נאָך טאַקי בּיי זיי דערגאַנגֶען בּיז קלֶעפּ, האָט זִיך אָבּער דֶער פּרִיץ אַרייַנגֶעמִישט; האָט אַ טוּפּ געטאָן מִיט׳ן פוּס — זֶענֶען זיי אַנטשווִיגֶען געוואָרֶען.

— שטִילֶער, אִיהר שדים! — זאָגט ער. — מִיר זֶענֶען דאָך אַהֶער נִיט שלאָגֶען זִיך געקוּמֶען. מ׳דאַרף דאָס יוּנגע פּאָר פאָלק מזל טוֹב אָבּגעבּען, און דערנאָך קֶעגֶען אָבֶענד צוּם זוּמפּ אויף די יאַגד. היידאַ, נאָך מִיר!

דער פּרייץ האָט זִיך אוּמגֶעקֶעהרט, און אִיז אַרוֹיס פוּן שטוּב. און אוּנטֶער בּוֹים האָבֶען שוֹין די יֶעגֶער גרייט געמאַכט דֶעם צוּבּייסֶען. נאָכ׳ן פּריץ אִיז בּאָגדאַן אַרוֹיס און אָפּאַנאַס האָט ראָמאַנ׳ען אָבּגֶעשטֶעלט אִין פאָרהוֹיז.

— דוּ זיי אויף מִיר נִיט בּייז, בּרוּדֶערל, — זאָגט דער קאָזאַק. — הֶער, וואָס אָפּאַנאַס וועט דִיר זאָגען: דוּ האָסט געזֶעהן, ווִי אִיך בִּין דֶעם פּריץ צוּ די פִיס גֶעפאַלֶען, האָבּ אִיהם די שטִיוועל גֶעקוּשט, ער זאָל אָקסאַנֶען מִיר פאַר אַ ווייַבּ געבּען? נוּ, זאָל דִיר גאָט הֶעלפֶען, מענש... דִיך האָט דער גלה פֶערדרֶעהט; אִיז שוֹין מסתמא אַזוֹי בּעשֶערט. ווֶעט אָבֶער מייַן האַרץ נִיט אִיבֶערטראָגֶען, אַז דער בּייזֶער פייַנד זאָל זִיך אִיצט ווִידֶער אִיזדיעקֶעווען אִי אִיבֶער דִיר, אִי אִיבֶער מִיר. הֶעי-הֶעי! קיינֶער ווייס נִיט, וואָס בּיי מִיר אִין האַרצֶען טוּט זִיך... בּעסֶער וועל אִיך שוֹין אִי אִיהם, אִי זִי, מִיט׳ן בִּיקס, אָנשטאָט אַ בּעט, אִין דער נאַסער ערד אַרייַנלֶעגֶען...

האָט ראָמאַן אַ קוּק געטאָן אויף דֶעם קאָזאַק און פרֶעגט:

— זֶעה נאָר, קאָזאַק, צוּ בִּיזטוּ, אָקאָרשט, נִיט פוּן זִיגען אַראָבּ?

אִיך האָבּ נִיט געהֶערט, וואָס האָט אָפּאַנאַס אויף דעם ראָמאַנ׳ען שטִילֶערהייד אִין פאָרהוֹיז געזאָגט; אִיך האָבּ נאָר געהֶערט, ווִי ראָמאַן האָט אִיהם אִיבּער פּלייצע אַ פּאַטש געטאָן:

— אָך אָפּאַנאַס, אָפּאַנאַס! אָט ס׳אַרא שלעכטע בִּיטרע מענשען אויף דער וועלט זענען! און אִיך האָבּ דאָך דאָס אַלץ, אִין וואַלד זִיצענדִיג, נִיט געוואוּסט. עהע, פּריצ׳ל, פּריצ׳ל,

א ביזע זאך האסטו פערקלערט, אבער צו דיין אייגענעם קאפ וועט דאס אויסגעהן.

— נו, — זאגט איהם אפאנאס, — געה איצט, און מאך זיך, ווי דו ווייסט גאר נישט. מעהר פאר אליץ היט זיך פאר באגדאנ׳ען. ניט קיין קלוגער מענש ביזטו, און דער דאזיגער הונט, דעם פריצ׳ס, איז א שעלם. זעהזשע, אפילע בראנפען דעם פריצ׳ס זאלסטו ניט טרינקען. און אויב ער וועט דיך אבשיקען מיט די יעגער אויפ׳ן זומפ, און אליין וועט ער זיך וועלען אבשטעלען, טא פיהר די יעגער ביז דעם אלטען דעמב, בעוויז דעם וועג ווי מען פאהרט ארום, און אליין, זאג זיי, וועסטו גלייך מיט׳ן וואלד געהן... און גיכער קום צוריק אהער...

— רעכט, — זאגט ראמאן. — איך וועל געהן אויף יאגד, און די ביקס וועל איך אנלאדען ניט מיט דראבנע שראט אויף א פויגעל, נאר מיט א גוטען קויל אויף א בער...

אט זענען זיי אויך ארויסגעגאנגען. און דער פריץ זיצט זיך שוין אויפ׳ן טעפיך. האט געהייסען דערלאנגען די פלאש און גלאז. גיסט אן בראנפען אין גלאז און איז מכבד ראמאנ׳ען. עהע, א גוט פלאש און א גוט גלעזעל האט דער פריץ געהאט און בראנפען נאך בעסערע. טרינקט מען אויס איין גלעזעלע — ווערט דיר פרעהליך, טרינקסטו א צווייטע אויס, טאנצט דאס הארץ אין ברוסט. און אויב דער מענש איז ניט געוועהנט, איז פון דעם דריטען גלעזעל פאלט ער ארונטער אונטער באנק, אויב די באבע לעגט ניט אויפ׳ן באנק אוועק.

עהע, זאג איך דיר, א שעלמישער פריץ געוועזן! האט געוואלט ראמאנען מיט זיינע בראנפען איינ׳שכור׳ען, אבער ס׳איז נאך אזא בראנפען ניט געוועזן, פון וועלכע ראמאן זאל פאלען. טרינקט ער פון פריצ׳ס האנט איין גלעזעל, טרינקט א צווייטע, און א דריטע האט ער אויסגעטרונקען, און ער, — נאר די אויגען צינדען זיך ביי איהם אן ווי ביי א וואלף, און מיט די שווארצע וואנצען דרעהט ער. דער פריץ איז אזש אין כעס געווארען.

— אט, א מענש א טייוועל, ווי ער גיסט דאס אין זיך די בראנפען, און גיט זיך אפילו ניט א קרים! אן אנדערער וואלט זיך שוין לאנג צעוויינט, און ער, זעהט נאר, עולם, זאל דאס איהם א קאפ ארען, שמייכעלט נאך אונטער.

ער האט גוט געוואוסט, דער טייוולישער פריץ, אז ווען

אַ מענש האָט פֿון בראַנפֿען אָנגעהויבען וויינען, וועט ער שוין אין גיכען גאָר די טשופּרינע איבער טיש אַראָבלאָזען. אָבער יענעם מאָל האָט ער ניט אויף אַ זעלכען אָנגעטראָפֿען.

— פֿאַר וואָס זשע, — ענטפֿערט איהם ראָמאַן, — זאָל איך עפּיס וויינען? דאָס וואָלט נאָך אפּשר ניט שלעכט געווען אַפֿילו. געקומען צו מיר דער גנעדיגער פּריץ מזל טוב געבען און איך וואָלט זיך דאָ צעראָוועט, ווי אַ באַבע. דאַנקען גאָט, איך האָב נאָך ניט פֿאַר וואָס צו וויינען, זאָלען בעסער מיינע שונאים וויינען...

— הייסט עס, — פֿרעגט דער פּריץ, — ביזטו צופֿרידען?

— עהע! פֿאַר וואָס זאָל איך זיין ניט צופֿרידען?

— געדענקסטו, ווי מיר האָבען דיר מיט קאַנטשוקעס געשדכנ'ט?

— ווי זשע זאָל איך עס ניט געדענקען? אָט־אָ זאָג איך דאָך, אַז איך בין ניט קיין קלוגער מענש געווען, האָב ניט געוואוסט, וואָס ביטער, וואָס זיס. דער קאַנטשוק איז ביטער, און איך האָב איהם מעהר פֿון באַבע'ס ליעב געהאַט. אָט אַ דאַנק אייך, גנעדיגער פּריץ, וואָס איהר האָט מיך, דעם שוטה, אויסגעלערנט האָניג עסען.

— רעכט, רעכט, — זאָגט איהם דער פּריץ. — דערפֿאַר טו מיר דו אויך אַ טובה: גיה אָט מיט די יעגער אויפ'ן זומפּ, שיס אָן וואָס מעהר פֿויגלעך, און זעה ניט אַנדערש צו בע־קומען אַ טויבען בירקהאָן.

— ווען זשע שיקט דאָס אונז דער פּריץ אויפ'ן זומפּ? — פֿרעגט ראָמאַן.

— אָט, מיר וועלען נאָך נעמען צו ביסעלעך, אָפּאַנאַס וועט אונז אַ ליעד אויסזינגען, און געהט געזונדערהייט.

האָט אויף איהם ראָמאַן אַ קוק געטאָן, און זאָגט צום פּריץ:

— אָט אָ דאָס איז שוין שווער: די צייט איז שוין ניט פֿריה, צום זומפּ איז וויַט, און, דערצונאָך, האָט דער ווינט אין וואַלד גענומען רוישען. צו דער נאַכט וועט זיין אַ בורע. ווי זשע קען מען אַזאַ פֿאַרזיכטיגען פֿויגעל דער'הרג'ענען?

און דער פּריץ איז שוין שכור'ליך געווען, און אַ שכור'ער איז ער זעהר אַ כעסן געווען. ער האָט דערהערט, ווי די הויפּלייט האָבען זיך צווישען זיך אָנגעהויבען שושקען, זיי

זאָגען, הייסט עס, ראָמאַן איז טאַקע געראכט, אין גיכען וועט זיך אַ בורע פערנעהמען, איז ער אין כעס געוואָרען. האָט אַ קלאַפּ געטאָן מיט'ן גלעזעל, האָט אַ פיהר געטאָן מיט די אויגען — זענען אַלע שטיל געוואָרען.

איין אָפאַנאַס נאָר האָט זיך ניט דערשראָקען: ער איז אַרויס, אויפ'ן פריצ'ס בעפעהל, מיט דער באַנדורע לידער זינגען. האָט גענומען די באַנדורע אָנשטעלען, אַליין וואַרפט ער אַ בליק פון דער זייט אויפ'ן פריץ און זאָגט איהם:

— בעטראַכט זיך, גענעדיגער פריץ! וואו זשע איז דאָס געזעהן געוואָרען, אַז אַ קעגען נאַכט, און נאָך אין אַ בורע, זאָל מען מענשען טרייבען נאָך פויגלעך איבער'ן פינסטערען וואַלד?

אָט ס'אַראַ דרייסטער ער איז געווען! אַנדערע קנעכט דעם פריצ'ס, ס'איז שוין אַן אַלטע מעשה, האָבען מורא, אָבער ער — אַ פרייער מענש, אַ געבאָרענער קאָזאַק. געבראַכט האָט מען איהם, ווען ער איז נאָך געווען אַ קליין יונגעל, אַן אַלטער קאָזאַק אַ באַנדוריסט פון אוקראַינע. דאָרט האָבען, בחור'ל, מענשען עפּיס אָנגעמאַכט אַ מהומה אין דער שטאָט אומאַן. אָט האָט מען דעם אַלטען קאָזאַק אויסגעשטאָכען די אויגען, אָבגעשניטען די אויערן און אַזוי געלאָזען איבער דער וועלט. איז ער געגאַנגען, געגאַנגען נאָכדעם איבער שטעט און דערפער, און האָט פערבלאָנזשעט אין אונזער קאַנט מיט זיין פיהרער, דעם יונגעל אָפאַנאַס. דער אַלטער פריץ האָט איהם גענומען צו זיך, ווארום ער האָט ליעב געהאַט גוטע לידער. אָט איז דער אַלטער געשטאָרבען, און אָפאַנאַס איז אין הויף אויסגעוואַקסען. דער נייער פריץ האָט איהם אויך ליעב געהאַט, און האָט פון איהם צייטענווייז פערליטען אַזאַ וואָרט, פאַר וועלכען פון אַנ'אַנדערען, וואָלט מען דריי פעל אַראָבגעשונדען.

אַזוי איז אויך איצט געווען: צוערשט איז ער געווען אין כעס געוואָרען, מ'האָט געמיינט, אַז ער וועט דעם קאָזאַק אַ זעץ געבען, דערנאָך אָבער זאָגט ער צו אָפאַנאַסען:

— אַי, אָפאַנאַס, אָפאַנאַס! אַ קלוגער בחור ביזטו, און דאָס ווייזט אויס, ווייסטו ניט, אַז אין שפּאַלט פון טיר טאָר מען די נאָז ניט אַריינרוקען, כדי עמיצער זאָל אַמאָל ניט פערהאַקען...

אָט ס'אַראַ רעטעניס ער האָט דעם קאָזאַק פֿערגעבען. אָבּער דער קאָזאַק האָט טאַקי תּכף פֿערשטאַנען. האָט דער קאָזאַק דעם פּריץ געענטפֿערט מיט אַ ליעד. אָי, אַז דער פּריץ וואָלט דעם קאָזאַק'ס ליעד פֿערשטאַנען, וואָלט אפֿשר זײַן פּריצ'טע אויף איהם ניט צעגאָסען זיך אין טרערען.

— אַ דאַנק, פּריץ, פֿאַר דעם מוסר, — זאָגט אָפּאַנאַס, — אָט וועל איך דיר דערפֿאַר עפּעס אויסזינגען, און דו הער.

און ער האָט אַ קלאַפּ געטאָן איבּער די סטרונעס פֿון באַנדורע.

דערנאָך האָט ער אויפֿגעהויבען דעם קאָפּ, האָט אַ קוק געטאָן אויפֿ'ן הימעל, ווי אין הימעל פֿליהט דער אָדלער בּרייט אַרום, ווי שוואַרצע וואָלקענס טרײַבּט דער ווינט אום. האָט אָנגעשטעלט דעם אויער, האָט זיך צוגעהערט, ווי די הויכע סאָסנעס רוישען...

און האָט ווײַטער אַ קלאַפּ געטאָן איבּער די סטרונעס פֿון באַנדורע.

אַי, בּחור'ל, דיר איז ניט בּעשערט געווען צו הערען, ווי אָפּאַנאַס שווידקי האָט געשפּיעלט, איצט וועסטו שוין ניט הערען אויך!.. ס'איז דאָך אָט ניט קײַן קונציגע מעשׂה, די באַנדורע, אָבּער ווי זי רעדט דאָס בּײַ אַ מענשען, וואָס קען! פֿלעגט ער נאָר אַ פֿיהר טאָן איבּער איהר מיט די פֿינגער, האָט זי איהם שוין אַלץ געזאָגט, אויסגעדערצעהלט: ווי דער פֿינסטערער וואַלד רוישט אין אַ געוויטער, און ווי דער ווינט קלינגט אין לעערען סטעפּ איבּער דעם גראָז, און ווי דאָס טרוקענע גרעזעל שעפּטשעט אויף דעם קאָזאַקס הויכען קבר.

ניין, בּחור'ל, איהר וועט שוין ניט הערען אַן עכט שפּילען. עס פֿאָהרען איצט אַהער אַלערליי מענשען, אַזעלכע, וואָס זענען ניט אין פּאָלעסיע אַליין געווען, נאָר אין אַנדערע ערטער אויך, און אין גאַנץ אוקראַינע: אין טשיגירין, און אין פּאָלטאַווע, און אין קיעוו און אין טשערקאַס. זאָגען זיי: עס האָבּען זיך שוין אויסגענומען די באַנדוריסטען, מ'הערט זיי שוין מעהר ניט אויף ירידען און אויף מערק. בּײַ מיר הענגט נאָך אין שטוב אויף דער וואַנט אַן אַלטע באַנדורע. אויסגעלערנט שפּילען אויף איהר האָט מיך אָפּאַנאַס, אָבּער בּײַ מיר האָט שוין דאָס שפּילען קיינער ניט איבּערגענומען. אַז איך וועל שטאַרבּען—און מסתּמא גיך—וועט מען שוין ערגעץ

אין דער גאנצער ברייטער וועלט ניט הערען מעהר קיין קלאנג פון א באנדורע. אט אזוי איז דאס!

און אפאנאס האט מיט א שטילען קול אנגעהויבען א ליעד צו זינגען. די שטים איז ביי אפאנאסען געווען ניט קיין שטארקע, נאר א סומנע, ס'פלעגט זיך אזוי גיסען, גיסען אין הארצען אריין. און דאס ליעד, בהור'ל, האט, ווי ס'ווייזט אויס, דער קאזאק אליין אויסגעטראכט פאר'ן פריץ. איך האב עס מעהר ניט געהערט קיין מאל ניט. און נאכדעם אז איך פלעג צו אפאנאסען צושטעהן, ער זאל עס זינגען, האט ער קיין מאל ניט געוואלט.

— פאר וועמען, — זאגט ער, — יענעם ליעד האט זיך געזונגען, יענער איז שוין מעהר אויף דער וועלט ניטא.

אין יענעם ליעד האט דער קאזאק דעם פריץ דעם גאנצען אמת אויסגעזאגט, וואס מיט'ן פריץ וועט זיין; און דער פריץ וויינט, אפילו טרעהרען רינען ביים פריץ איבער די וואנצען, און פארט האט ער פון דעם ליעד, ווייזט אויס, קיין ווארט ניט פערשטאנען.

אך, איך געדענק ניט דאס ליעד, איך געדענק נאר אביסעל. דער קאזאק האט געזונגען וועגען פאן וועגען איוואן.

אי פאניע, אי איוואניע!..
א קלוגער פאן, ער ווייס א פילע...
ווייס: אז דער שפארבער פליהט אין הימעל,
הרג'עט ראבען...
אי, פאניע, אי, איוואניע!..

און דאס ווייס ניט דער פריץ, ווי ס'טרעפט אויף דער וועלט זיך, אז ביים נעסט קאן א קראהע אויך דעם שפאר-בער דער'הרג'ען.

אט זאג איך דיר, בהור'ל, דוכט זיך, אז נאך איצט אפילו הער איך יענעם ליעד און זעה יענע מענשען: דער קאזאק שטעהט מיט דער באנדורע, דער פריץ זיצט אויפ'ן טעפיך דעם קאפ אראבגעהאנגען און וויינט; די הויפלייט האבען זיך ארום אנגעקליבען, שטויסען אונטער איינער דעם אנ-דערן מיט די עלענבויגענס; דער אלטער באגדאן שאקעלט מיט'ן קאפ... און דער וואלד רוישט, ווי איצט, און שטיל און

סימנע קלינגט די באנדורע, און דער קאזאק זינגט, ווי די פריצ'טע קלאגט אויפ'ן פאן איוואן:

קלאגט די פאני קלאגט
און אויפ'ן פאן אויף איוואן
קראקט א שווארצער ראב.

אך, דער פריץ האט ניט פערשטאנען דאס ליעד, האט אויסגעווישט די טרערן און געזאגט:

— נו גרייט זיך צו, ראמאן! זעצט זיך חברה, אויף די פערד! אויך דו, אפאנאס, פאהר מיט זיי — גענוג מיר שוין דיינע ליעדער צו הערען!.. א גוט ליעד, אבער אזוי, ווי אין איהם זינגט זיך, טרעפט זיך דאס קיין מאל אויף דער וועלט ניט.

און ביים קאזאק איז דאס הארץ ווייך געווארען פון דעם ליעד, די אויגען האבען זיך פערצויגען מיט א נעבעל.

— אך, פריץ פריץ, — זאגט אפאנאס, — אלטע לייט זאגען ביי אונז: אין א מעשה איז אמת, און אין א ליעד איז אמת. נאר אין א מעשה איז דער אמת ווי אייזען: ער איז לאנג איבער דער וועלט פון איין האנד אין דער צווייטער געגאנגען, איז ער פערראסט געווארען... און אין ליעד איז דער אמת ווי גאלד, וואס דער ראסט נעמט איהם קיין מאל ניט... אט, ווי אלטע לייט זאגען.

האט דער פריץ א מאך געטאן מיט'ן האנט.

— נו אפשר איז עס אזוי אין אייער קאנט, אבער ביי אונז איז ניט אזוי... געה, געה, אפאנאס. ס'מיר מיאוס געווארען דיך צו הערען.

איז געשטאנען דער קאזאק א רגע און נאכדעם איז ער פלוצלינג געפאלען פאר דעם פריץ אויף דער ערד:

— הער מיך אויס, פריץ! זעץ זיך אויפ'ן פערד און פאהר צו דיין פריצ'טע. מיין הארץ פיהלט עפיס ניט גוטס.

אט איז שוין דא דער פריץ אין כעס אריין, האט דעם קאזאק, ווי דעם הונט, א שטויס געטאן מיט'ן פוס.

— געה פון מיר אוועק! דו ביזט, ווייזט אויס, ניט קיין קאזאק, נאר א באבע! געה פון מיר אוועק, אז ניט, זעה אקארשט דו זאלסט ניט שלעכט אפשניידען... און איהר, וואס האט איהר זיך אוועקגעשטעלט, האמעס? אפשר בין איך אייך קיין פריץ ניט מעהר? אט וועל איך אייך אזוינס

בעווייזען, וואס אייערע טאטעס האָבען פֿון מיינע טאטעס ניט געזעהן !..

אַפאַנאַס האָט זיך געשטעלט אויף די פֿיס, ווי אַ פֿינסטערער וואָלקען, האָט זיך מיט ראָמאַנען דורכגעקוקט: און ראָמאַן שטעהט אָן אַ זייט, אָנגעשפּאַרט אויף דער ביקס, אַזוי ווי ניט איהם מיינט מען...

האָט דער קאָזאַק אַ זעץ געטאָן די באַנדורע אָן אַ בוים — איז די באַנדורע אויף שפּענדלעך צעפֿלויגען, נאָר אַ קרעכץ האָט זיך אַוועקגעלאָזען פֿון דער באַנדורע איבער וואַלד.

— טאָ זאָלען זשע, — זאָגט ער, — טייוואָלים אויף יענער וועלט שכל לערנען אַזאַ מענשען, וועלכער וויל ניט פֿאָלגען קיין קלוגע עצה... די דאַרפֿסט, אַפּנים, פּריץ, קיין טרייען דינער ניט האָבען.

דער פּריץ האָט נאָך ניט בעוויזען צו ענטפֿערן, איז שוין אַפּאַנאַס אַרויפֿגעשפּרונגען אויפֿ'ן זאָטעל און איז אַוועקגעפֿאָהרען. די יעגער האָבען זיך אויך געזעצט אויף די פֿערד. ראָמאַן האָט אַרויפֿגעוואָרפֿען די ביקס אויפֿ'ן קאַרק און איז זיך אַוועקגעגאַנגען, נאָר געהענדיג פֿאַרביי וואַלדשטיבעל האָט ער אַ געשריי געטאָן צו אָקסאַנען:

— לעג שלאָפֿען דעם יונגעל, אָקסאַנע! איהם איז צייט שלאָפֿען געהן. און דעם פּריץ גרייט אויך צו אַ געלעגער.

אָט זענען תּכף אַלע אַוועק אין וואַלד, אָן, איבער יענעם וועג; אויך דער פּריץ איז אין שטוב אַריין, נאָר דער פֿערדעל דעם פּריצ'ס שטעהט זיך, צוגעבונדען אונטערן בוים. עס האָט שוין אָנגעהויבען פֿינסטער ווערען, אַ גערויש געהט איבער וואַלד, און אַ רעגענדל שפּריצט, אָט טאַקע, גאָר ווי איצט... אָקסאַנע האָט מיך אַוועקגעלעגט אין שייער אויפֿ'ן היי, האָט מיך איבערגעצלמ'ט אויף דער נאַכט... און איך הער, מיין אָקסאַנע וויינט.

אָך, איך, קליין יונגעל, האָב דעמאָלט גאָר נישט פֿערשטאַנען, וואָס אַרום מיר טוט זיך! איך האָב זיך מיר אויפֿגעדרעהט אינ'ם היי, האָב אַ ביסעל צוגעהערט זיך, ווי די בורע זינגט אַ ליעד אין וואַלד, און האָב אָנגעהויבען איינשלאָפֿען.

עהע! פּלוצלונג הער איך, עמיצער געהט אַרום שטי=

בעֶל... צוגעֶגאַנגעֶן צו דעֶם בוים, דעֶם פּריצ'ס פֿעֶרדעֶל אָבגעֶבונדעֶן. דעֶר פֿעֶרדעֶל האָט אַ כראָפּ געֶטאָן, אַ זעֶץ געֶטאָן מיט די קאָפּיטעֶס; און ווי עֶר האָט זיך אַלאָז געֶטאָן איבעֶר וואַלד, האָבעֶן זיך שוין באַלד זיינעֶ טריט מעֶהר ניט געֶהעֶרט... נאָכדעֶם העֶר איך: ווייטעֶר פֿליהט שוין עֶמיצעֶר איבעֶר'ן וועֶג צום שטיבעֶל. אונטעֶרגעֶפֿאָהרעֶן האַרט צום שטיבעֶל, אַראָבגעֶשפּרונגעֶן פֿון זאָטעֶל אויף דעֶר עֶרד און גלייך צום פֿעֶנסטעֶר.

— פּריץ, פּריץ! שרייט עֶר מיט'ן קול פֿון דעֶם אַלטעֶן באָגדאַן. — אָי, פּריץ, עֶפֿעֶן גיכעֶר! דעֶר טייוועֶלשעֶר קאָזאַק האָט שלעֶכטס אין די געֶדאַנקעֶן. עֶר האָט, ווייזט אויס, דיין פֿעֶרד אין וואַלד אַוועֶקגעֶלאָזעֶן.

דעֶר אַלטעֶר האָט נאָך ניט בעֶוויזעֶן צו עֶנדיגעֶן זיינעֶ רייד, האָט איהם עֶמיצעֶר שוין פֿון הינטעֶן אָנגעֶכאַפּט. איך האָב זיך דעֶרשראָקעֶן, איך העֶר: עֶפּיס איז געֶפֿאַלעֶן.

האָט דעֶר פּריץ אָבגעֶעֶפֿעֶנט די טיר, אַרויסגעֶשפּרונגעֶן מיט דעֶר ביקס אין האַנט, אָבעֶר אין פֿאָרהויז האָט איהם שוין ראָמאַן אָנגעֶכאַפּט, און גלייך פֿאַר'ן טשוב, און אָן דעֶר עֶרד...

אָט זעֶהט דעֶר פּריץ, אַז ס'איז שלעֶכט, זאָגט עֶר:

— אָי, לאָז מיך אָב, ראָמאַסיעֶ! אַזוי געֶדעֶנקסטו דאָס מיין גוטס?

און ראָמאַן עֶנטפֿעֶרט איהם:

— איך געֶדעֶנק, טייוועֶלשעֶר פּריץ, דיין גוטס אי צו מיר אי צו מיין וויב. אָט וועֶל איך זשעֶ דיר שוין איצט פֿאַר דעֶם גוטס בעֶצאָהלעֶן...

און דעֶר פּריץ זאָגט ווייטעֶר.

— נעֶם זיך פֿאַר מיר אָן, אָפּאַנאַס, מיין געֶטרייעֶר דינעֶר! איך האָב דאָך דיך ליעב געֶהאַט, ווי אַנ'אייגעֶנעֶם זוהן.

און אָפּאַנאַס עֶנטפֿעֶרט איהם.

— דו האָסט דיין געֶטרייעֶן דינעֶר אַוועֶקגעֶטריבעֶן, ווי אַ הונט. — האָסט מיך ליעב געֶהאַט, אַזוי ווי אַ שטעֶקעֶן ליעבט דעֶם רוקעֶן, און איצט האָסטו מיך אַזוי ליעב ווי דעֶר רוקעֶן דעֶם שטעֶקעֶן... איך האָב דאָך דיך געֶבעֶטעֶן, איך בין צו די פֿיס געֶפֿאַלעֶן, — האָסטו ניט געֶפֿאָלגט...

אָט האָט דאָ דעֶר פּריץ אָקסאַנעֶן אָנגעֶהויבעֶן בעֶטעֶן:

— נעם זיך דו אָן, אָקסאַנע, בײַ דיר איז דאָס האַרץ אַ גוטע.

איז אָקסאַנע אַרויסגעלאָפֿען, האָט אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט:

— איך האָב דיך דאָך געבעטען, פּריץ, צו די פֿיס געפֿאַלען: האָב רחמנות אויף מײַן מיידעלשער שענקייט, מאַך מיך, אַן אשת איש, ניט צו שאַנד, האָסטו דאָך קיין רחמנות ניט געהאַט, און איצט בעטסטו אַליין... אָך, וועה צו מיר, וואָס זשע זאָל איך טון?..

— לאָזט מיך אָב! — שרײַט דער פּריץ, — איהר וועט אַלע פֿאַר מיר פֿערפֿאַלען ווערען אין סיביר...

— דאַג׳ע ניט פֿאַר אונז, פּריץ, — זאָגט אָפּאַנאַס. — ראָמאַן וועט זײַן אויפ׳ן זומפּ פֿריהער, איידער דײַנע יעגער. און איך בין צוליב דײַן גוטהערציגקײַט איינער אַליין אויף דער וועלט, איך האָב וועגען מײַן קאָפּ ניט לאַנג צו זאָרגען. איך וועל נעמען די ביקס אויף די פּלייצעס און אַוועק אין וואַלד... כ׳וועל אָנקלײַבען געשיקטע יונגען און מיר וועלען הוליען... פֿון וואַלד וועלען מיר בײַ דער נאַכט אַרויסגעהן אויפ׳ן וועג, און אַז מיר וועלען אין דאָרף אַרײַן פֿערבלאָנדזשען, — איז גלײַך צום פּריץ אין די שאַלעס.

— עי! הויב אויף, ראָמאַסיע, דעם פּריץ, לאָמיר זײַן גנעדיגקײַט אַרויסטראָגען אויפ׳ן רעגענדל.

האָט זיך אָנגעהויבען וואַרפֿען דער פּריץ, שרײַען, נאָר ראָמאַן בורטשעט פֿאַר זיך, און דער קאָזאַק לאַכט. אָט זענען זיי אַרויסגעגאַנגען.

און איך האָב זיך דערשראָקען. האָב זיך געלאָזען אין שטוב אַרײַן, און גלײַך צו אָקסאַנען... זיצט זי מײַן אָקסאַנע אויפ׳ן באַנק, אַ ווײַסע ווי די וואַנט...

און אין וואַלד האָט שוין אָנגעהויבען הודזשען אַנ׳ אמת׳ע בורע: דער וואַלד שרײַט אויף אַלערליי קולות, און דער ווינט קלאָגט, און אַנ׳אַנדערס מאָל גיט אויך אַ דונער אַ טראַסק. איך זיץ מיט אָקסאַנען אויפ׳ן אויבען־באַנק און פּלוצלינג דערהער איך עמיצער האָט אין וואַלד אַ קרעכץ געטאָן... אָך, אָבער אַזוי אומעדיג, אַז ביז היינט נאָך, ווען איך דערמאָן מיך, ווערט מיר שווער אויפ׳ן האַרצען, און ס׳איז דאָך שוין פֿון דעמאָלט אָן אַזוי פֿיעל יאָהר...

— אקסאנע, — זאג איך, — טייבעלע, ווער־זשע קרעכצט דאס דארט אין וואלד?

און זי האט מיך געכאפט אויף די הענט און וויעגט מיך.

— שלאף, — זאגט זי, — אינגעלע, גאר נישט! דאס איז אזוי!.. דער וואלד רוישט...

און דער וואלד האט טאקי אויף אנ'אמת גערוישט, — אך, האט ער גערוישט...

זענען מיר אזוי געזעסען נאך א ביסעל צייט, הער איך: עס האט א קנאק געטאן אין וואלד, דוכט זיך, פון א ביקס.

— אקסאנע, — זאג איך, — טייבעלע! ווער זשע שיסט עס אין וואלד מיט א ביקס?

און זי, נעבעכקעס, וויעגט מיך אליץ, און זאגט מיר אליץ:

— שווייג, שווייג, אינגעלע, דאס האט גאט'ס דונער א קנאל געטאן אין וואלד.

און אליין וויינט זי אליץ, דריקט מיך פעסט צו דער ברוסט, און פערוויעגט מיך: „דער וואלד רוישט, דער וואלד רוישט, אינגעלע, דער וואלד רוישט“...

אט בין איך געלעגען ביי איהר אויף די הענט און בין איינגעשלאפען געווארען.

און אין דער פריה, בחור'ל, האב איך זיך אויפגעכאפט, זעה איך: די זון שיינט, אין שטוב שלאפט אקסאנע אליין אין די זאכען. האב איך זיך דערמאנט אן דאס נעכטיגע, און איך טראכט: דאס האט זיך מיר אזוינס גע'חלומ'ט.

אבער דאס האט זיך ניט גע'חלומ'ט, — אי, ניט גע־חלומ'ט, — ס'איז געוועזען אויף אנ'אמת. איך בין ארויסגעלאפען פון שטוב, אוועקגעלאפען אין וואלד, און אין וואלד זינגען פויגעלעך, און דער טוי בלישצעט אויף די בלעטער. אט בין איך צוגעלאפען ביז די קוסטעס. ערשט דער פריץ און דער יעגער ליגען דארט איינער נעבען דעם אנדערן. דער פריץ א רוהיגער און א בלאסער, און דער יעגער — א ווייסער ווי א טויב, און א שטרענגער, ריכטיג, דוכט זיך, ווי א לעבע־דיגער. און בלוט איז אויפ'ן הארצען ביים פריץ און ביים יעגער...

— — — — — —

— נו וואס איז געווארען מיט די איבעריגע? — האב איך

גֶעפְּרֶעגט, זֶעהֶענדיִג, אַז דֶער אַלטֶער האָט אַראָבגֶעלאָזט דֶעם קאָפּ און איז אַנטשוויִגֶען גֶעוואָרֶען?

— עֶהֶע! אָט אַלץ אַזוֹי טאַקי, ווי אָפּאַנאַס האָט גֶעזאָגט, אַזוֹי איז גֶעוועֶן. אַפילוּ עֶר אַלֵיין האָט לאַנג אין וואַלד גֶעלֶעבּט, איז גֶעגאַנגֶען מיִט חבֿרה איבֶּער די גרויסֶע וועֶגֶען, און איבֶּער די פּריצִישֶע הויפֶען. אַזאַ מזל האָט שוין דֶער קאָזאַק פון גֶעבּאָרֶען אָן גֶעהאַט: די טאַטֶעס האָבֶּען היַידאַמאַטשֶעט *) און עֶר האָט אויך אַזאַ מזל גֶעהאַט. ניט איין מאָל, בּחור'ל, איז עֶר גֶעקומֶען צו אונז: אין דֶעם זעֶלבּיגֶען שטיבּעֶל; אָבּעֶר דאָס רוֹב, וועֶן ראָמאַן איז אין דֶער היים ניט גֶעוועֶן. קומט אַמאָל, זיצט עֶר און זינגט אַליִעדעֶל, און שפּילט אויפ'ן בּאַנדורע. און אַז עֶר פלעֶגט מיט אַנדעֶרֶע חבֿרים קומֶען, — פלעֶגֶען איהם אָקסאַנֶע מיִט ראָמאַנ'ען שטעֶנדיִג צונעֶהמֶען. עֶך, דֶעם אֶמת זאָגֶען דיִר, בּחור'ל, טאַקי ניט גאָר כּשר איז דאָס צוגעֶגאַנגֶען. אָט וועֶלעֶן בּאַלד פון וואַלד קומעֶן מאַקסים מיט זאַכאַר'עֶן, גיב אויף זיי בּיידעֶן אַ קוק; איך זאָג זיי גאָר נישט. אָבּעֶר ווער עֶס קעֶן ראָמאַנ'עֶן מיט אָפּאַנאַסעֶן, יעֶנעֶר וועט גלייך זעֶהן, ווער אין וועֶמעֶן איז גֶעראָטעֶן, כאָטש זיי זעֶנעֶן שוין ניט קיין זיהן, נאָר אייניקלעֶך... אָט וואָס פאַר אַ מעשׂים עֶס האָבּעֶן זיך פאַר מיין גֶעדעֶנקעֶן אָבּגעֶטאָן אין וואַלד, בּחור'ל!

רוישט עֶס אָבּעֶר דֶער וואַלד שטאַרק, — ס'וועט זיין אַ בּורעֶ!..

III

פֶערמאַטעֶרט האָט דֶער אַלטעֶר גֶערעֶדט די לעֶצטעֶ ווערטעֶר פון זיין עֶרצעֶהלונג. עֶס שיינט, אַז זיין אויפגעֶרעֶגטקייט איז אַריבּעֶר, און איצט האָט זיך אַרויסגעֶוויזעֶן די מידיגקייט: די צונג האָט זיך בּיי איהם גֶעפּלאָנטעֶרט, דֶער קאָפּ גֶעטרייסעֶלט, די אויגעֶן געֶטרעֶרט.

דֶער אָוועֶנד האָט זיך שוין אַראָבגעֶלאָזט אויף דֶער עֶרד. אין וואַלד איז פינסטעֶר גֶעוואָרעֶן. די אַלטעֶ סאָסנעֶס האָבּעֶן זיך גֶעוואָרפעֶן אַרום שטיבּעֶל, ווי אַ ים, וואָס האָט זיך צעֶקאָכט. די

---

*) פון היידאַמאַק — אוקריינעֶר פויעֶרן, אין צייט פון פּאַנשטשיִנעֶ, וואָס פלעֶגעֶן אַנטלויפעֶן פון די פּריצים, ווערעֶן פרייעֶ קאַזאַקעֶן און בּעֶפאַלעֶן דערנאָך די פּריצים אין די וועֶלדער.

פינסטערע קעפ האבען זיך געוויגט ווי די רוקענס פון אינדען אין א ביזען געוויטער.

דאס פרעהליכע בילען פון הינט האט אנגעזאגט, אז די בעלי-בתים קומען. ביידע וואלד-שומרים זענען איילענדיג צוגעגאנגען צום שטיבעל, און גלייך נאך זיי האט מאטריע, קוים אטעמענדיג פון איילעניס, געבראכט צוטרייבען די קוה, וועלכע איז געווען פערפאלען געווארען. אונזער געזעלשאפט איז געווען אינגאנצען צונויפגעקליבען.

אין עטליכע מינוט ארום זענען מיר געזעסען אין שטוב; אין אויבען האט פרעהליך געקנאקט דאס פייער; מאטריע האט געגרייט צו „וועטשערע".

כאטשי ניט דעם ערשטען מאל האב איך געזעהן זאכאר'ען מיט מאקסימען, נאר איצט האב איך אויף זיי א קוק געטאן מיט א בעזונדער אינטערעס. זאכאר'ס געזיכט איז געווען טונקעל, די ברעמען זענען זיך צונויפגעוואקסען אונטער דעם משופּע'דיגען נידעריגען שטערן, די אויגען האבען געקוקט בייז און פינסטער כאטשי אויפ'ן געזיכט איז געווען צו קענטיג אן איינגעבארענע גוטמיטיגקייט, וואס מען מערקט אפט ביי א שטארקען מענשען. מאקסים האט געקוקט אפען, דוכט זיך, מיט לאשטשענדע, שארע אויגען; צייטענווייז פלעגט ער א טרייסעל טון מיט זיינע געקרייזעלטע האר, און זיין געלעכטער האט געקלונגען בעזונדערס אנשטעקענד.

— צי האט אקארשט דער אלטער אייך ניט דערצעהלט אן אלטע באבע-מעשה וועגען אונזער זיידען? — האט מאקסים געפרעגט.

— יא, ער האט דערצעהלט, — האב איך געענטפערט.

— נו, ער איז שוין שטענדיג אט אזא! הויבט דער וואלד אן שטארקער צו רוישען, דערמאנט זיך איהם אמאליגע. איצט וועט ער א גאנצע נאכט בשום אופן ניט איינשלאפען.

— ס'גאר ווי א קליין קינד, — האט מאטריע צוגעגעבען, אנגיסענדיג דעם אלטען געקעכטס.

דער אלטער האט, דוכט זיך, ניט פערשטאנען, אז דאס רעדט מען טאקי וועגען איהם. ער האט זיך אינגאנצען אבגעלאזען, ווי א תם. צייטענווייז פלעגט ער שמייכלען, שאקלענדיג מיט'ן קאפ; נאר ווען פון דרויסען פלעגט זיך אלאז טון אויפ'ן שטיבעל דער ווינט, וואס האט געמייקערט אין וואלד,

פֿלעגט ער אומרוהיג ווערען, און אָנשטעלען די אויערען, צוהערען זיך צו עפּיס מיט אַ דערשראָקענעם אויסזעהן.

באַלד איז אין וואַלד־שטיבעל אַלץ שטילער געוואָרען.

פֿינסטערליך האָט געפֿינטעלט דער אויסגעהענדער קנויט אין שערבל, און דער גריל האָט אויסגעקלונגען זיין איינאַרטיג שרייענדע ליעד... און אין וואַלד, דוכט זיך, איז אומגעגאַנגען אַ ווייזעריי פֿון טויזענדער מעכטיגע, האָטשי דומפּפּע שטימען, וועלכע האָבען זיך וועגען עפּיס בייז און צאָרענדיג דורכגערעדט צווישען זיך אין דער פֿינסטערניס. עס האָט זיך געדוכט, אַז עפּיס אַ גרויזאַמע מאַכט האַלט דאָרט אָב אין וואַלד אַ רוישענדע בעראַטונג, גרייטענדיג זיך פֿון אַלע זייטען אָנצופֿאַלען אויף דאָס אָרעמע, אין וואַלד פֿערלאָרענע כאַלופּקע. אַנ'אַנדערס מאָל פֿלעגט זיך דער ניט דייטליכער געוואַלד שטאַרקען, וואַקסען, צוקומען; און דעמאָלט פֿלעגט די טיר ציטערן, גלייך ווי עמיצער וואָלט זיך מיט אַ בייזען ברום אַלאָז געטאָן זיך אויף איהר פֿון דרויסען, און די נאַכטיגע זאַווערוכע פֿלעגט מיט אַ קלאָג און אַ בייזער אויסציהען אין קוימען אַ האַרצרייסענדע נאָטע. דערנאָך פֿלעגט דער דראַנג פֿון ווינט אויף אַ צייט שטיל ווערען; אַנ'אימה'דיגע שטילקייט האָט געמאַטערט דאָס האַרץ, וואָס האָט געציטערט, ביז עס האָט זיך פֿון דאָס ניי אויפֿגעהויבען אַ גערויש, גלייך די אַלטע סאָסנעס האָבען זיך צונויפֿגערעדט אויפֿצוהויבען זיך פּלוצלינג פֿון די ערטער און אַוועקפֿליהען אין דעם אונבעוואוסטען גערוים צוזאַמען מיט דער רייסענים פֿונ'ם נאַכטיגען שטורמווינט.

איך בין אַריינגעפֿאַלען אויף עטליכע מינוט אין אַ סמוטנעם דרימעל, אָבער, דוכט זיך, ניט אויף לאַנג. די בורע האָט געוואָיעט אין וואַלד אויף פֿערשיידענע קולות און טענער. דער קנויט אין שערבעל פֿלעגט צייטענווייז אַ פֿלאַקער טון, בעלייכטענדיג דאָס שטיבעל.

דער אַלטער איז געזעסען אויף זיין באַנק און האָט געטאַפּט אַרום זיך מיט'ן האַנט, גלייך ער האָט געוואַרט עמיצען צו געפֿינען אין דער נאָהענט. אַנ'אויסדרוק פֿון שרעק און פֿון כמעט קינדישער אונבעהאָלפֿענקייט האָט זיך געזעהן אויפֿ'ן געזיכט פֿון דעם אָרעמען ייִדען.

— אָקסאַנע, טייבעלע, — האָב איך דערהערט זיין אומע=

דיגען קלאָגען, — ווער זשע קרעכצט עס דאָרטען אין וואַלד?..

ער האָט אונרוהיג אַ טאַפּ געטאָן אַרום זיך מיט דער האַנט און האָט זיך צוגעהערט.

— עהע! — האָט ער ווייטער אָנגעהויבען, — קיינער קרעכצט ניט. דאָס איז די בורע רוישט אין וואַלד... מעהר גאָר נישט,

— דער וואַלד רוישט, רוישט...

עס זענען אַריבער נאָך עטליכע מינוט. אין די קליינע פענסטערלעך פלעגען אָהן אויפהער אַריינקוקען די בלויע פייערן פון דעם בליץ. די הויכע בוימער פלעגען זיך הינטער פענסטער אָנצינדען, אויסווייזענדיג ווי רוחות, און פלעגען ווייטער נעלם ווערען אין דער פינסטערניס אין בייזען ברומען פון דער בורע. נאָר אָט האָט אַ שניידענדע ליכטיגקייט אויף אַנ'אויגענבליק פערדונקעלט דאָס בלאַסע אויפפלאַקערן פונ'ם קנויט, און איבער'ן וואַלד האָט זיך צעשאָטען אַנ'איבערגעריסענער נאָהענטער טראַסק.

דער אַלטער האָט זיך איבעראַנייס אונרוהיג גענומען וואַרפען זיך אויף זיין באַנק.

— אָקסאַנע, טייבעלע, ווער זשע שיעסט עס דאָרט אין וואַלד?

— שלאָף, אַלטער, שלאָף, — האָט זיך פון אויבען דער־הערט מאָטריעס רוהיגער קול. — אָט שטענדיג אַזוי: ביי דער נאַכט, אין אַ בורע, רופט ער אַליץ אָקסאַנע'ן. האָט אַפילו פערגעסען, אַז אָקסאַנע איז שוין לאַנג אויף יענער וועלט. אַך־כאָ!

מאָטריע האָט אַ געניץ געטאָן, האָט אָנגעהויבען שעפּ־טשען אַ תפילה, און באַלד איז אין שטיבעל ווייטער געוואָרען אַ שטילקייט, וועלכע עס האָבען איבערגעריסען נאָר דער גערויש פון וואַלד, און דער אונרוהיגער מורמעל פון דעם אַלטען:

— דער וואַלד רוישט, דער וואַלד רוישט... אָקסאַנ'ע, טייבעלע... באַלד האָט אַ זעץ געטאָן אַ שווערער גוסרעגען, פערדעקענדיג מיט דעם גערויש פון די רעגענשטראָמען אי דעם דראַנג פונ'ם ווינט, אי דאָס קרעכצען פון דעם סאָסנע־וואַלד.

איבערזעצט פ. הילפערין.

# גיאי דע מאפאסאן. אין די פעלדער.

צופוסענס פון א בערגעל, נאָהענט פון א קליינעם קוראָרט, זענען זייט ביי זייט געשטאַנען צוויי שטיבלעך. די צוויי פויערים, וואָס האָבען דאָרטען געוואוינט, האָבען געהאָרעוועט שווער און ביטער אויף זייער שטיקעל אומפּרוכטבאַרער ערד, אום צו דערנעהרען זייערע עופה'לעך. יעדערער פון זיי איז געווען א בעל-מטופל פון פיער קינדערלעך. פאַר די שוועלען פון ביידע שכנות'דיגע טירען האָט דאָס קליינוואַרג זיך געשפּילט און געוועלגערט אין שטויב פון דער פריה ביז אין אָבענד. די צוויי עלטערע (אין יעדער געזינד) זענען אַלט געווען צו זעקס יאָהר און ביידע יונגערע — בערך צו פופצעהן חדשים; די חתונות און נאָכדעם די קינפּעטען זענען פאָרגעקומען כמעט אין איין צייט אין ביידע הייזער.

ביידע מוטערס פלעגען שווער אונטערשיידען די זייעריגע אין דער קופּקע קינדער, און ביידע פאָטערס פלעגען זיי אָפט גאָר פערבייטען. די אַכט נעמען האָבען זיך אין זייערע קעפּ געדרעהט און געפּלאָנטערט אָהן אויפהער; און ווען די מענער האָבען געדאַרפט וועמען פון זיי רופען, פלעגען זיי אָפט אָנרופען עטליכע נעמען, איידער זיי זענען דערגאַנגען צום ריכטיגען.

די ערשטע פון די צוויי וואוינונגען, — געהענדיג פון דער וואַסער-קוואַל ראָלפּאָר, — האָט פערנומען דאָס פּאָר פאָלק טיוואַש, וואָס האָט געהאַט דריי מיידלעך און איין יונגעל; אין דער אַנדער חורבה האָבען געוואוינט די וואַלען'ס, וואָס האָבען געהאַט איין מיידעל און דריי יונגלעך.

זיי האָבען אַלע געלעבט אין גרויס נויט, דערנעהרענדיג זיך מיט א פאַרעווען גרויפּען-זופּ, מיט קאַרטאָפעל און מיט פרייער לופט. זיבען א זייגער אין דער פריה, דערנאָך אין האַלבען טאָג, דערנאָך זעקס א זייגער אין אָבענד פלעגען די בעל-הבית'טעס צונויפרופען זייער קליינוואַרג און אָבגעבען זיי דעם מאכל, פּונקט ווי די גענז-פיטערער קלייבען צוזאַמען זייערע עופות. די קינדער פלעגען זיך זעצען, נאָכ'ן עלטער נאָך, צום הילצערנעם טיש, וואָס איז איבערגעגאַנגען צו זיי בירושה פון זייערע עלטער-זיידעס. דער יונגסטער יונגעל האָט מיט'ן מייל'כעל קוים דערגרייכט ביז צום ברעט פונ'ם טיש. מ'האָט געשטעלט פאַר די קינדער א טיפען טעלער פול מיט ברויט, געווייקט אין וואַסער פון געקאָכטע קאַרטאָפעל, א שיסעל שיטערע קרויט און א דריי ציבעלעס; און דאָס גאַנצע געזינד האָט געגעסען ביז צו זאַט. דעם קלענסטען קינד האָט די מוטער

געקאָרמעט אַלײן. אַ שטיקעל פֿלײש זונטאָג אין זופּ איז פֿאַר אַלעמען אַ יום־טוב געװען; און דער פֿאָטער פֿלעגט אין דעם טאָג אַלע מאָל פֿערזיצען זיך בײַ'ם „מאָלצײַט“ און שטענדיג איבערחזרן די זעלביגע װערטער: „כ'װאָלט דאָס װעלען אַזױ אַלע טאָג“.

אײן מאָל נאָכמיטאָג־צײַט אין אױגוסט מאָנאַט האָט זיך פֿאַר די צװײ שטיבלעך פּלוצלינג אָבגעשטעלט אַ לײַכטע קאַרעטע, און אַ יונגע פֿרױ, װאָס האָט אַלײן די לײצעס געהאַלטען, האָט געזאָגט צו אַ הערן, װאָס איז איהר געזעסען בײַ'ן זײַט:

— אָ! גיב אַ קוק, הענרי, אױף אָט די קופּע קינדערלעך! װי ליעבליך זײ קײַקלען זיך אין'ם שטױב!

דער מאַן האָט גאָר נישט געענטפֿערט, װײַל ער איז שױן געװען צוגעװעהנט צו אַזױנע ענטציקונגען, װאָס האָבען געװעקט זײַן טרױער און געקלונגען װי אַ מין פֿאָרװאורף.

די יונגע פֿרױ האָט גערעדט װײַטער:

— איך מוז זײ אַ קוש טון! אָ, װי איך װאָלט װעלען האָבען כאָטש אײנעם פֿון זײ, אָט יענעם, גאָר דעם קלענסטען.

און אַרױסשפּרינגענדיג פֿון קאַרעטע, איז זי צוגעלאָפֿען צו די קינדער, האָט גענומען אײנעם פֿון בײדע קלענערע, די טױװאַש'ס יונגעלע, און אױפֿהױבענדיג איהם אױף איהרע אָרעמס, האָט זי איהם לײדענשאַפֿטליך געקושט אין זײַנע שמוציגע בעקלעך, אין זײַנע בלאָנדע געגרײַזעלטע און אין בלאָטע אײַנגעשמירטע הערלעך, אין זײַנע הענטלעך, מיט װעלכע ער האָט געמאַכט פֿערשײדענע תנועות, אום צו בעפֿרײַען זיך פֿון די ניט־געבעטענע דערעסענדע קושען־האַלזען.

דערנאָך האָט זי זיך װידער אַרײַנגעזעצט אין איהר קאַרעטע און איז שנעל אַװעקגעפֿאָהרען. אָבער אױף דער קומענדיגער װאָך איז זי װידער געקומען צופֿאָהרען, האָט זיך אַלײן אױך צוזאַמען מיט די קינדער אַװעקגעזעצט אױף דער ערד, האָט אַרױסגענומען אױף איהרע הענד דעם יונגעלע, גענומען שטאָפּען איהם מיט זיסע געבעק און געגעבען קאָנפֿעקטען אַלע איבעריגע קינדער; זי האָט זיך מיט זײ געשפּילט װי אַ קלײן פֿערשטיפֿט מײדעלע, און איהר מאַן האָט בעת מעשׂה מיט אומגעדולד געװאַרט אין זײַן לײַכטער קאַרעטע.

זי איז אײנגיכען אָנגעפֿאָהרען נאָך אַמאָל, האָט געמאַכט בעקאַנטשאַפֿט מיט די עלטערן און אָנגעהױבען קומען אַלע טאָג מיט פֿולע קעשענעס נאַשערײַען און קלײנגעלד.

מ'האָט איהר גערופֿען מאַדאַם ד'הוביער.

אָנפֿאָהרענדיג אײנמאָל אין דער פֿריה, איז דער מאַן

אויף אַרויס פֿון קאַרעטע מיט איהר; און ניט אָבשטעלענדיג זיך מיט'ן קליינוואַרג, וואָס האָט זי שוין איצט גוט געקאָנט, איז זי אַריין אין די וואוינונג פֿון די פֿויערים.

די דאָרפֿס־לייט זענען געווען אין דערהיים, פֿערנומען מיט האַקען האָלץ צום קאָכען; זיי האָבען זיך אויפֿגעהויבען שטאַרק פֿערוואונדערט, האָבען דערלאַנגט שטולען און געוואַרט, וואָס דאָ וועט זיין. דאַן האָט די יונגע פֿרוי אָנגעהויבען מיט אַנ'אָבגעריסענער, ציטערענדיגער שטימע:

— ליעבע מענשען, איך בין געקומען צו אייך צוליב דעם, ווייל איך וואָלט וועלען... איך וואָלט זעהר וועלען מיטנעהמען מיט זיך אייער... אייער קליינעם יונגעלע...

די דאָרפֿסלייט האָבען ערשטוינטע אויסגעשטעלט די אויגען און האָבען ניט געענטפֿערט קיין וואָרט.

זי האָט אָבגעכאַפּט דעם אָטעם און גערעדט ווייטער:

— מיר האָבען ניט קיין קינדער; מיר זענען איינציג אַליין, מיין מאַן און איך... מיר וואָלטען איהם האַלטען ווי אַנ'אייגען קינד... ווילט איהר?

די פֿויערטע האָט אָנגעהויבען פֿערשטעהן. זי האָט געפֿרעגט:

— איהר ווילט צונעהמען ביי אונז שאַרלאָ'ען? אָבער ניין, כ'זאָג אייך, ס'וועט ניט געהן.

דאָ האָט זיך אַריינגעמישט מאָסיע ד'היביער.

— מיין ווייב האָט זיך שלעכט אויסגעדריקט. מיר ווילען איהם צושרייבען פֿאַר אַנ'אייגענעם זוהן, אָבער ער וועט אייך אָפֿט בעזוכען. אויב פֿון איהם וועט אַרויסקומען אַ גוטער מענש, ווי מען דאַרף האָפֿען, דאַן וועט ער ווערען אונזער יורש. אין פֿאַל אויב מיר'ן האָבען קינדער, וועט ער בעקומען זיין הלק צוגלייך מיט זיי. און פֿערקעהרט, אויב אונזערע האָפֿנונגען וועגען איהם וועלען ניט מקוים ווערען, וועלען מיר איהם, בעת ער וועט מינדיג ווערען, געבען אַ סומע פֿון צוואַנציג טויזענד פֿראַנק. אָט די סומע וועט גלייך אַוועקגעלעגט ווערען אויף זיין נאָמען ביי'ם נאָטאַריוס. און אַזוי, ווי מיר האָבען אייך אויך געהאַט אין זינען, אַלזוי וועלען מיר אייך אַרויסגעבען ביז'ן סאַמע טויט אַ רענטע פֿון הונדערט פֿראַנק אַ מאָנאַט. איצט האָט איהר מיך גוט פֿערשטאַנען?

די דאָרפֿס־פֿרוי האָט זיך אויפֿגעהויבען אַ צוקאָכטע.

— איהר ווילט, כ'זאָל אייך פֿערקויפֿען שאַרלאָ'ן? האַ? זאָג איך אייך ניין; אָט אַזוינע זאַכען פֿערלאַנגט מען ניט פֿון אַ מוטער, אָט וואָס! אַך!.. כ'זאָג אייך נאָך אַמאָל: ניין! דאָס איז פּראָסט אַ נבלה.

דער מאַן איז געשטאַנען ערנסט פֿערקלערט און האָט

גאָרנישט גערעדט; ער האָט נור אויסגעדריקט זיין הסכּמה, מיט זיין ווייב, צושאָקלענדיג צו אַלץ מיט'ן קאָפּ.

די מאַדאַם ד'היבּיער האָט זיך פֿערלאָרען און האָט גענומען וויינען. זי האָט זיך געווענדעט צו איהר מאַן מיט אַ כּליפּעדיגער שטימע, מיט אַ שטים פֿון אַ קינד, וואָס אַלע זיינע קאַפּריזען ווערען געוועהנליך ערפֿילט, און האָט שטיל געזאָגט:

— זיי ווילען ניט, הענרי, זיי ווילען ניט!

דאַן האָבּען זיי געמאַכט דעם לעצטען פּרוּוו.

— אָבער, פֿריינד מיינע, גיט אַ טראַכט וועגען דער צוקונפֿט פֿון אייער קינד, וועגען זיין גליק, וועגען...

די פּויערטע איז געוועזען זעהר אויפֿגערעגט און האָט זיי איבּערגעריסען די רעד:

— שוין אַלץ געזעהן, שוין אַלץ געהערט, שוין אַלץ בּעקלערט... געהט אייך, געהט, זאָג איך אייך, אייער פֿוס זאָל דאָ ניט געדאַכט ווערען. געהערט אַנ'אַקט; דערוועגען זיך צונעהמען אַ קינד גאָר בּיי אַ מאַמען!..

אַרויסגעהענדיג האָט מאַדאַם ד'היבּיער דערזעהן, אַז ס'זענען געוועזען צוויי קלענערע קינדערלעך, און זי האָט געפֿרעגט דורך טרערען, מיט דער עקשנות פֿון אַ קאַפּ־ריזער און נאָכגעגעבּענער כּ"י, וואָס וויל קיינמאָל ניט וואַרטען:

— אָבער ס'אַנדערע עופֿה'לע איז דאָך ניט [illegible]ערס?

דער פֿאָטער טיוואַש האָט געענטפֿערט:

— ניין, דאָס איז די שכנים'ס; איהר קענט אַהין אַריינ־געהן, אויב איהר ווילט.

און ער האָט זיך אומגעקעהרט צוריק אין זיין הויז, פֿונוואַנען ס'האָט זיך נאָך געהערט די אויפֿגעבּראַכטע שטים פֿון זיין ווייב.

די וואַלען'ס זענען געזעסען בּיי'ם טיש און האָבּען לאַנגזאַם געגעסען פּעניצעס בּרויט, שמירענדיג עס זעהר קאַרג מיט אַ שטיקעל פּוטער אויפֿ'ן שפּיץ מעסער פֿון אַ טעלער.

מאָסיע ד'היבּיער האָט ווידער אָנגעהויבּען פֿאָר־לעגען זיין פֿערלאַנג, אָבער שוין איצט חניפֿה'דיגער איי־דער דאָרטען, מיט מעהר שענרעדערישע פֿאָרזיכטיגקייטען און שלויקייט.

די מאַן און ווייב האָבּען געשאָקעלט מיט די קעפּ אויף ניין; אָבער בּעת זיי האָבּען דערהערט, אַז זיי וועלען בּעקומען צו הונדערט פֿראַנק אַ חודש, האָבּען זיי זיך איבּערגעקוקט, עצה'נדיג זיך מיט די אויגען און שלאָגענ־דיג זיך מיט דער דעה.

לאַנג האָבּען זיי געשוויגען, ניט קענענדיג ענטשלי־

סֶען זִיךְ און אִיבֶּערלֶעבֶּענדִיג פִיעל שמֶערצֶען. דאָס ווייב האָט עֶנדלִיךְ גֶעפרֶעגט:

— וואָס זאָגסטו דֶערצו, מאַן?

עֶר האָט גֶעעֶנטפֶערט מִיט אַנ׳עֶנטשלאָסֶענֶעם טאָן:

— כ׳זאָג, אַז ס׳אִיז גאָר נִיט קֵיין מִיאוּס׳עֶ זאַך.

דאַן האָט מאַדאַם ד׳הִיבִּיעֶר, צִיטֶערֶענדִיג פוּן קוּמֶער און אוּנרוּהִיגקֵייט, גֶענוּמֶען רֶעדֶען מִיט זֵיי ווֶעגֶען דֶער צוּקוּנפט פוּנ׳ם קִינד, ווֶעגֶען זֵיין גלִיק, און אוֹיךְ ווֶעגֶען יֶענֶע גֶעלד, וואָס עֶר ווֶעט זֵיי קֶענֶען אִין יאָהרֶען אַרוּם גֶעבֶּען.

דֶער פּוֹיעֶר האָט גֶעפרֶעגט:

— אָט דִי צווֶעלף הוּנדֶערט פראַנק, וואָס אִיהר זאָגט, ווֶעלֶען זֵיין אָבגֶעשרִיבֶּען בֵּיי׳ם נאָטאַרִיוּס?

מאָסִיעֶ ד׳הִיבִּיעֶר האָט גֶעעֶנטפֶערט:

— אַוודאי אַזוֹי, און טאַקֶע מאָרגֶען.

דִי דאָרפסשפרוֹי האָט אַ ווײַלֶע אַ טראַכט גֶעטאָן און זִיךְ אָבגֶערוּפֶען:

— הוּנדֶערט פראַנק אַ חוֹדש אִיז צוּ ווֶענִיג פאַר׳ן אָבנֶעהמֶען בֵּיי אוּנז דאָס קִינד; אִין פוּפצֶעהן יאָהר אַרוּם וואָלט עֶר בֵּיי אוּנז אַנ׳אַרבֵּייטֶער גֶעוואָרֶען; מִיר מוּזֶען בֶּעקוּמֶען הוּנדֶערט צוואַנצִיג פראַנק.

מאַדאַם ד׳הִיבִּיעֶר האָט, צִיטֶערֶענדִיג פוּן אוּנגֶעדוּלד, דֶערצוּ גלֵייך מסכים גֶעוועֶן; און היות זִי האָט גֶעוואָלט וואָס גִיכֶער מִיטנֶעהמֶען דאָס קִינד, האָט זִי נאָך דֶערלֶעגט נאָך 100 פראַנק אַ מתנה, בְּעת אִיהר מאַן אִיז גֶעווֶען פֶערנוּמֶען מִיט שרֵייבֶּען אַ פּאַפִּיעֶר. דֶער מֶער (שטאָטגאָלאָוואַ) און אַ שכן, וואָס מ׳האָט זֵיי גלֵייך אַיינגֶעלאַדֶען, האָבֶּען גֶעדִיעֶנט אַלס עֵדות.

דִי יוּנגֶע פרוֹי האָט אַ שײַנֶענדִיגֶע פוּן פרֵייד אַוועֶקגֶעפִיהרט דֶעם ווייֶנֶענדִיגֶען יוּנגֶעלֶע, ווִי מֶען פִיהרט אַוועֶק עֶפִּיס אַ גֶעפֶעלֶען־גֶעוואָרֶענֶע צאַצקֶע פוּן אַ מאַגאַזִין.

דִי טִיוואַשֶ׳ס זֶענֶען גֶעשטאַנֶען בֵּיי דֶער טִיר און האָבֶּען שווײַגֶענדִיג אוּן שטרֶענג נאָכגֶעקוּקט, ווִי זֵיי פאָהרֶען אַוועֶק, הרטה האָבֶּענדִיג, קֶען זֵיין, אוֹיף זֵייעֶר אָבזאָג.

מֶעהר האָט מֶען נִיט גֶעהֶערט רֶעדֶען ווֶעגֶען דֶעם קלֵיינִינקֶען זשאַן וואַלֶען. דִי עֶלטֶערן זֵיינֶע פלֶעגֶען יֶעדֶען מאָנאַט גֶעהן צוּם נאָטאַרִיוּס אָבנֶעהמֶען דִי הוּנדֶערט צוואַנצִיג פראַנק; זֵיי האָבֶּען זִיךְ צוּקרִיגט מִיט זֵייעֶרֶע שכנים, ווייל דִי מוּטֶער טִיוואַש פלֶעגט זֵיי פאָרוואַרפֶען, אַז זֵיי זֶענֶען אוּמֶעהרלִיךְ, טענה׳נדִיג אָהן אוֹיפהֶער דוּרךְ דִי אָפֶענֶע טִירֶען, אַז מ׳דאַרף זֵיין פוּן דֶער נאַטוּר פֶערדאָרבֶּען, אוּם צוּ פֶערקוֹיפֶען אַנ׳אֵייגֶען קִינד, אַז דאָס אִיז אַ גרוֹיל, אַ שמוּץ, אַנבלה.

צײַטֶענווײַז פלֶעגט זִי נֶעהמֶען אוֹיף דִי הֶענד אִיהר

שאַרלאָ׳ן מיט אַ בעריהמערישען אָנשטעל, שרייענדיג מיט אַ כיון צו איהם אַזוי, פונקט ווי ער וואָלט איהר כלומר׳שט קענען פערשטעהן:

— איך האָב דיך טאַקע ניט פערקויפט, און איך וועל דיך ניט פערקויפען, עופה׳לע מיינס! איך — איך פערקויף ניט מיינע קינדער, איך. יאָ, איך בין ניט רייך, אָבער דאָך פערקויף איך פונדעסטוועגען ניט מיינע קינדער.

און אין משך פון פיעלע יאָהרען פלעגט עס אַזוי פאָרקומען יעדען טאָג. יעדען טאָג פלעגט מען פאָר׳ן טיר שרייען מיט גראָבע אָנצוהערעניסען, מיט׳ן מיין, זיי זאָלען דערגרייכען און הערען זיך אין דער וואוינונג פון די שכנים. די מוטער טיוואַש איז ענדליך געקומען דערצו, אַז זי האָט זיך געשטעלט העכער פון אַלעמען אין דער גאַנצער געגענד, ווייל זי האָט ניט פערקויפט שאַרלאָ׳ן. און אַלע, וואָס האָבען גערעדט וועגען איהר, פלעגען זאָגען:

— כ׳ווייס גוט, אַז דאָס איז געווען אַ גוטער עסק, אָבער זי האָט זיך פונדעסטוועגען געפיהרט ווי אַ גוטע מוטער.

מען פלעגט איהר ברענגען פאַר אַ ביישפיעל; און שאַרלאָ וויעדער, וועלכער איז שוין אַלט געוואָרען אַכט־צעהן יאָהר, איז דערצויגען געוואָרען מיט דעם דאָזיגען געדאַנק, וואָס מ׳האָט איהם אָהן אויפהער געקלאַפט אין קאָפּ, און ער האָט זיך סוף כל סוף אַליין אויך גע־האַלטען העכער פון אַלע זיינע חברים דערפאַר, וואָס מ׳האָט איהם ניט פערקויפט.

די וואַלען׳ס האָבען געלעבט בעקוועם און צופריעדען אַ דאַנק דער פענסיע. דערפון האָט עס טאַקע געשטאַמט די פערביסענע שנאה און ביזקייט פון די טיוואַש׳ס, וואָס זענען פערבליבען פונקט אַזוי אָרים און אונגליקליך ווי פריהער.

זייער עלטערער זוהן איז אַוועק אין סאָלדאַטען. דער צווייטער איז געשטאָרבען; שאַרלאָ איז איין־איינציגער פער־בליבען האָרעווען מיט׳ן אַלטען פאָטער, אום צו דערנעה־רען די מוטער און די צוויי יונגערע שוועסטערלעך, וואָס ער האָט געהאַט. ער איז אַלט געוואָרען 21 יאָהר בעת אין אַ שענעם פריהמאָרגען האָט זיך פאַר די צוויי שטיבלעך אָב־געשטעלט אַ פרעכטיגע קאַרעטע. אַ יונגער הערר מיט אַ גאָלדענער זייגער־קייטעלע אויף דער ברוסט איז פון דאָר־טען אַרויס, דערלאַנגענדיג די האַנד אַן אַלטער דאַמע מיט וויים־גרויע האָר. די אַלטע דאַמע האָט צו איהם געזאָגט:

— אָט־אָ דאָ, מיין קינד, אין׳ם צווייטען הויז.

און ער איז אַריינגעגאַנגען אין וואַלען׳ס שטיבעל ווי צו זיך אַהיים.

די אַלטע מוטער האָט געוואַשען איהרע פאַרטוכער; דער קראַנקער פאָטער האָט געדרעמעלט ביי׳ם פריפע־

טשעק. ביידע האָבען זיי אויפגעהויבען די קעפ, און דער יונגער־מאַן האָט געזאָגט:

— גוט מאָרגען, פּאַפּאַ; גוט מאָרגען, מאַמאַ.

זיי זענען אויפגעשפּרונגען איבערראַשט און צומישט. די דאָרפספרוי האָט פון אויפרעגונג אַרויסגעלאָזען פון די הענד איהרע זייף אינ'ם וואַסער און האָט שטיל געמורמעלט:

— ס'ביזטו, מיין זוהן? ס'ביזטו, מיין זוהן?

ער האָט איהר אַרומגענומען און אַ קוש געטאָן, זאָגענדיג נאָך אַמאָל: „גוט מאָרגען, מאַמאַ“. און בעת מעשה האָט דער אַלטער, ציטערענדיג מיט'ן גאַנצען קערפּער, געזאָגט מיט זיין רוהיגען טאָן, וועלכען ער האָט קיינמאָל ניט פערלאָזען: „ביזט צוריקגעקומען, זשאַן?“ — פּונקט ווי ער וואָלט איהם געזעהן בלויז מיט אַ חודש צוריק.

און נאָכדעם ווי זיי האָבען זיך מיט אַנאַנד דערקענט, האָבען די עלטערן ניט אַנדערש געוואָלט פיהרען איהם ווייזען פאַר דעם גאַנצען דאָרף. מ'האָט איהם אַריינגעפיהרט צום מער, צום געהילף, צום גלח, צום לעהרער.

שאַרלאָ איז דאַן געשטאַנען ביי'ן שוועל פון זיין שטיבעל און האָט איהם אָנגעקוקט פאַרביי־געהענדיג.

ביים אָבענד־ברויט האָט ער געזאָגט צו די אַלטע:

— שוטים האָט איהר בעדאַרפט צו זיין, צו דערלאָזען נעהמען די וואַלען'ס יונגעל.

די מוטער האָט געענטפערט ברוגז:

— כ'האָב ניט געוואָלט פערקויפען אונזער קינד.

דער פאָטער האָט גאָר גישט ניט געזאָגט. דער זוהן האָט גערעדט ווייטער:

— ס'איז גאָר ניט אַזאַ אונגליק געאָפּפערט צו ווערען אויף אַזאַ'ן אופן?

דאַן האָט דער פאָטער טיוואַש אויסגעשריען מיט אַ כעס'דיגען טאָן:

— דו מאַך אונז ניט קיין פאָרוואורפען דערפאַר, וואָס מיר האָבען דיך ניט פערקויפט.

נור דער יונגער מאַן האָט אָבגעענטפערט גראָב:

— יאָ, איך וואַרף דאָס טאַקע אייך אויף, וואָס איהר זענט אַזוינע אינוויסענדע. אַזוינע עלטערן ווי איהר זענען נור אַן אונגליק פאַר קינדער. איהר פערדיענט, איך זאָל אייך אַוועקוואַרפען.

די גוטע פרוי האָט געוויינט אַריבערגעבויגען איבער איהר טעלער. זי האָט אַלץ געזיפצט, שלינגענדיג די לעפעל זופּ און פערגיסענדיג אַ העלפט:

— נו, לאָז זיך ממית'ן אויף צו האָדעווען קינדער!

דערויף האָט דער בחור געענטפערט מיט גראָבקייט:

— כ'וואָלט בעסער געוואָלט גאָרנישט געבאָרען ווערען,

אײדער צו זײַן דאָס, וואָס איך בין. בעת איך האָב דער־
זעהן אָט יענעם, האָט באַלד אין מיר מײַן גאַנץ בלוט אויפֿ־
געקאָכט. איך האָב אַ טראַכט געטאָן: — אָט וואָס איך
וואָלט דאָס איצטער געווען.

ער האָט זיך אויפֿגעהויבען.

— הערט זיך אײַן, די גליקלעכסטע זאַך איז פֿאַר מיר
און פֿאַר אײַך, איך זאָל דאָ מעהר אַ טאָג ניט פֿערבלײַבען.
ס'איז פֿאַר אונז אַלעמען בעסער, וואָרום איך וועל דאָס אײַך
אַלץ אויפֿוואַרפֿען פֿון דערפֿריה ביז נאַכט און אײַך פֿערבי־
טערן דאָס לעבען. דאָס, זעהט איהר, וועל איך אײַך קיינמאָל
ניט מוחל זײַן!

ביידע אַלטע, דערשלאָגענע און פֿערטרויערטע, האָ־
בען געשוויגען און געגאָסען זודיגע טרערען.

ער האָט ווײַטער גערעדט:

— ניין, דער דאָזיגער געדאַנק איז צו אונערבאַרמליך.
איך וויל בעסער געהן זוכען מײַן לעבענס־מיטעל ערגעץ
אַנדערסוואו.

ער האָט געעפֿענט די טיר. אין שטיבעל האָט זיך
אַרײַנגעריסען אַ טומעל פֿון קולות. בײַ די וואַלענ'ס איז גע־
ווען יום־טוב צוליעב דעם צוריקגעקומענעם זוהן.

דאַן האָט שאַרלאָ דערלאַנגט אַ טופּע מיט'ן פֿוס, האָט
זיך געווענדעט צו זײַנע עלטערן און אויסגעשריען:

— המורים וואָס איהר זײַט!

און ער איז פֿערשוואונדען אינ'ם חושך פֿון דער נאַכט.

פֿון פֿראַנצויזיש **א. י. גאָלדשמידט.**

# א. קריזאווסקי. **הערבסט־שענקייט.**

דו אויך, הערבסט, פֿערמאָגסט דײַן שענקייט:
בלומען, שטראַלען, פֿויגעל־ליעדער;..
ס'ווײַנט זיך דורך דײַן שוואַרצער הימעל,
שײַנט ער ניי־געבאָרען ווידער...

קומט דער בלאָה־פֿויגעל אין וועלדעל,
לאָזט זיך באַלד אַ הערבסט־ליעד הערען...
הערט דאָס פֿויגעל־ליעד מײַן ליעבסטע,
זינגט זי־מיט מיט שענע טרערען...

ס'ווערען ניי־געבאָרען גרעזלעך,
ס'שפּראָצט אַרויס אַ בלייכעס בלימעל...
און מיט קאַלטע, קראַנקע שטראַלען,
גלעט זיי מוטערליך דער הימעל...

ס'בענקט דאָס בלימעל נאָך זיין ליעבסטע,—
נאָך פון פריהלינג איהם אַ זכר, —
ס'וועלקט זיין האַרץ ווי מיינס אָהן ליעבע:
ס'ווערט ווי איך אַלץ בלייכער, בלייכער...

צוקריגט די ערד זיך מיט'ן הימעל,
צאָרענט, שטורעמט ער, איהר ליעבער,
טוט די זון אַ קראַנקען שמייכעל
און זיי בעטען זיך באַלד איבער.

## ש. גאָרדאָן. די לבנה.

איך האָב אַזוי ליעב די לבנה,
וואָס קוקט אַזוי עלענד, פערטראַכט,—
ווי זי וואָלט עפּיס וואָס ס'איז פערלאָרען
אין טיעפקייט, אין ווייטקייט פון נאַכט;

ווי ס'וואָלט איהר דער טיעף־בלויער הימעל
פער'כישוף'ט און מעשיות דערצעהלט
פון מענשען מיט אָפענע וואונדען,
וואָס קענען ניט ווערען פערהיילט.

איך האָב אַזוי ליעב די לבנה,
איך בעט זיך: אַך נעהם מיך אַרויף,
וועב איין מיט די זילבערנע פעדים
מיין גייסט פון · פערמאַטערטען גוף.

און כ'שטעה מיט פערהאַלטענעם אָטעם,
עס באָדט זיך מיין האַרץ אין דעם שיין,
און טרינקט זיך און ווערט ניט דערטרונקען,
און דרעמילט און שלעפערט ניט איין...

# וואלדא עמערסאן. וועגען קונסט.

היות ווי די מענשליכע נשמה שטעהט ניט אויף איין ארט, דעריבער הזר'ט זי זיך קיין מאל ניט איבער אינגאנצען, נאר שטענדיג פרובט זי צו שאפען עפּיס וואס נייעס און בעסערעס. דאס ווייזט זיך ארויס סיי אין די נוצליכע, סיי אין די שענע קינסטען, אויב מיר זאלען געברויכען די געוועהנליכע פונאנדערטיילונג פון ווערק לויט דעם, צי האבען זיי אלס צוועק נוצען אדער שענקייט. בכן איז דער צוועק פון אונזערע שענע קונסטען ניט נאכמאכונג, נאר שאפונג. אין לאנדשאפטען בעדארף דער מאלער געבען דעם איינדרוק פון אזא שענער שאפונג, וואס איהר גלייכען האבען מיר נישט געזעהן. די פרטים, די פראזא פון דער נאטור בעדארף ער דורכלאזען און געבען אונז בלויז דעם גייסט און גלאנץ. ער בעדארף וויסען, אז די לאנדשאפט האט שענקייט פאר זיין אויג דערפאר, וואס זי דריקט אויס א געדאנק, וואס געפעלט איהם, און דאס דערפאר, ווייל די זעלבע קראפט, וואס זעהט דורך זיינע אויגען, ווערט געזעהן אויך אין דער ערשיינונג גופא. און ער וועט קומען דערצו, אז ער וועט שאצען הויך ניט נאטור, נאר דאס, וואס די נאטור וויל אונז זאגען, און וועט אויף אזא אופן דערהויבען אין זיין קאפיע יענע געשטאלטען, וואס זענען איהם צום הארצען. ער וועט געבען די פינסטערניס פון דער פינסטערניס און דעם זונענשיין פונ'ם זונענשיין. אין פארטרעט מוז ער אויסמאלען דעם אינעווייניגסטען כאראקטער און ניט די אויסווייניגסטע געשטאלטען, און בעטראכטען דעם מענשען, וואס ער מאלט, בלויז אלס א ניט-פולקומענעם בילד אדער קאפיע פונ'ם געווינשטען אריגינאל.

וואס דען אנדערש איז די פערקירצונג און אבקלייבונג, וואס מיר ווענדען אן אין איטליכער גייסטיגער טעטיגקייט, אויב ניט דער אימפולס גופא צום שאפען? ווארום דאס איז די שפע פון יענעם העכערן, וואס בעווייזט, ווי איבערצוגעבען א גרויסען אינהאלט דורך פשוט'ע סימבאלען. וואס דען אנדערש איז א מענש, אויב ניט דער בעסטער מיטעל, וואס די נאטור פערמאגט, זיך אליין צו ערקלערען? וואס דען אנדערש איז א מענש, אויב ניט א שענע לאנדשאפט, וואס ענטהאלט אין זיך א סך מעהר, איידער דער האריזאנט קאן אויסמאלען? אויב ניט דער עקלעקטיזם פון דער נאטור? און וואס דען אנדערש איז דעם מענשענס שפראך, זיין תשוקה צו מאלען, זיין ליעבע צו דער נאטור, אויב ניט נאך א בעסערער מיטעל צוליב דעם זעלביגען צוועק? אלע די לאנגווייליגע מיילען פונ'ם שטח און די פודען פון דער מאסע דורכגעלאזען — און דער גייסט אדער די מאראל דערפון צונויפגעדריקט אין איין מוזיקאלישעןווארט, אדער אינ'ם דינסטען שטריך פון א פינזעל?

נאר דער קינסטלער מוז געברויכען יענע סימבאלען, וואס ווערען געברויכט אין זיינע צייטען און ביי זיין נאציע, כדי איבערצוגעבען זיינע פערברייטערטע געפיהלען זיינע מיטמענשען. דאס נייע אין

דער קונסט ווערט תמיד אַרויסגעבילדעט פון'ם אַלטען. דער מלאך, וואָס איז ממונה אויף דער צייט, לעגט שטענדיג אַרויף זיין אונפערטיליגבאַרען שטעמפּעל אויפ'ן ווערק און ניט איהם אַנ'אונאויסשפּרעכליכען צויבער פאַר'ן כח הדמיון. ווי ווייט דער גייסטיגער כאַראַקטער פון דער צייט געוועלטיגט איבער'ן אַרטיסט און געפינט אַנ'אויסדרוק אין זיין ווערק, אויף אַזוי פיעל וועט דאָס ווערק אויף שטענדיג אַיינהאַלטען אַ געוויסע גרויסקייט און וועט בעווייזען פאַר די צוקונפטיגע צושויער דאָס אונבעוואוסטע, דאָס אונאויסמיידליכע, דאָס געטליכע. קיין איין מענש קאָן ניט אינגאַנצען אויסשליסען אָטאָ דעם יסוד פון נויטווענדיגקייט פון זיין ווערק. קיין איין מענש קאָן ניט אינגאַנצען בעפרייען זיך פון זיין דור און פון זיין לאַנד, אָדער שאַפען אַ מאָדעל, וואָס אין איהם זאָלען די ערציהונג, רעליגיע, פּאָליטיק, מנהגים און קינסטען פון זיין צייט ניט האָבען קיין חלק. ווי אָריגינעל, ווי ווילענסשטאַרק און פאַנטאַסטיש ער זאָל ניט זיין, קאָן ער אַלץ ניט אויסמעקען פון זיין ווערק אַלע סימנים פון די געדאַנקען, וואָס צווישען זיי איז ער אויסגעוואַקסען. די אויסמיידונג גופא לאָזט דייטליך זעהן דעם מנהג, וועלכען ער מיידט אויס. אָהן זיין ווילען און וויסען איז דער קינסטלער געצוואונגען דורך דער לופט, וואָס ער אָטעמט איין, און דורך דער אידעע, וואָס פאַר איהר לעבען און אַרבייטען ער און זיינע צייט־חברים, צו האַלטען זיך פאַר די מנהגים פון זיין צייט, הגם ניט אַלע מאָל פערשטעהט ער זיי. נאָר קיין איינצעלנער טאַלענט קאָן קיין מאָל ניט צוגעבען דעם ווערק אַזאַ צויבער, ווי עס גיט צו דאָס אונאויסמיידליכע, וואָס געפינט זיך אין'ם ווערק. עס מוז זיך אונז דוכטען, אַז דעם קינסטלערס האַנד אָדער שניצמעסער איז געהאַלטען און געפיהרט דורך אַ גיגאַנטישע האַנד, וואָס צייכענט אָן אַ נייע ליניע אין דער געשיכטע פון דער מענשליכער ראַסע. אָט דאָס גיט אַ ווערט די עגיפּטישע היערָאָגליפען, די אינדישע, כינעזישע און מעקסיקאַנישע געצען־בילדער, ווי גראָב און מיאוס זיי זאָלען ניט זיין. זיי בעצייכענען די הויכקייט פון דער מענשליכער נשמה אין יענער צייט, און זענען געווען ניט קיין פאַנטאַזיעס, נאָר געדרונגען פון אַ נויטווענדיגקייט, וואָס איז טיעף, ווי די וועלט. צו דען בעדאַרף איך נאָך מוסיף זיין, אַז אַלע ווערק פון דער פּלאַסטישער קונסט, וואָס זענען נאָך פאַרהאַן, האָבען זייער העכסטען ווערט דערין, וואָס זיי שטעלען פאָר די געשיכטע; דערין, וואָס זיי זענען ווי אַ שטריך, וועלכען די אויבערשטע השגחה האָט געצויגען אויפ'ן פאָרטרעט, אַ שטריך, וואָס איז פולקומען און שען, און וואָס לויט איהרע בעפעהלען געהען אַלע בריאים פאָרויס צו זייער השתלמות.

הייסט עס, אַז פון היסטאָרישען שטאַנדפּונקט איז עס געווען די אויפגאַבע פון דער קונסט צו ערציהען אין מענשען דעם בעגריף פון שענקייט. מיר זענען איינגעטונקט אין שענקייט, נאָר אונזערע אויגען קאָנען זי ניט קלאָר זעהן. עס איז נויטיג, דורך בולט מאַכען בעזונדערע שטריכען, צו העלפען און צופיהרען דעם שלאָפעדיגען געשמאַק. מיר שניצען און מאָלען, אָבער מיר בעטראַכטען געשניצטעס און געמאָלטעס אַזוי ווי מיר וואָלטען אויסגעפאָרשט דעם סוד פון דער פאָרם. דער

קונץ פון דער קונסט בעשטעהט אין אָבזונדערן, אין אויסשטעלען איין אָביעקט פון דער גאַנצער, פערפלאָנטערטער פערשיידענהייט. כל זמן אַ געגענשטאַנד שטעהט נאָך אין פערבינדונג מיט אַנדערע געגענשטאַנדען, איז מעגליך הנאה, בעטראַכטונג, אָבער ניט קיין געדאַנק. אונזער גליק און אונגליק זענען אונפּראָדוקטיוו. דאָס קינד ליגט אין אַ הינערפלעט פון תענוג, נאָר זיין אינדיווידועלער כאַראַקטער און זיין פּראַקטישער כח זענען אָבהענגיג פון דער פעולה, וואָס ער מאַכט אַלע טאָג אין אָבזונדערן די געגענשטאַנדען, האָבענדיג צו טון אין יעדער צייט מיט אַן איינצעלנער זאַך. ליעבע און אַלע תאוות קאָנצענטרירען די גאַנצע עקסיסטענץ אַרום איין איינציגער פאָרם. עס איז די פעהיגקייט פון געוויסע גייסטער צו געבען אַן אויסשליסליכע פולקייט דעם אָביעקט, דעם געדאַנק, דעם וואָרט, וואָס זיי זענען פערנומען דערמיט, און צו מאַכען דאָס אויף אַ געוויסער צייט פאַר'ן עיקר פון דער וועלט. דאָס זענען די קינסטלער, די רעדנער, די פיהרער פון דער געזעלשאַפט. די קראַפט אָבצוזונדערען און גרויס צו מאַכען דורך דער אָבזונדערונג — דאָס איז דער עצם מהות פון דער שפּראַך-קונסט אין די הענד פון'ם רעדנער און פון פּאָעט. אָטאָ די שפּראַך-קונסט, אָדער די קראַפט צו פיקסירען די מאָמענטאַנע גרויסקייט פון אַ זאַך, וואָס איז אַזוי בעמערקענסווערט ביי די גרויסע פּאָעטען און שרייבער, ווי בייראָן, בארק, קאַרלייל, — דאָס בעווייזט דער מאָלער אין פאַרבען און דער סקולפּטאָר אויפ'ן שטיין. די דאָזיגע קראַפט איז אָבהענגיג פון דער טיעפקייט, מיט וועלכער דער קינסטלער דרינגט אַריין אין דער זאַך, וואָס ער בעטראַכט. וואָרום איטליכע זאַך האָט איהרע וואָרצלען אין דער צענטראַלער נאַטור און קאָן, פערשטעהט זיך, בעוויזען ווערען אונז אויף אַזאַ אופן, אַז עס זאָל פאָרשטעלען די גאַנצע וועלט. דעריבער איז איטליך ווערק פון זשעני דער מושל פון דער שעה און קאָנצענטרירט אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט. פאַר דעם מאָמענט איז עס דאָס איינציגע, וואָס איז ראוי געשאַפען צו ווערען — ציי איז עס אַ שיר, אַן אָפּער, אַ לאַנדשאַפט, אַ סטאַטוע, אַ רעדע, אַ פּלאַן פון אַ טעמפּעל, פון אַ שלאַכט אָדער פון אַן ענטדעקונגס-רייזע. באַלד אָבער געהען מיר איבער צו אַן אַנדער אָביעקט, וואָס פורעמט זיך אויס אַלס אַ גאַנצע זאַך, פונקט אַזוי ווי דער ערשטער. למשל, אַ שען געפלאַנצטער גאָרטען — און קיין זאַך, דוכט זיך אונז, איז נישט כדאי צו טון, חוץ צו פלאַנצען גערטענער. איך וואָלט גערעכענט פייער פאַר די בעסטע זאַך אויף דער וועלט, אויב איך וואָלט ניט געוועזען בעקאַנט מיט לופט, מיט וואַסער און ערד. וואָרום עס איז דאָס רעכט און די פעהיגקייט פון אַלע נאַטור-געגענשטאַנדען, פון אַלע עכטע טאַלענטען, פון אַלע מיטגעבאָרענע פעהיגקייטען בכלל — צו זיין פאַר זייער צייט די שפּיץ פון דער וועלט. אַ וועווערקע, וואָס שפּרינגט אַרום פון איין צווייג אויפ'ן אַנדערען, און וואָס דער גאַנצער וואַלד איז פאַר איהר נאָר איין גרויסער בוים, געשאַפען צוליב איהר הנאה, — בעפרידיגט דעם אויג ניט ווינציגער פון אַ לייב, איז שען, זעלבסטגענוגענד און שטענדיג נאַטירליך. אַ גוטע באַלאַדע, בשעת איך הער זי, ציהט אָן מיין האַרץ און אויער, פונקט אַזוי ווי אַ פּאָעמאַ, וואָס איך האָב פריהער געהערט, האָט מיך

דעמאָלט צוגעצויגען. אַ הונד, געצייכענט דורך אַ מײַסטער, אָדער אַ האָפּטע הזרים׳לעך, בעפרידיגט און איז אַ ווירקליכער געגענשטאַנד ניט ווינציגער, איידער מיקעל אַנדזשעלאָ׳ס פרעסקעס (וואַנד-מאָלערײַען). פון אַ גאַנצער רײה אויסגעצייכענטע אָביעקטען, וואָס געהען כסדר איינער נאָכ׳ן אַנדערן, לערנען מיר צולעצט דערקענען די אונענדליכקייט פון דער וועלט, די רײַכקייט פון דער מענשליכער טבע, וואָס קאָן שטרעבען צו אונענדליכקייט אין איטליכער ריכטונג. נאָר איך דערגעה אויך, אַז דאָס, וואָס האָט געמאַכט מיך שטוינען און בעצויבערט אין׳ם ערשטען ווערק, מאַכט מיך אויך שטוינען אין צווייטען ווערק; אַז די שענקייט אין אַלע זאַכען איז איינע.

די אויפגאַבע פון מאָלערײַ און סקולפּטור איז, דוכט זיך, זעהר אַ פּשוט׳ע. די בעסטע בילדער זאָגען אונז גרינג אויס זייערע לעצטע סודות. די בעסטע בילדער זענען גראָבע צייכנונגען פון ווינציג וואונדערפולע פּינטלעך, ליניעס און קאָלירען, וואָס בילדען די שטענדיג זיך פײַטענדיגע „לאַנדשאַפט מיט לעבעדיגע פיגורען", צווישען וועלכע מיר לעבען.

מאַלערײַ איז, דוכט זיך, פאַר׳ן אויג דאָס איינענע, וואָס די קונסט פון טאַנצען פאַר די אברים. ווען די קונסט פון טאַנצען האָט אונז אויסגעלערענט, זיך אַליין צו בעהערשען, צו האַלטען זיך מיט גראַציע, צו בעוועגען זיך מיט פלינקקייט—דעמאָלט איז גלײַכער פאַר אונז צו פערגעסען די טריט, וואָס דער טאַנצמײַסטער האָט אונז געלערנט. אַזוי לערנט אונז אויך די מאָלערײַ צו פערשטעהן דעם גלאַנץ פון די פאַרבען און דעם אויסדרוק פין דער פאָרם — און אַזוי ווי איך זעה אַ סך בילדער און אַ העכערן זשעני אין דער קונסט, אַזוי זעה איך אויך די גרעניצלאָזע רײַכקייט פון׳ם פּינזעל, די גלײַכגילטיגקייט, מיט וועלכער דעם קינסטלער שטעהט פרײַ אויסצוקלײַבען צווישען אַלע מעגליכע פאָרמען. אויב ער קאָן מאָלען איטליכע זאַך, פאַר וואָס זאָל ער מאָלען אַבי וואָס? ערשט דעמאָלט איז מײַן אויג געעפענט פאַר׳ן אייביגען בילד, וואָס די נאַטור מאָלט פאַר מיר אויפ׳ן גאַס, מיט זיך בעוועגענדע מענער און קינדער, בעטלערס און שענע דאַמען, אָנגעקליידעט אין רויט און גרין, אין בלוי און גרוי; לאַנגע האָר, סיווע האָר, ווײַסע פנים׳ער, שוואַרצע פנים׳ער, פנים׳ער מיט קנײַטשען, ריזען, קאַרליקעס, גראָבע, דינע — אַלע בעדעקט מיט׳ן הימעל איבער זייערע קעפּ, און ערד און ים אונטער זייערע פיס.

אַ גאַלערײַ פון סקולפּטור לערנט דאָס איינענע, נאָר בולט׳ער. פונקט אַזוי ווי מאָלערײַ לערנט אויס צו פערשטעהן די פאַרבען, אַזוי לערנט אויס סקולפּטור די אַנאַטאָמיע פון דער פאָרם. ווען איך האָב געזעהן שענע סטאַטועס און געה דערנאָך אַרײַן אין אַן עפענטליכער פערזאַמלונג, דעמאָלט פערשטעה איך גוט, וואָס עס האָט געמיינט דער, וואָס האָט געזאָגט: „נאָכדעם ווי איך האָב געלייענט האָמער׳ן, ווײַזען מיר אויס אַלע מענשען ווי ריזען". איך זעה אויך דײַטליך, אַז מאָלערײַ און סקולפּטור זענען אַ גימנאַסטיק פאַר׳ן אויג, זײַ לערנען דאָס אויס שאַרפער צו זעהן. קיין איין סטאַטוע קאָן ניט ווערען צוגעגליכען צו אַ לעבעדיגען מענשען, וואָס ער שטעהט אונענדליך העכער איבער וואָסער איהר ווילט אידעאַל פון סקולפּטור.

וואָרום שטענדיג בײַט ער זיך. וואָס פאַר אַ קונסט-גאַלערײ איך האָב דאָ פאַר מיר! קײנער האָט ניט געשאַפען די דאָזיגע פערשײדענע גרופּעס און אָריגענעלע, אײגענאַרטיגע פיגורען. דאָ איז דער קינסטלער אַלײן אומגעריכטער היד, ווילענדיג ניט ווילענדיג, צווישען די פיגורען וואָס ער שאַפט. דאָ בעריהרט איהם פּלוצלונג אײן געדאַנק, דאָ אַן'אַנדער געדאַנק, און מיט יעדען מאָמענט בײַט ער אום דעם גאַנצען אויסזעהן, די לאַגע און דעם אויסדרוק פון זײַן לײַהם. וואַרפט אַוועק אײער אײל און מאָלער-וואַרשטאַט, אײער מירמעל-שטײן און שניצמעסער! דאָ האָבען זײ קײן שום ווערט ניט. זײ בעדאַרפען בלויז דיענען, כּדי צו עפענען אײערע אויגען פאַר דער צויבערקראַפט פון דער אײביגער קינסט, אין איבעריגען זענען זײ בלויז אַ פּוסטע פערבלענדענים.

דאָס, וואָס איטליכס שאַפען בעציהט זיך סוף כל סוף אויף אַ גרונד-קראַפט, דערקלערט די אַלגעמײנע שטריכען, וואָס זענען שייך צו אַלע ווערק פון דער העכסטער קונסט: וואָס זײ זענען אַלגעמײן-פערשטענדליך, וואָס זײ ברענגען אונז צוריק צום פּשוט'סטען געמיטס-צושטאַנד, וואָס זײ זענען רעליגיעז. וואָרום די קונסט, וואָס בעווײַזט זיך דערין, — דאָס איז די ענטפלעקונג פון דער נשמה, אַ שטראַהל פון רײנער ליכט, וואָס בעדאַרף מאַכען דעם זעלביגען אײנדרוק, וואָס עס מאַכען נאַטור-גענענשטאַנדען. אין גליקליכע שעה'ן ערשײַנט פאַר אונז די נאַטור אײנס מיט דער קונסט; אַלס פאָלקומענע קונסט — דאָס ווערק פון ג'ס ושעני. און אַ יחיד, וואָס אין איהם זענען דער פּשוט'ער גוסט און די פעהיגקײט אײנצוזאַפּען אַלע גרויסע מענשליכע אײנדרוקען גובר די צופעליגקײטען פון אַן'אָרטליכער און ספּעציעלער קולטור, — אַזאַ מענש איז דער בעסטער קונסט-קריטיקער. ווען מיר זאָלען אַפילו דורכוואַנדערן די גאַנצע וועלט כּדי צו זוכען דאָס שענע, וועלען מיר עס דאָך ניט געפינען, אויב מיר וועלען עס ניט טראָגען מיט זיך. דאָס בעסטע פון דער שענקײט איז אַ שענערער כּשוף אײדער דער, וועלכען עס קאָנען לערנען די כּללים פון דער קונסט — דאָס איז אַן'אויסשטראַהלונג פון'ם קונסטווערק, פון'ם מענשליכען כאַראַקטער, — אַ וואונדערפולער אויסדרוק דורך שטײן אָדער לײַוועגט אָדער מוזיקאַלישע קלאַנגען פון די טיעפסטע און פּשוט'סטע אײגענשאַפטען פון אונזער טבע, און דעריבער איז עס פערשטענדליך מעהר פון אַלעמען פאַר אַזעלכע נשמות, וואָס האָבען אַלײן אָט די אײגענשאַפטען. אין די סקולפּטור-ווערק פון די גריכען, אין די בנינים פון די רוימער און אין די בילדער פון די טאָסקאַנישע און ווענעציאַנישע מײַסטערס — איז דער העכסטער צויבער די אַלגעמײנע שפּראַך, וואָס זײ רעדען. אַ מין רעליגיע פון מאָראַלישער נאַטור, פון רײנקײט, ליעבע און האָפענונג אָטעמט אַרויס פון זײ אַלעמען. דאָס אײגענע, וואָס מיר טראָגען אַרײַן אין זײ, טראָגען מיר אויך צוריק אַרויס, נאָך העררליכער בעלויכטען אין זכּרון. דער רײַזענדער, וואָס בעזוכט דעם וואַטיקאַן און געהט אַרום פון אײן חדר אין'ם אַנדערן פאַרבײַ גאַלערײען פון סטאַטועס, וואַזען, סאַרקאָפאַגען *) און קאַנדעלאַבערס, פאַרבײַ אַלע די פאָרמען פון שענקײט, וואָס זענען אויסגעשניצט אויף די רײַכסטע מאַטעריאַלען, — קאָן גרינג פער-

---

*) גרויסאַרטיגע ארונות.

טעסען, ווי פשוט עס זענען די יסודות, וואס פון זיי זענען זיי געדרונגען, און אז זיי שטאמען אב פון די זעלביגע געדאנקען און געזעצען, וואס זיצען אין זיין אייגענער ברוסט. ער שטודירט די טעכנישע כללים פון דער דאזיגער וואונדערפולער ירושה, נאר ער פערגעסט, אז די ווערק זענען גארניט שטענדיג אזוי צונויפגעשטעלט געווארען; אז א סך לענדער און א סך דורות האבען אריינגעטראגען זייער חלק אין זיי; אז איטליך ווערק איז ארויסגעקומען פונ'ם ווארשטאט פון א קינסטלער, וואס האט געארבייט ביחידות און האט אפשר גארניט געוואוסט, אז עס עקסיסטירען אנדערע סקולפטור-ווערק; אז אפשר האט ער געשאפען זיין ווערק, ניט האבענדיג קיין אנדער מאדעל, הוץ דאס לעבען, דאס פשוט'ע בעל-הבית'ישע לעבען און די פרייד און צער פון די פערזענליכע בעציהונגען, פון שלאגענדע הערצער און אויגען, וואס בעגעגענען זיך, פון ארימקייט און נויטווענדיגקייט, פון האפענונג און שרעק. אט דאס אליץ איז געווען, וואס האט איהם בעגייסטערט, און דאס זענען די רעזולטאטען, וואס ער טראגט אהיים פאר איער הארץ און געמיט. אין ערך צו זיין קראפט, וועט דער קינסטלער געפינען אין זיין ווערק אנ'אויסוועג פאר זיין אייגענעם כאראקטער. ער וועט בשום אופן ניט זיין איינגעענגט אדער פערהינדערט דורך זיין מאטעריאל. נאר היות ווי ער מוז בעל כרחו זיך ארויסזאגען, דעריבער וועט דער דימאנט ווערען צו וואקס אין זיינע הענד און וועט דערלאזען איהם זיך ארויסצוגעבען אין זיין גאנצער גרייס. ניט קיין אנגענומענע נאטור אדער קולטור בעדארף ער ארויפלאזען אויף זיך, אויך בעדארף ער ניט פרעגען, וואס איז די מאדע אין רוים אדער אין פאריז. נאר די שטוב און דער וועטער און דער ארט לעבען, וואס ארימקייט און דער מזל פון געבארען אן האבען זיי געמאכט צוגלייך אי פערהאסט אי טייער, אין דער גרויער, אונגעפארבטער הילצענער כאלופקע, אדער אין ווינקעל פון דארפישען הייזעל אדער אין דער ענגער דירה, וואו ער האט אויסגעהאלטען אלע דחקות פון שטאטישער ארימקייט, — דאס אליץ וועט דינען פינקט אזוי גוט, ווי אנ'אנדער לאגע, אלס א סימבאל פון א געדאנק, וואס פליסט דורך אליץ אהן אונטערשייד.

איך געדענק, אז אין מיינע יונגע יאהרען, בשעת איך האב געהערט וועגן די וואונדערליכע זאכען פון דער איטאליענישער מאלעריי, האב איך זיך פארגעשטעלט, אז די גרויסע בילדער מוזען זיין עפיס ניט געוועהנליכעס; אנ'איבערראשענדע קאמבינאציע פון פארבען און פארם; אנ'אויסטערלישער וואונדער, בארבארישע פעריל און גאלד, פונקט אזוי ווי די פליטערלעך און פאהנען פון מיליטער, וואס בעצויבערן אזוי די אויגען און דעם כה הדמיון פון הדר-יונגלעך. איך האב געמיינט צו זעהן און צו דערוויסען זיך מי יודע וואס. נאר אז איך בין סוף כל סוף געקומען קיין רוים און האב דערזעהן מיט מיינע אויגען די בילדער; האב איך געפונען, אז דער זשעני האט איבערגעלאזט פאר אנפאנגער דאס העלפארביגע, דאס פאנטאסטישע, דאס פראהלענדע, און אליין גופא שטרעבט ער דירעקט צו פשוט'קייט און וואהרהאפטיגקייט. אז דער זשעני איז אויפריכטיג און פאמיליער; אז ער איז אלט, אנ'אייביגער פאקט, וואס איך האב שוין בעגעגענט אין אזוי פיעל פארמען; וואס מיט איהם האב איך געלעבט; אז

ער איז פשוט איהר און איך, וועמען איך קען אזוי גוט, — וועגען וואס מיר האבען אזוי אפט געשמועסט אין דערהיים. די איינענע ערפאהרונג האב איך שוין געהאט אין א קירך אין נעאפעל. דא האב איך געזעהן, אז קיין זאך האט זיך ביי מיר ניט אומגעביטען, הוץ דעם ארט, און איך האב צו מיר אזוי געזאגט: „דו נארישע קינד, ציז דען ביזטו געקומען אהער איבער פיער טויזענד מייל געזאלצענע וואסער, בכדי צו געפינען דאס, וואס איז געווען פולקומען אין דיר דארט אין דער היים?" דעם זעלבינען פאקט האב איך געזעהן ווידער אין דער אקאדעמיע פון נעאפעל, אין די זאלען פון סקולפטור, און ווידער אמאל, אז איך בין געקומען קיין רוים, צו די בילדער פון ראפאעל, אנדזשעלא, סאקי, טיציאן און לעאנארדא דא ווינטשי. „וואס, אלטער, מוילוואורף! ארבייסטו אזוי פלייסיג אין דער ערד?" דאס האט דאך געריזט געבען מיר: וואס איך האב געטראכט, אז איך האב עס געלאזען אין באסטאן, איז געווען דא און וואטיקאן און ווידער אין מיין לאנד און אין פאריז, און אלע רייזען זענען לעכערליך, ווי א פערד אין קאלאוראד, וואס געהט און געהט און בלייבט אלץ אויפ'ן איינענעם ארט. און איצט בין איך געקימען צו דער איבערציינונג, אז אט די אלע בילדער ניט זיי איבערראשען מיך, ווי עפיס פרעמדס, נאר זיי זענען נאהענט צו מיין הארץ.

בילדער בעדארפען ניט זיין צו פיעל מאלעריש. איבער קיין זאך וועדען ניט מענשען אזוי נשתומם, ווי איבער'ן פשוט'ען שכל און איבער קלארע פערשטענדליכע מעשים. אלע גרויסע מעשים זענען געווען פשוט, און אלע גרויסע בילדער זענען אויך אזוי.

די מבינות פון בילדער-הענדלער האט איהר ווערט, אבער הארכט ניט אויף זייער קריטיק, בשעת אייער הארץ איז בעריהרט פונ'ם ושעני. דאס גרויסע בילד איז געווארען געמאלט ניט פאר זיי, ס'איז געמאלט פאר אייך; פאר די, וואס האבען אויגען, וואס זענען מסוגל צו ווערען געריהרט דורך פשוט'קייט און געהויבענע געמיטס-בעוועגונגען.

פונדעסטוועגען, נאכדעם ווי מיר האבען ארויסגעזאגט אלע די שענע זאכען וועגען די קינסטען, מוזען מיר צום סוף אפען זיך מודה זיין, אז די קונסטען, אזוי ווי מיר קענען זיי, זענען מעהר ניט ווי א ראשי תבות. אונזער בעסטער לויב איז אבער געגעבען פאר דאס, צו וואס זיי שטרעבען און וואס זיי זאגען צו און ניט פאר דעם, וואס מיר זעהען איצט. דער יעניגער האט א נידעריגע פארשטעלונג וועגען דעם מענשענס פעהיגקייטען, ווער עס גלויבט, אז די בעסטע צייט פון שאפונג איז שוין פארביי. דער אמת'ער ווערט פון דער איליאדע אדער פון ראפאעל'ס א בילד בעשטעהט דערין, וואס זיי זענען סימנים פון מאכט, זיי זענען כוואליעס אדער קליינע וועלכעל'עך אויפ'ן גרויסען שטראם פון דער שטרעבונג; סימנים פון דער אייביגער קראפט-אנשטרענגונג צו שאפען, וואס די נשמה ווייזט ארויס אפילו אין איהר ערגסטען צושטאנד. די קונסט איז נאך ניט צייטיג געווארען, אויב זי שטעלט זיך ניט פנים אל פנים מיט די מעכטיגסטע שטרעמונגען אין דער וועלט, אויב זי איז ניט פראקטיש און מאראליש, אויב זי שטעהט ניט אין בעריהרונג מיט'ן געוויסען, אויב זי לאזט ניט פיהלען די ארימע און אונגעבילדעטע, אז זי ווענדט זיך צו זיי מיט א קול פון געהויבענער

פריִיד. ס'איז פֿאַרהאַן אַ העכערער סאָרט ווירקונג פֿאַר דער קונסט, איידער
די קונסטען, וואָס מיר האָבען איצט, די קונסטען וועגען מעהר ניט די מפיל-
קינדער, וואָס אַ ניט-פֿאָלקאָמענער און פֿעהלערהאַפֿטער אינסטינקט האָט
געהאַט. קונסט איז די בעדערפֿניס צו שאַפֿען; אָבער אין איהר עצם,
וואָס איז אָהן אַ גרעניץ און נעהמט אַרום די גאַנצע וועלט, קאָן זי ניט
פֿערטראָגען צו אַרבּייטען מיט קראַנקע און מידע הענד און צו שאַפֿען קאַ-
ליקעס און בריאות משונות — ווי די אַלע בילדער און סטאַטועס, וואָס
מיר זעהען. איהר ענדציעל איז ניט קיין קלענערע זאַך, ווי צו שאַפֿען דעם
מענשען און די נאַטור. אַ מענש בעדאַרף קאָנען געפֿינען אין איהר אַנ'-
אויסוועג פֿאַר זיין גאַנצער ענערגיע. ער דאַרף מאָלען און שניצען, כּל
זמן ער קאָן דאָס טאָן. די קונסט מוז משמח זיין, מוז אַנידערוואַרפֿען די ווענט, וואָס
די אויסוויינינגסטע תּנאים האָבען אַרומגעבּויט פֿון אַלע זייטען, און דער-
וועקען אינ'ם צושויער דעם אייגענעם געפֿיהל פֿונ'ם אוניווערסאַלער קרובֿה'-
שאַפֿט און קראַפֿט, וואָס דאָס ווערק האָט קלאָר בעוויזען אינ'ם קינסט-
לער; און די העכסטע אויפֿגאַבּע איהרע איז — צו מאַכען נייע קינסטלער.

די געשיכטע איז שוין אַלט גענוג אויף צו בעווייזען, אַז איינצעל-
נע קינסטען קענען ווערען אַלט און — פֿערשווינדען. די קינסט פֿון סקולפּטור איז
שוין זינט אַ לאַנגע צייט טויט און האָט ניט קיין שום רעאַלע ווירקונג. פֿון גרונד
אויס איז עס געוועזען אַ נוצליכע קינסט, אַ געוויסער אופֿן צו שרייבען,
אַ זכר פֿון דאַנקבּאַרקייט און איבּערגעבּענהייט מצד אַ ווילדען מענשען,
און ביי אַ פֿאָלק, וואָס האָט געהאַט אַ זעלטענעם בעגריף פֿון דער פֿאָרם
איז די דאָזיגע קינדישע שניצעריי געוואָרען פֿערפֿיינערט ביז צום אויסערסטען
גלאַנץ. נאָר דאָס איז אַ שפּיעל פֿאַר אַנ'אונענטוויקעלטען און יונגען פֿאָלק,
אָבער ניט קראַפֿטפֿולע אַרבּייט פֿאַר אַ קלוגער און גייסט רייכער נאַציע.
אונטער אַ דעמב, בעלאָדען מיט בלעטער און איכעלניס, אונטער אַ הימעל,
וואָס איז פֿיל מיט אייביגע אויגען, שטעה איך אויף אַ שייד-וועג. אויב
אונזער שאַפֿונג בלייבּט פֿערגליווערט אין די ווערק פֿון אונזערע פּלאַסטישע
קינסטען און בעזונדערס פֿון סקולפּטור, דעמאָלט איז זי פֿערוואָרפֿען אין אַ
ווינקעל. איך קאָן ניט בעהאַלטען פֿון זיך, אַז אין דער סקולפּטור
ווייזט זיך אַרויס די אָרימקייט פֿון געוויסע טעאַטראַלישע עפֿעקטען. די נאַ-
טור שטייגט אַריבּער אַלע אונזערע אופֿנים פֿון טראַכטען, און איהר סוד
האָבען מיר נאָך ניט אַרויסגעפֿונען. נאָר די גאַלעריי האַלט זיך אויפ'ן
חסד פֿון אונזערע שטימונגען, און דאָ איז פֿאַרהאַן אַ מאָמענט, בשעת
זי ווערט נישטיג. איך וואונדער זיך ניט, וואָס ניוטאָן, וועלכער איז געווען
שטענדיג אַריינגעטאָן אין די גענג פֿון די פּלאַנעטען און זונען, האָט זיך
געקאָנט וואונדערן, וואָס דער גראַף פֿון פּעמבּראָן ווערט דאָ נתפּעל פֿון
די „שטיינערנע באָלוואַנעס“. סקולפּטור קאָן דיענען צו לערנען דעם
תּלמיד, ווי טיעף עס איז דער סוד פֿון דער פֿאָרם, ווי ריין דער גייסט
קאָן איבּערטראָגען זיינע געדאַנקען אין אָט דעם בערעדעוודיגען דיאַלעקט.
נאָר די סטאַטועס וועט אויסזעהן קאַלט און פֿאַלש פֿאַר דער נייער אַקטי-
וויטעט, וואָס בעדאַרף זיך בעוועגען דורך אַלע זאַכען און קאָן ניט ליידען
קיין געפֿעלשטע און ניט-לעבּעדיגע זאַכען. מאָלעריי און סקולפּטור וועגען
די פֿערהערליכונג און דער יום-טוב פֿון דער פֿאָרם. נאָר אמת'ע קונסט

איז קיין מאָל ניט אומבעוועגליך, נאָר שטענדיג פליסענד. די שענסטע מוזיק איז ניט אין אַן'אָראַטאָריע *), נאָר אין מענשליכען קול, בשעת ער רעדט אַרויס פון זיין אַלטעגליכען לעבען טענער פון צערטליכקייט, וואָהרהאַפטיגקייט אָדער מוט. / די אָראַטאָריע האָט שוין אָנגעוואָהרען איהר צונויפבונד מיט'ן מאָרגען, מיט דער זון און דער ערד, נאָר די איבערצייגענדע שטים פון'ם געוועהנליכען לעבען קלינגט האַרמאָניש מיט זיי צוזאַמען. קונסטווערק טאָרען ניט זיין צעגלידערטע, נאָר זיי מוזען זיך אויסגיסען מיט אַמאָל איננאַנצען. אַ גרויסער מענש איז אַ נייע סטאַטוע אין איטליכער לאַגע און אין איטליכער טועכץ זיינער. אַ שענע פרוי — איז אַ בילד, וואָס טרייבט אַלע צושויער צו אַנ'אידעלן מין משוגעת. דאָס לעבען קאָן זיין לירישׁ אָדער עפּיש, פונקט אַזוי ווי אַ פּאָעמאַ אָדער אַ ראָמאַן.

די אמת'ע בשורה פון'ם שאַפונגס-געזעץ — אויב אַ מענש זאָל זיין ראוי זי אָנצוזאָגען — וואָלט אַריבערגעטראָגען די קונסט אין'ם קעניגרייך פון דער נאַטור און וואָלט מבטל געווען איהר בעזונדערן און סותר'דיגען קיום. די פּאָנטאַזיען פון ערפינדונג און שענקייט זענען אין דער מאָדערנער געזעלשאַפט אינגאַנצען אויסגעטריקענט. אַ פאָלקסטימליכע נאָוועלע, אַ טעאַטער, אַ באַל-זאַל לאָזען אונז פיהלען, אַז מיר אַלע זענען אָרימע-לייט אין'ם הקדש פון אָט דער וועלט, וואָס איז אָהן ווערדע, אָהן קענטעניסען און פלייס. קונסט איז אַזוי אָרים און נידעריג. די טראַגישע נויטווענדיגקייט וואָס ליגט אויף די ברעמען אַפילו פון די ווענוס'עס און קופידאָ'ס פון אַלטערטום און וואָס בילדעט די איינציגע פערענטפערונג פאַר'ן אַריינדרינגען פון אַזעלכע אוננאַטירליכע פיגורען אין דער נאַטור, — וואָרום די איינציגע פערענטפערונג זייערע איז דאָך דאָס, וואָס זיי זענען געווען נויטווענדיג; וואָס דער קינסטלער איז געווען אַזוי פער'שכור'ט דורך דער תאוה צו דער פאָרם, אַז ער האָט זיך ניט געקאָנט איינהאַלטען; און די דאָזיגע שכרות האָט געפונען זיך אַנ'אויסוועג אין די דאָזיגע שענע משונה'דיגע ברואים, — אָטאָ די נויטווענדיגקייט דערהויבט איצטער ניט דעם שניצמעסער אָדער דעם פּינזעל. נאָר דער קינסטלער און דער קענער זוכען איצט אין דער קונסט אַנ'אויסדרוק פון זייער טאַלענט אָדער אַנ'עיר-מקלט, וואו צו בעהאַלטען זיך פאַר די צרות פון לעבען. די מענשען זענען ניט גאָר צופרידען מיט'ן אויסזעהן, וואָס זיי האָבען אין זייער אייגענעם דמיון, און זיי אַנטלויפען צו דער קונסט און גיבען איבער זייערע בעסטע געפיהלען אין אַנ'אָראַטאָריע, אַ סטאַטוע אָדער אַ בילד. די קונסט מאַכט די זעלביגע אָנשטרענגונג, וואָס עס מאַכען די געזונדע חושים: דאָס הייסט אָבצוזונדערן דאָס שענע פון דאָס נוצליכע, אָבטאָן די אַרבייט, אויף וויפיעל מען קאָן אָהן איהר זיך ניט בעגעהן, און, פיינט האָבענדיג זי, אַריבערגעהן צו תענוגים. אָטאָ די טרייסטונגען און בעלוינונגען, אָט דעם אָבזונדערען די שענקייט פון'ם נוצען — דאָס דערלאָזען ניט די נאַטור-געזעצען. ווייבאַלד אַז שענקייט ווערט געזוכט, ניט פון שטרעבונג צו רעליגיע אָדער ליעבע נאָר צוליב פערגעניגען — ערניעדריגט עס דעם זוכער. צו קיין געהויבענער שענקייט וועט ער שוין ניט דערגרייכען ניט אויפ'ן לייווענט און ניט אין שטיין, ניט אין

*) גייסטליכע אָפּערע.

קלאַנגען און ניט אין ליריִשען בוי; אַנ׳אויסגעמאַטערטע, פאַרזיכטיגע, קראַנקע שענקייט, וואָס איז אַפילו גאָר קיין שענקייט ניט — דאָס איז אַלץ, וואָס ער קאָן שאַפען; וואָרום די האַנד קאָן קיין מאָל ניט אויספיהרען אַ זאַך, וואָס איז העכער פון דעם, וואָס בעגייסטערט דעם שעפער.

אַזעלכע קונסט, וואָס שניידט אָב אויף אַזאַ אופן, איז אַליין אָבגעשניידט. קונסט טאָר ניט זיין קיין אייבערפלעכליכער טאַלענט, נאָר זי מוז זיך אָנהויבען אַ סך טיפער אינ׳ם מענשען. איצט זעהען ניט די מענשען, אַז די נאַטור איז שען, און געהען מאַכען אַ סטאַטוע, וואָס בעדאַרף כלומר׳שט זיין שען. זיי פעראַכטען מענשען, וועלכע זיי האַלטען פאַר געשמאַקלאָז, נאַריש און פאַר קשי־עורף — און טרייסטען זיך אַליין מיט פאַרבען־זעקלעך און שטיקער מירמעלשטיין. זיי פערוואַרפען דאָס לעבען, מחמת עס איז פּראָזאַאיש, און שאַפען אַ טויט„ וואָס זיי רופען עס אָן פּאָעזיע. זיי פּטר׳ן ניך אַראָב די שווערע זאָרג פונ׳ם טאָג — און אַנטלויפען צו תאוה׳דיגע חלומות. זיי עסען און טרינקען, כדי זיי זאָלען קענען שפּעטער פערווירקליכען דעם אידעאַל. אַזוי ווערט די קונסט פערשוועכט; דער נאָמען ניט איבער דעם נעמיט בלויז די ניט־וויכטיגע און שלעכטע בעדייטונג; זי שטעהט אינ׳ם דמיון, ווי עפּיס אַזוינס, וואָס איז כנגד דער נאַטור און געשטראָפט מיט טויט פון דעם ערשטען. צי וואָלט דען ניט בעסער געווען אָנצוהויבען העכער — צי דיענען דעם אידעאַל, איידער זיי עסען און טרינקען; צי דינען דעם אידעאַל אינ׳ם עסען און טרינקען, אינ׳ם ציהען דעם אָטעם און אין די לעבענס־פונקציעס? שענקייט מוז קומען צוריק צו די נוצליכע קונסטען און דער חלוק צווישען די שענע און נוצליכע קונסטען מוז ווערען פערגעסען. אויב די געשיכטע וואָלט געווען ריכטיג דערצעהלט, אויב דאָס לעבען וואָלט געווען פערבראַכט אויף אַנ׳איידעל׳ן אופן, דעמאָלט וואָלט ניט געווען גרינג אָדער אַפילו מעגליך צו אונטערשיידען קונסט פון דער נאַטור. אין דער נאַטור איז אַלץ ניצליך און אַלץ איז שען! עס איז שען דערפאַר, ווייל עס לעבט, בעוועגט זיך און ברענגט אַרויס נייע בעשעפעניסען; ס׳איז דערפאַר נוצליך, ווייל עס איז סימעטריש און שען. שענקייט וועט ניט קומען אויפ׳ן רוף פון דער געזעצגעבונג און וועט ניט איבער׳חזר׳ן אין ענגלאַנד אָדער אַמעריקאַ איהר געשיכטע, וואָס זי האָט דורכגעמאַכט אין גריכענלאַנד. זי וועט קומען, ווי שטענדיג, אונגעריכטערהייד, און וועט זיך פּלוצלונג בעווייזען צווישען בראַווע און ערנסטע מענשען. אומזיסט וואַרטען מיר, אַז עס וועט קומען אַ זשעני און איבער׳חזר׳ן די נסים, וואָס זענען אויפגעטאָן געוואָרען אין די אַלטע קונסטען; דעם זשעני׳ס אינסטינקט איז צו געפינען שענקייט און היילינקייט אין נייע און נויטווענדיגע פאַקטען, אין פעלד און ביי׳ן זייט פון וועג, אין פאַבריק און אין מיהל. אַרויסגעהענדיג פון אַ רעליגיעזען האַרצען, וועט די קונסט אויפהויבען ביז צו אַ געטליכען געברויך די אייזענבאַהן, די פערזיכערונגס־געזעלשאַפט, די אַקציאָן־געזעלשאַפט; אונזערע געזעצען, פערזאַמלונגען, האַנדעל, די גאַלוואַנישע באַטעריי, די עלעקטרישע פלאַש, די פּריזמע, דעם כעמיקער׳ס רעטאָרטע; — וואָס ביז איצט זוכען מיר דערין בלויז עקאָנאָמישען נוצען. צי דען איז ניט דער עקאָנאָמישער און אַפילו אַכזריות׳דיגער אויסזעהן, וואָס עס האָבען אונזערע גרויסע

מעכאנישע פאבריקען, אונזערע מיהלען, אייזענבאהנען און מאשינעריע — צי איז דען דאס ניט א פועל-יוצא פון דער תאוה צו געלד, וואס צו איהר געהערען די אלע ווערק? אויב איהר שליחות איז איידעל און גוט, דאן איז א דאמפף-שיף, וואס מאכט א בריק איבער'ן אטלאנטישען אקעאן צווישען אלט-און ניי-ענגלאנד און וואס קומט אן אין די האפענס מיט דער פינקטליכקייט פון א פלאנעט, — אזא שיף איז א טריט פונ'ם מענשען צו דער הארמאניע מיט דער נאטור. אויב וויסענשאפט ווערט געלערנט אין ליעבע, און איהרע קרעפטען ווערען געטריבען דורך ליעבע — דעמאלט וועלען זיי ערשיינען אלס די השלמות און הוספות צו דער מאטעריעלער שאפונג.

פון ענגליש ה. קאלמאנאוויטש.

# כאראקטעריסטיקען

פון די קלאסישע שריפטשטעלער,
וואס קומען אין דיזען העפט.

עדמאנדא ד'אמיטשיס איז א איטאליענישער שריפטשטעלער, געבארען אין יאהר 1846. אין דער יוגענד האט ער געדינט א געוויסע צייט אין מיליטער אלס אונטערלייטענאנט; אין 1871 האט ער פערלאזען דעם דינסט און האט זיך גענומען צו ליטעראטור. זיין ערשטעס געדרוקטעס בוך La vita militare („דאס מיליטערישע לעבען") האט איהם געמאכט א גרויסען נאמען. דערנאך האט ער אנגעשריבען א רייהע סקיצען און נאוועלען פון זיינע רייזען, וועלכע ער האט געמאכט איבער א סך לענדער אין עטליכע העלפטעלען. די דאזיגע ווערק, געשריבען אין א קלוגער, שעגער שפראכע, האבען איהם נאך מעהר פאפולער געמאכט, ווי אין זיין אייגען לאנד, אזוי אויך, ווייט איבער די גרענצען פון איטאליען. ד'אמיטשיס בעריהרט ניט קיין גרויסע וועלט-פראבלעמען, שילדערט ניט קיין דראמאטישע מאמענטען, קיין מעכטיגע ליידענשאפטען און צוזאמענשטויסונגען, פון דעם מענשענס נאטור מיט דער ארומיגער אויסענוועלט. זיינע טעמעס זענען פיעל מעהר רוהיגע, ניט זעלטען ריהרענד-סענטימענטאלע, אבער אימער גענומען פון דער לעבעדיגער וואהרהאפטיגקייט פונ'ם לעבען. זיינע העלדען זענען, הויפטזעכליך, מענשען פון פאלק, קינדער, מיט דינע, צארטע נשמות און טיפער ליעבע אין ברוסט צו אליך, וואס איז איידעל, שען און ערהאבען. ניט שטעהענדיג אין די ערשטע רייהען פון די איראפעאישע קינסטלער און דענקער, איז ד'אמיטשיס דאך שטארק געליבט ניט נאר ביי זיך אין דער היים, נאר אין דער גאנצער קולטורעלע וועלט. אין זיינע בעסטע ווערק ד'אמיטשיס ליעבע צו אליך, וואס איז ערנידעריגט און ליידט, ליעבע צו אמת, צו ליכט און זייערע טרעגער; אכטונג צו ארבייט און איהרע פארשטעהער, רחמנות און ליעבע צו מענשען בכלל.

אָפּט גיט ער אונז זײַנע שילדערונגען אין אַזוינע לעבהאַפטע און ריהרענדע בילדער, אַז איינינע פון זײַנע שריפטען (שול־חברים), האָבען אויסגעהאַלטען ביז הונדערט אויפלאַגען. צו זײַנע בעסטע ווערק, וואָס זענען שוין לאַנג איבערזעצט אין אַלע אייראָפּעאישע שפּראַכען, געהערען, אַחוץ די אויבען־דערמאָנטע „שול־חברים" אויך „די לעהרערין פון אַרבײַטער" און „די מוטער", וועלכע מיר דרוקען אין דיזען העפט.

---

אַלעקסאַנדער סוויענטאָכאָווסקי (געבוירען 1849) — אַ שרײַבער, אַ פּובליציסט און אַ קעמפער געגען די קאָנסערוואַטיווע וועלטאַנשויאונגען און אידעאַלען. ער איז בעקאַנט אין פוילען אַלס זשורנאַליסט (געאַרבײַט אין Przegląd tygodniowy און אין Nowiny נאָכדעם אין דעם וועכענטליכען זשורנאַל Prawda „פּראַוודאַ") ניט ווייניגער ווי אַלס בעלעטריסט און דראַמאַטורג. אין אַלע זײַנע ווערק, אי אין די פּראָזאַאישע, אי אין די פּאָעטישע, בעהאַנדעלט ער שטענדיג אַזוינע פראַגען, וואָס זענען שייך צו דער גאַנצער געזעלשאַפט, צו דער גאַנצער מענשהייט. אין דעם פּרט איז דאָס בעריהמטעסטע ווערק זײַנס — די דראַמע „Duchy" („גייסטער"), וואו אונטער אַלעגאָרישע פיגורען ווערט געשילדערט דער פּראָגרעס פון דער מענשהייט פון דער נידעריגסטער שטופע, ווען די מענשען זענען נאָך האַלב־ווילדע, ביז דעם קולטורעלען צושטאַנד, ווען די בעסטע הויבען זיך אָן בעגײַסטערען מיט אידעאַלען פון גלײַכהייט און פרײַהייט. דער גאַנצער פּראָגרעס ווערט געשילדערט אין דער פאָרם, אַז מענשען הויבען אָן ניט פאָלגען די מעהרהייט, הויבען אָן זוכען נײַע וועגען, און זוכענדיג פעראייניגען זיי זיך צום קאַמפף פאַר זייערע אידעאַלען.

דער געזעלשאַפטליכער קאַמפף, די מרידה געגען דעם ליגען און די צבועות פון דער הײַנטיגער געזעלשאַפט ווערט געשילדערט אין סוויענטאָכאָווסקי'ס טרילאָגיע Niesmiertetne Dusze („אונשטערבליכע זעלען"), וועלכע בעשטעהט פון די דרײַ דראַמען: Ojciec Makary („דער פּאַטער מאַקאַרי"), Aurely Wiszar („אוירעלי ווישאַר") און Regina („רעגינאַ"). אין די דראַמען ערדרייסטען זיך די העלדען צו האַנדלען אַזוי ווי זיי פערשטעהען, זיי ווילען ניט „לויפען צוזאַמען מיט דעם שטויב־וואָלקען" אַהין, וואוהין אַלע לויפען — און מוזען סוף כל סוף אומקומען אין זייער קאַמפף.

דער מענש אַלס אַ געזעלשאַפטליכע ערשײַנונג, דער מענש אַלס פּראָדוקט פון דער סביבה און אַלס פרײַ־האַנדעלנדע פּערזענליכקײַט, דער ליגען פון דער געזעלשאַפט און דער קאַמפף פאַר בעפרײַאונג, די שטרעבונג צו נײַע לעבענס־פאָרם און דער גרויסער גלויבען אין דעם ענדגילטיגען זיעג פון דעם אמת — דאָס איז דער אינהאַלט פון אַלע סוויענטאָכאָווסקי'ס דראַמען און נאָוועלען.

די נאָוועלע „חוה רובין", וואָס מיר גיבען דאָ, איז גענומען פון זײַן סעריע ערצעהלונגען O zycie („וועגען לעבען") — וואו ער דערצעהלט אין ריהרענדע סצענעס דעם גורל פון אַ דײַטש, אַ רוס און אַ יודענע, וועלכע האָבען געוואָלט אַרבײַטען אין פוילען און געפינען זייער גליק —

און האבען אלע געפינען דעם טויט. די ערצעהלונגען האבען ארויסגערופען געגען ס. א גאנצען שטירעם מצד די פוילישע „פאטריאטען“.

אין סאוויענטאכאווסקי'ס שרייבען איז אפט פאראן מעהר אידעען, איידער אינטימעם געפיהל, מעהר טעארעטישע שמועסען, איידער לעבעדיגע געשטאלטען. „הוה רובין“ בעווייזט, אז אויך אין מאלען וויכע, ריהרענדע סצענעס איז ס. געווען דער גרויסער מייסטער.

———————

## וולאדימיר קארָלענקא. (געבוירען 1853, לעבט נאך איצט)

איז איינער פון די עדעלסטע און טאלענטפאלסטע רוסישע שריפטשטעלער־אידעאליסטען. זיין יוגענד האט ער פערבראכט אין וואליניען, און דערמיט ערקלערט זיך די בעזונדערע וויכקייט און הארציגקייט פון זיין שרייבען — די פריינדליכע חנ'ודיגקייט זיינע, א וועלכע מיר בעגעגענען נאר אין דער פאלקס־טימליכער קליין־רוסישער ליטעראטור. דאס ערשטע גרעסערע ווערק, וועלכעס האט איהם געמאכט בעריהמט צווישען דעם בריטען פובליקום און איהם גלייך אװעקגעשטעלט צווישען די בעסטע רוסישע שריפטשטעלער, איז געווען די ערצעהלונג „Сонъ Макара“ („מאקאר'ס חלום“). (נאך דער טעמע זעהר נאהענט צו פרץ'ס „באנציע שוויינ“). דאס איז א האלבע פאנטאזיע, אבער דורך און דורך פול מיט רעאליזם. עס דערצעהלט זיך אין איהר, ווי מאקאר, א פערווילדעטער, פערגרעבטער סיבירער פויער, א מענש, וואס איז מעהר געגליכען צו א חיה, ווי צו א מענשען, האט זיך געשטעלט פאר'ן משפט פון גאט („גאט“ אין מאקאר'ס פארשטעלונג איז א גרויסער „פריץ“) און האט סוף כל סוף דערוויזען, אז אין אלע זיינע חטאים איז ער ניט שולדיג, ווארום דאס לעבען צווינגט איהם צו זיין אזוי און ניט אנדערש. אין דער ערצעהלונג האט קארָלענקא ארויסגעוויזען די אלגעמיינע אייגענשאפט פון זיין טאלאנט: געפינען מענשליכעס אפילו אין אזוינע נשמות, וואו ס'איז, דאכט זיך, אויסגעלאשען יעדע שפור פון מענשליכע געפיהלען.

פון די איבעריגע קארָלענקא'ס ווערק זעגען בעזונדערס בעריהמט זיין „בלינדער מוזיקאנט“ (איבערזעצט אין יודיש) וואו עס שילדערט זיך די פסיכאלאגיע פון א בלינד־געבוירענעם קינד. דאס שעהנסטע אין דער ערצעהלונג איז די שילדערונג פון דער קליין־רוסישער נאטור — איינע פון די בעסטע אין דער רוסישער ליטעראטור. פון דער צייט, ווען ער איז געווען פערשיקט אין סיביר, האט קארָלענקא אנגעשריבען זיינע סיבירער בילדער Записки сибирскаго туриста וואו ער מאלט פערשיידענע טיפען פון פערשיקטע, קאטארושניקעס און אדמיניסטראטארס. פון זיין רייזע קיין אמעריקא האט ער געבראכט די ערצעהלונג Безъ языка („אהן א צונג“, אויך פאראן אין יודיש), וואו עס איז פארגעשטעלט דער געגענזאץ צווישען דעם גרויסען, רעש'דיגען, קאכיגען לעבען אין ניו־יארק און דער פסיכיק פון א איינפאכען פוילישען פויער — אנ'אנגעקומענעם עמיגראנט. אין דער ערצעהלונג Въ дурномъ об-вѣ („אין א שלעכטער געזעלשאפט“) און אין דעם גרויסען באנד „Исторія моего современника“ („די געשיכטע פון מיין צייט־גענאסען) ניט קארָלענקא שטריכען פון זיין איינענער ביאגראפיע.

בכלל, ווען מען לייענט קאָראָלענקאָ׳ס ווערק, פיהלט מען, אַז דאָס זענען ניט קיין אויסגעטראַכטע מעשׂיות, נאָר אין גרונד פון יעדען ליגט אַ רעאַלער איבערגעלעבטער פאַקט. דאָס מאַכט זיינע ווערק בעזונדערס רעאַל — און דאָך בלייבען זיי אַזוי קינסטלעריש־ריין און אַזוי דורכגעוועבט מיט די שענסטע פערלען פון פאַנטאַזיע.

קאָראָלענקאָ איז אין זיינע ווערק, ווי אין זיין לעבען, דער גרויסער מענשען־פריינד, דער ערהאַבענער, אָביעקטיווער, רוהיגער בעאָבאַכטער, וועלכער זעהט אַלצדינג און פערשטעהט אַלצדינג, און טאַקי ווייל ער זעהט און פערשטעהט מעהר ווי אַנדערע, ענטדעקט ער דאָס **גוטע** אין׳ם מענשען אַפילו דאָרט, וואו אַנדערע האָבען דאָס ניט געזעהען. זיינע ווערק זענען דורכגעדרונגען מיט אַ בעזונדער הומאַנער ווייכער שטימונג, מיט אַ טרוימערישען אידעאַליזם, וועלכער מאַכט ניט נאָר די ווערק, נאָר אויך דעם שריפטשטעלער נאָהענט צום הארצען און צו דער נשמה פונ׳ם לעזער.

דאָס ווערק „Лѣсъ шумитъ“ („דער וואַלד רוישט“), וואָס מיר גיבען אין דעם ביכעל, איז בעזאָנדערס כאַראַקטעריסטיש דורך די וואַלד־בילדער און דורך דעם שטילען ליריזם, וועלכער וויקעלט אַרום די גאַנצע האַנדלונג און מאַכט אַפילו דאָס טראַגישע זאַנפט און מילד, ווי אַ לעגענדע. די ערצעהלונג פון דעם אַלטען וואַלד־וועכטער איז אַ מייסטער־ווערק לויט דער פאָרם און דעם אַלגעמיינעם טאָן.

קאָראָלענקאָ בעשעפטיגט זיך די לעצטע יאָהרען מעהר מיט פובליציסטיק. אַלס רעדאַקטאָר פון דעם זשורנאַל „רוסקאָיע באָגאַטסטוואָ“ (פון 1896 אָן) פערנעהמט ער איינעם פון די בכבוד׳יגסטע פלעצער אין דער רוסישער זשורנאַליסטיק. אַלס געזעלשאַפטליכער טוער איז זיין נאָמען איינער פון די פאָפולערסטע צווישען אַלע שיכטען פון דער רוסישער דעמאָקראַטיע.

---

**גיאי דע מאָפּאַסאַן.** (געבוירען 1850, געשטאָרבען 1893) איז איינער פון די גרויסע אין דער אַלוועלטליכער ליטעראַטור. איהם לייענט מען און מען שעצט איהם אין אַנדערע לענדער ניט ווייניגער, אויב ניט נאָך מעהר, ווי אין זיין אייגענער היימאַט.

דער גרונד־מאָטיוו פון דעם גאַנצען מאָפּאַסאַנ׳ס שאַפען איז **די פרוי**, די בעציהונג צווישען די געשלעכטער, דאָס וואָס מען רופט היינט מיט דעם ניי־מאָדישען נאָמען **געשלעכט־פּראָבלעם**. נאָר בעהאַנדלענדיג דאָס פּראָבלעם, בלייבט מאָפּאַסאַן שטענדיג אויפ׳ן **סאָציאַלען** באָדען. די פראַגע איז פאַר איהם אַ **געזעלשאַפטליכע** פראַגע. וואָס וואָלט די געשלעכטליכע ליעבע **געקענט** זיין, און וואָס **איז זי** ביי דער היינטיגער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג, וואו פּראָסטיטוציאָן איז אַ נאָרמאַלע ערשיינונג, וואו דער פיזישער הונגער איז די גרעסטע טרייבענדע קראַפט, — דאָס דערפיהלט איהר, ווען איהר לייענט איבער איינע פון די ערשיטערנדע מאָפּאַסאַנ׳ס נאָוועלען. זיינע נאָוועלען זענען שטענדיג **ערשיטערנד**, זיי ערגרייפען אייך שטענדיג מיט בעזונדערן

כה, וואָרום אַזוי שאַרף און אַזוי טראַגיש, ווי מאָפּאַסאַן, האָט
זעלטען ווער געשריבען.

גראַף לעוו טאָלסטאָי האָט געשריבען אין אַ הקדמה צו מאָ־
פּאַסאַנ׳ס ווערק:

„ס׳איז קיים דאָ נאָך עמיצער, ווער ס׳איז אַזוי אויפריכטיג געווען
איבערצייגט, אַז דאָס גאַנצע גליק, דער גאַנצער זין פון דעם לעבען איז
אין דער פרוי, אין דער ליעבע... און ס׳איז קיים דאָ נאָך עמיצער, ווער
ס׳האָט אַזוי קלאָר און דייטליך בעוויזען דעם גאַנצען שרעק פון דער
ערשיינונג, וועגען וועלכער ער האָט געגלויבט, אַז זי איז די העכסטע און
גיט דאָס גרעסטע גליק אין לעבען״.

ס׳וואָלט אָבער געווען אַ טעות צו רעכענען, אַז מאָפּאַסאַן איז טענ־
דענציעז. ווייניגער פאַר אַליץ בעמערקט זיך ביי איהם דער חשק
צו מוסר׳ן, צו לערנען. ער האָט נאָר אַ שאַרף אויג און אַ שאַרפען פּינזעל
— און וואָס ער מאָלט אויס, שרייט מיט אַלע פאַרבען פון דער שרעקליכער
ווירקליכקייט.

מאָפּאַסאַן איז אַ טראַגישער שריפטשטעלער. אין יעדער,
אַפילו אין דער קירצעסטער פון זיינע נאָוועלען, ענטפּלעקט זיך פאַר אייך
אַ טראַגעדיע פון׳ס מענשליכען גייסט, עפּעגען זיך אָבגרונדען, וועלכע
איהר האָט פריהער ניט בעמערקט. מאָפּאַסאַן האָט איינגעזאַפּט אין זיך דאָס
גאַנצע היינטיגע לעבען, דאָס לעבען פון אַלע שיכטען, אַלע קלאַסען
פון דער בעפעלקערונג, פון די אָרימסטע, די עלענדסטע, ביז די שפּיצען
פון יחוס און רייכטום — און אומעטום האָט ער אונז געוויזען שוואַכהייט
און גרויסקייט, נידערטרעכטיגקייט און שטאָליץ, אָבהענגיגקייט און גלויבען,
שלום און מלחמה — אַלעס איבערגעמישט, אַלעס אין צוזאַמענשטויס, אין
קאָנפליקט, אין אַ שטענדיגער מלחמה. און מאָפּאַסאַן האָט געליטען צוזאַמען
מיט דער וועלט, וואָס ער האָט געשילדערט, און האָט געפּלאָגט זיך אַזוי
לאַנג, ביז ער איז אַראָב פון זינען.

אין מאָפּאַסאַנ׳ס ווערק וועט איהר אָבער ניט אַזוי לייכט בעמערקען
דעם שמערץ פון׳ס שריפטשטעלער גופא. דאָ העלפט איהם זיין פיינע,
אידעלע איראָניע. מיט אַ שמייכעל פון אַ גאון — אַ חכם בעאָבאַכ־
טעט ער דאָס לעבען, בעמערקט דעם שמוץ און די העסליכקייט פון דעם
מענשען, און ווייזט אייך: גאַ׳ט, זעהט, אָט דאָס געפינט זיך אין אייער
געזעלשאַפט. אָבער טוען טוט ער דאָס אַזוי, אַז ניט שטענדיג קענט
איהר זיך אָבגעבען דין וחשבון, וואו האַלט איהר מיט דעם שרייבער:
צי איז איהם דאָס העסליכע ליעב און נאָהענט, צי עס עקעלט איהם. נאָר
אין אַלגעמיינעם צוזאַמענהאַנג ווערט אייך קלאָר די כונה פון׳ס אויטאָר.

בעזאָנדערס בייסענד איז מאָפּאַסאַנ׳ס איראָניע, ווען ער מאָלט דעם
שטאָטישען קליין־בירגער, מיט זיין גראָשענדיגער פסיכאָלאָגיע, מיט
זיינע קרעמערשע אידעאַלען און לאַנגווייליגע הטאים. דאָ געהט ער איבער
צום שאַרפסטען סאַרקאַזם. און ווי כדי אָבצורוהען זיך פון דער קליין־
בירגערליכער בלאָטע איילט ער אין דאָרף אַריין, צום פּראָסטען פויער;
דאָ געפינט ער נאָך געזונדע אינסטינקטען, מגושמ׳דיגע, אָבער גאַנצע
געפיהלען, פייערדיגען דראַמאַטיזם. אָבער אויך דאָ געפינט ער די ווירקונג

פון דער שטאט, פון דער בורזשואזיע (אזא מאמענט איז געשילדערט אין דער ערצעהלונג, וואס מיר דריקען אין אונזער זאמעלבוך) און מיט עקעל ענטלויפט ער ווידער צוריק אין די העכערע שיכטען, צו דער אדעליגער אריסטאקראטיע. דארט איז די היצוניות, די פארם פונ׳ם לעבען, שעהן און גלענצענד, דארט פיהלט זיך מאפאסאן, אליין א געבוירענער אריסטאקראט, בעסער ווי אומעטום, אבער אויך דארט זעהט ער פאלשקייט און צביעות, אויסווענינגסטע פריינדשאפט און בעהאלטענע קאלטקייט, אויסווענינגסטע פראכט און אינווענינגסטע פוסטקייט. דארט האט מאפאסאן געפונען שטאף פאר זיין לעבענס-פילאזאפיע, וועלכע ערקלערט, אז שטענדיג איז דער מענש אליין, אפילו צווישען פריינד, אפילו צווישען די אינטימסטע געליבטע מענשען. שטענדיג בלייבט ער איינזאם. די איינזאמקייט איז אויך איינע פון די מאטיווען פון מאפאסאנ׳ס שאפען.

מאפאסאן איז א טראגישע פיגור. נאר אבערפלעכליכע לעזער קענען געפינען ביי איהם לייכטזין. אזא טעות נעהמט זיך דערפון, וואס קיינער קען ניט אזוי ווי מאפאסאן בעהאלטען אונטער א שמייכעל זיין אינווענינגסטען וועהטאג.

מאפאסאן איז דער גרויסער פסיכאלאג, דער אויסערגעוועהנליכער מענשען-קענער. די נשמה פון אלע מענשען ליגט פאר איהם קלאר, ווי אנ׳אפענער ספר. דער אריסטאקראט און די פראסטיטוטקע, דער אפיציר און דער בעטלער, דער פאליטיקער און דער סאלדאט, דער פויער און דער קינסטלער — אלע זענען איהם בעקאנט און נאהענט, און אין אלע דערזעהט ער דאס, וואס קיינער האט ביז איהם ניט געזעהען. אין דעם פרט זענען זיינע ערצעהלונגען פון דעם פרייסיש-פראנצויזישען קריג — איינע פון די וואונדערבארסטע אין אלע ליטעראטורען פון דער וועלט.

בעריהמט איז מאפאסאן מעהר דורך זיינע נאוועלען. ער האט אבער אויך געשריבען גרויסע ראמאנען און דראמען. די בעליעבטסטע פון זיינע ראמאנען זענען Bel Ami („דער ליעבער פריינד״) Pierre et Jean („פיער און זשאן״) Fort comme la mort („שטארק ווי דער טויט״) און Notre coeur („אונזער הארץ״).

------

**ראלף וואלדא עמערסאן.** אמעריקאנער פילאזאף און דיכטער. געבארען 1803, געשטארבען 1882. צוזאמען מיט קארלייל און טען געהערט ער צו די גרעסטע דענקער און דיכטער פון דעם פאריגען יאהרהונדערט. א זוהן פון א גלח האט ער אין דער יוגענד זיך געגרייט אליין צו זיין א גלח. איז געווען א געוויסע צייט פרעדיגער אין באסטאן. נאר זיין פרייער און זעלבסטשטענדיגער גייסט, דער גייסט פון א דיכטער און פילאזאף האט זיך געפיהלט ענג אין די גרענצען פון קירכליכע דאגמען, (עקרים). אין יאהר 1832 האט ער זיך אבגעזאגט פון זיין בערוף אלס רעליגיאנס-פרעדיגער און האט זיך אנגעהויבען בעשעפטיגען מיט לעזען עפענטליכע לעקציעס און מיט ליטעראטור. אין יאהר 1833 האט ער געמאכט א רייזע איבער אייראפא, איז בעקאנט געווארען מיט די גרעסטע אייראפייאישע דענקער, בעזאנדערס מיט דעם פראנצויזישען היסטאריקער

און פילאזאף — קארלייל, מיט וועלכען ער איז געבליבען פערבונדען אין טרייער פריינדשאפט אויפ'ן גאנצען לעבען. די רייזע איבער אייראפא, איבערהויפט איבער ענגלאנד, האט איהם בעקאנט געמאכט מיט די טראדיציאנעלע קולטור-פארמען פון דער אלטער וועלט און האט אין איהם ענטפלעקט דעם טאלענט פון א פסיכאלאג. פון דעמאלט אן הויבט עמערסאן אן צו שרייבען זיינע בעריהמטע עסעים — קריטיש-פילאזאפישע מאמרים, וועלכע האבען איהם ערווארבען אנ'אלוועלטליכע בעריהמטהייט און געמאכט אונשטערבליך זיין נאמען. אין זיינע עסעים זענען פעראייניגט די שענסטע פאעזיע מיט דעם טיפסטען פילאזאפיש-קריטישען געדאנק, צו אזא גראד, אויף וועלכען די גרעסטע דענקער פון אלע צייטען זענען נאר געוועזען פעהיג זיך אויפצוהויבען. עמערסאן איז דער פארשטעהער פון יענער אזוי גערופענער אמעריקאנישער טראנסצענדענטאל-פילאזאפישער וועלט-אנשויאונג, וועלכע גיט צו א גרויסע בעדייטונג דער זעלבשטענדיגקייט פון דעם מענשענס פערזענליכקייט. פון דער נאטיר — הייסט עס לויט אט דער וועלט-אנשויאונג — האבען אלע מענשען גלייכע גייסטיגע און מאראלישע פעהיגקייטען, יעדער קאן זיך דערהויבען צו דער מדרגה פון א העלד, א דיכטער, א דענקער, ער דארף נאר האבען צו זיין ענטוויקלונג די גינסטיגע אויסערליכע אומשטענדען. די נאטור איז די אפענבארונג, די התגלות, פון גאט און גאט איז שענהייט, חכמה, ליעבע און קראפט. עמערסאן איז געוועזען א ווארעמער אנהענגער פון פוריע'ס קאמוניסטישע אידעאלען און האט גענומען אנטייל אין דער קאמוניסטישער פערם, וואס האט זיך אין די פערציגער יאהרען געגרינדעט אין ברוקלין.

זיינע בעריהמסטע מאמרים זענען: Representative men („עסעים וועגען גרויסע מענער“), Essays on the nature („עסעים וועגען דער נאטור“), Method of nature and man the reformer („מעטאד פון דער נאטיר און דער מענש אלס רעפארמער“) און אנדערע. צו די בעסטע עסעים עמערסאנ'ס בעלאנגט אויך דער ארטיקעל „קונסט“, וואס איז געדרוקט אין דיזען העפט.

פראָגראַם, וועלכען מיר האָבען פאַר זיי אָנגעצייכענט. מיר וועלען ניט שפּאָרען קיין מיה און טון אַליץ, וואָס הענגט אָב פון אונזערע קרעפטען.

מיר בעטען אונזערע לעזער און פריינד אַרויסזאָגען זיך אין שפּרעכזאַאל פונ'ם זשורנאַל, ווי וועגען דער בעלעטריסטיק, אַזוי אויך וועגען די אַרטיקלען וואָס קומען אין'ם זאַמעלבוך. די לעזער קענען אויך פריי אויסדריקען זייער פערלאַנג: וואָס, נאָך זייער מיינונג, עס דאַרף איבערזעצט ווערען אין יודיש פון די אייראָפּעאישע קלאַסיקער און וועלכע פראַגען עס דאַרפען דורך אַרטיקלען בעריהרט ווערען, ווי אין זשורנאַל, אַזוי אויך אין די שטראַהלען.

מיר פון אונזער זייט וועלען זיך, אַזוי ווי ביז אַהער, אימער צוהאָרכען צו די מיינונגען פון אונזערע לעזער און ערפילען זייערע ערנסטע פערלאַנגען. מיר נויטיגען זיך אָבער אויך אין דער מאָראַלישער שטיצע פון אונזערע לעזער. זיי מוזען אונז מיטווירקען און העלפען פערשפּרייטען אונזערע אויסגאַבען, אַז דער זשורנאַל און די זאַמעלביכער זאָלען קענען עקסיסטירען און זיך פערפאָלקאָמענען. אום די יודישע ליטעראַטור זאָל זיך קענען נאָרמאַל ענטוויקלען, מוז איהר פערשפּריי-טונג ווערען די זאַך פונ'ם פאָלק אַליין. וואָס גרעסער די צאָהל פון אונזערע לעזער וועט זיין, אַלץ מעהר וועלען מיר האָבען די מעגליכקייט צו מאַכען גרעסער, אינהאַלטסרייכער און ביליגער אונזערע אויסגאַבען. מיר האָפען, אַז די לעזער און פריינד אונזערע וועלען אונז ניט ענטזאָגען זייער הילף אין אונזער אַרבייט.

די רעדאַקציע.

---

## עס ווערט אָנגענומען דאָס אַבאָנעמענט

אויף דעם מאָנאַטליכען, אונפּאַרטייאישען, געזעלשאַפטליך-ליטעראַרישען און פּאָפּולער-וויסענשאַפטליכען זשורנאַל

# לעבען און וויסענשאַפט.

רעדאַגירט פון **ש. הורוויץ.** (א. ליטווין).

אַבאָנעמענטס-פּרייז: אויף אַ יאָהר 3 רובל; אַ האַלב יאָהר 1 ר. 50 ק.; אויף אַ פערטעל יאָהר 80 קאָפּ. איינצעלבאַנד ביי צייטונגס-פערקויפער 25 ק. מיט פּאָרטאָ 32 ק.

די יעהרליכע און האַלביעהרליכע אַבאָנענטען בעקומען אַלס פּרעמיע די ווערק פון פאָלגענדע יודישע קלאַסיקער:

1) י. ל. פּרץ זעמטליכע ווערק, אין 2 גרויסע בענדער, נייעסטע אויפלאַגע, פּרייז 2 רובל — פאַר 1 רובל. 2) שלום עליכמ'ס נייעסטע יובילעאומ'ס אויסגאַבע, צוויי פּראַכטבענדער, פּרייז 2 רובל — פאַר 1 רובל. 3) א. רייזענ'ס פּראַכט-אויסגאַבע אין צוויי בענדער, פּרייז 2 רובל 50 ק. — פאַר 1 רובל. פּאָרטאָ פאַר יעדע פּרעמיע 50 ק. 2 פּרעמיעס — 75 ק. פאַר אַלע דריי — 1 רובל. די אַבאָנענטען וואָס נעהמען אָב די פּרעמיע דירעקט: אין ווילנא פון ז. סרעבערק (סטעפּאַן-גאַס 6) אין וואַרשא פון י. לידסקי (נאַלעווקי 36) צאָהלען ניט פאַר פּאָרטאָ.

פּרייז פאַר אַנאָנסען: נאָכ'ן טעקסט: אַ גאַנצע זייטע — 30 רובל, אַ האַלבע — 15 רובל. אַ פערטעל — 8 רובל. פער צייליע — 30 ק. אַ שורה דימענט. פאַר'ן טעקסט — דאָפּעלט.

## דאָס 5-טע בוך „לעבען און וויסענשאַפט“ דרוקט זיך און

## וועט קירצליך ערשיינען.

Адресъ: редакція „**Лебенъ унъ Висеншафтъ**“ Вильно.

---

מיט בעשטעלונגען פאַר די זאַמעלביכער זיך צו ווענדען:

**Редакція „Лебенъ унъ Висеншафтъ„ Вильна·**

26948


אין פערלאגס-בוכהאנדלונג פון **שלמה שרעבערק**
אין ווילנא איז ארויס פון דרוק

# שריפטען פון ליפמאן-לעווין

ערשטעס בוך, גרויסער פארמאט, שענע אויסגאבע, מיט'ן בילד פונ'ם מחבר.

דאס ערשטע בוך באשטעהט פון צוויי אבטהיילונגען: I — **יודיש** און II — **צווישען צוויי וועלטען.** אין דעם בוך געהען איין פאלגענדע ערצעהלונגען: 1—נתן דער פאקען-רעגער, 2—א גלות-יוד, 3—מאירקע סוד-בארען, 4—אני אמא-ליגער, 5—בילדער, 6—די פאמיליע אורת, 7—גלות אבגעריכט, 8—משיח, 9—צום בלאטען הימעל, 10—א שותף, 11—דער שטומער מניר, 12—א יודישע טאכטער, 13—א סדרה — יענקעלע, 14—חיים בוואן, 15—אויף דער עלטער, 16—אני'אוצר, 17—דער יחסן.

**פרייז 80 קאפ. מיט פאסטא ו רוב., פער נאכנאהמע ו ר. 17 ק.**

Книгоиздательство и книжн. маг. **З. Ш. Сребергъ.** Вильно.

---

עס ווערט אנגענומען דאס אבאנעמענט אויף יאהר **1909**

## אויף די פערשפרייטעסטע טעגליכע צייטונג

# „אונזער לעבען"

אין וועלכען עס נעהמען אנטייל די בעסטע פובליציסטישע און ליטעראַרישע קרעפטען.

אויסער די פרישעסטע אינפארמאציעס און ספעציעלע ידיעות פון די ערשטע קוועלען, ערקלערט „**אונזער לעבען**" אין לייט-ארטיקלען און איבערזיכטן אלע פאליטישע און געזעלשאפטליכע צייט-פראגען, ווי איבערהויפט אלע וויכטיגע פאסירונגען, וואס אינטערעסירען דעם לעזער אלס יוד, מענש און בירגער.

פון דער גאסיד. דומע ברענגט „**אונזער לעבען**" אויסער דעפעשען פון די טעלעגראפען-אגענטורען, אויך אייגענע דעפעשען פון איהר ספעציעלען קארעספאנדענט אין דער דומא. טעלעגראפישע מעלדונגען אין גענויע בעריכטען וועגען אלץ וואסקומטפאר אין דער דומא און צווישען די דעפוטאטען. „**אונזער לעבען**" איז באזונדערס אויפמערקזאם צו אלע פראגען, וואס קאהרען זיך אן מיט יודען אין רוסלאנד און אין אויסלאנד. „**אונזער לעבען**" ברענגט זיינע לעזער פיעל ליטעראַרישע מאטעריאל, פעליעטאנען, ערצעהלונגען, ליטעראַרישע איבערזיכטען, קריטיק, הומאר און דערגלייכען פון אונזערע בעסטע שרייבער.

רעדאקטאר-ארויסגעבער **ש. האכבערג.**

אבאנעמענטס-פרייז אין רוסלאנד:

**יעהרליך 6 ר, האלב יעהרליך 3 ר, פיערטעל-יעהרליך 1.50 א מאנאט 60 ק.**

**פרייז פון א איינצעלנעם נומער נאר 2 קאפ.**

Редакція „УНЗЕРЪ ЛЕБЕНЪ", Варшава, Велькая 48.
Redakcia „UNSER LEBEN", Warszawa, Wielka 48.


---


„ШТРАЛЭНЪ". т. ѳ. „ЛУЧИ".

Литературный сборникъ.

---

Типографія Б. А. Клецкина. Вильно, Завальная, 33.